STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07398

FERTSIG YOHR IN DER IDISHER ARBEYTER BAVEGUNG

Bernard Weinstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערציג יאָהר אין דער
אידישער אַרבייטער באוועגונג.

פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג

(בלעטלאך עראינערונגען)

פון ב. ווײנשטײן

מיט א פאָרוואָרט
פון אב. קאַהאַן

אַרויסגעגעבען פון
פאַרלאַג „וועקער״ פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד
175 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק, 1924

Copyright, 1924, by
Jewish Socialist Verband

אַפּ־טו־דעיט פּרינטינג קאָ., אינק., 195 קאנעל סט., ניו יאָרק.

ב. וויינשטיין

פאָרוואָרט פון אב. קאהאן.

עס איז מיר געווען אמת אנגענעהם צו הערען אז מיין לאַנג-יעהריגער פריינד און גענאָסע בערנאַרד וויינ־שטיין קלייבט זיך צו שרייבען זיינע ערינערונגען, און איצט, אז ער האָט שוין זיין פלאַן פאַרווירקליכט און זיינע ערינערונגען וועלען אין גיכען ארויסקומען אין בוך פאָר־מע, באגרים איך דיזע ווערק זיינע פון טיפסטען הארצען.

מיר זיינען באקאנט געוואָרען ווען מיר זיינען נאָך ביידע געווען „גרין" אין אמעריקא, נאָר אַ מאָנאַט אדער צוויי אין לאנד. פון דאַן אָן ביז היינט זיינען מיר אימער צוזאמען אין דער באַוועגונג און אימער נאָהענט אין אונ־זער פערזענליכער פריינדשאַפט — שוין א געשיכטע פון צוויי-און-פערציג יאָהר.

גענאָסע וויינשטיין איז מיט עטליכע יאָהר אינגער פון מיר און ווען מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל גע־טראָפען איז ער נאָך געווען גאָר יונג. איך בין שוין דאַן געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און זיצענדיג צוזאַ־מען ביי דער אַרבייט אין אַ פאַבריק, פלעגען מיר גאַנצע טעג שמועסען וועגען מיין אידעאַל, וועלכער איז אויך גע־וואָרען זיין אידעאַל. מיר פלעגען ריידען וועגען די אַנטייל־נעהמער אין דעם רוסישען פרייהייטס-קאַמף, וועגען זייער פראָגראַם, זייערע העלדישע אונטערנעהמונגען און זייער מאַרטירעריי, וועגען דער אַרבייטער באַוועגונג אין דייטש־לאַנד און וועגען די גרונד-געדאַנקען פון דעם סאָציאַליזם.

אַזוי ווי נעכטען וואָלט דאָס געווען, געדענק איך ווי זיין נאָך גאָר יונגער פנים האָט געשיינט מיט בעגייסטערונג אין דיזע געשפרעכען.

מיר האָבען ביידע צוזאַמען צוטיילט די הענדבילס

צו דער ערשטער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג, וואָס איז ווען עס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אַמעריקאַ.

ער האָט אויף אַלעמען אימער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ זעהר מילדען, גוט־הערציגען און ליבליכען. אין אונזער באַוועגונג האָבען איהם אַלע אימער געליבט אלס אַ טרייען, איבערגעבענעם חבר. ער איז אימער געווען באַרייט זיך צו אָפּפערען פאר דער באַוועגונג. קיין געגנער האָט גענאָסע וויינשטיין קיינמאָל ניט געהאַט; פריינד, וואַרימע פריינד — הונדערטע.

ווען עס זיינען געגרינדעט געוואָרען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, איז גענאָסע וויינשטיין געווען איינער פון די גרינדער און ער איז אויך געווען די געווערקשאַפטען'ס ערשטער סעקרעטער.

זיין פערזענליכע געשיכטע פון די לעצטע צוויי־און־פערציג יאָהר איז די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג אין אַמעריקאַ. אזוי ווי ער איז אימער געווען ענג פאַרבונדען אי מיט אונזערע יוניאָנס אי מיט אונזערע אידישע „סעקציעס" אָדער ברענטשעס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, איז ער אַ לעבעדיגע היסטאָריע פון אַלץ וואס איז פאָרגעקומען אין ביידע דיזע אָפּטיילונגען פון דער באַוועגונג. ער האָט אַ גוטען זכרון און געדענקט אַלעמען און אלעס מיט מערקווירדיגע איינצעלהייטען. זיין בוך האָט אַן אונשעצבאַרען ווערט.

איך ווינש דעם ווערק דעם גרויסען ערפאָלג וועלכען ער פאַרדינט, און איך ווינש זיין פאַרפאַסער נאָך פילע, פילע יאָהרען פון געזונט און טעטיגקייט.

אב. קאַהאַן.

ניו יאָרק, 22טער אַפּריל, 1924.

פאָרוואָרט פון פאַרפאַסער.

דאָס בוך „פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג" איז ניט קיין געשיכטע פון דער באַוועגונג, נאָר אַ רייהע פערזענליכע ערינערונגען מיינע וועגען די וויכטיגסטע פּאַסירונגען אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג פון אַמעריקאַ, אין וועלכע איך אַליין האָב דירעקט אָדער אינדירעקט אַנטייל גענומען אין פאַרלויף פון די לעצטע 40 יאָהר צייט.

פילע קאַפּיטלען פון דעם בוך זיינען שוין געוועזען געדרוקט אין די סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלען, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פאַרלויף פון די לעצטע 20 יאָהר. עטליכע קאַפּיטלען זיינען ערשינען אין דער „אַרבייטער וועלט", וואָס די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען אין יאָהר 1904 אַרויסגעגעבען אין ניו יאָרק. אַ גאַנצע רייהע אַנדערע קאַפּיטלען זיינען ערשינען אין יאָהר 1907 אין „צייט־גייסט", אַ וועכענטליכער זשורנאַל, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט אַרויסגעגעבען פון יאָהר 1905 ביז 1908. אָבער די מעהרסטע קאַפּיטלען זיינען געדרוקט געוואָרען אין „וועקער", דער וועכענטליכער אָרגאַן פון דעם „אידישען סאָציאַליסטישען פארבאַנד". די קאַפּיטלען האָב איך צוזאַמענגעשטעלט לויט נאָך די יאָהרען, אָנפאַנגענדיג מיט'ן יאָהר 1881, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקאַ, און פארענדיגענדיג מיט'ן יאָהר 1914, ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרען די יעצטיגע גרויסע, מעכטיגע אידישע אַרבייטער באַוועגונג פון אַמעריקאַ. קיין פולע געשיכטע פון דער באַוועגונג האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקליבען צו שרייבען, איך האָב נאָר דערצעהלט וועגען די וויכטיגסטע, נאָך מיין מיינונג, פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די לעצטע 40 יאָהר, אויף וויפיל זיי האָבען זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. טאָ־

מער האָב איך אייניגע נעמען פון פערזאָנען, וואָס האָבען אין זייער צייט געשפּילט אַ ראָלע אין דער באַוועגונג, אויסגעלאָזען, בעט איך ביי זיי ענטשולדיגונג. מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש און מען קען ניט אַלעס געדענקען אויפ'ן קאָפּ. יעדענפאַלס, האָב איך אין אַלע מיינע ערינערונגען געזוכט צו זיין אַזוי אומ־פּאַרטייאיש, ווי נאָר מעגליך. אויף וויפיל דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבען, זאָלען די לעזער אורטיילען.

צום שלוס וויל איך אויסדריקען אַ דאַנק צום „אידישע סאָ־ציאַליסטישען פאַרבאַנד" פאַר ארויסגעבען דעם דאָזיגען בוך. איבערהויפּט וויל איך באַדאַנקען די גענאָסען נ. כ א נ י ן, דעם סעקרעטער פון פאַרבאַנד, ה. ב ע ר ג ע ר, דעם פאָר־זיצענדען פון פאַרבאַנד, און י. ו ו י י נ ב ע ר ג, דעם פאָרזיצענדען פון „ארבייטער רינג", וועלכער איז אויך אַ מיט־גליד פון דער עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד. זיי האָבען מיך ער־מוטיגט צוזאַמענצושטעלען דעם בוך און האָבען אויך מעגליך געמאַכט זיין ערשיינונג.

איך האַלט פאַר מיין חוב אויסצודריקען דאָ אַ ספּעציעלען דאַנק צו גענאָסע ד. ש ו ב, דעם רעדאַקטאָר פון „וועקער", פאַר העלפען מיר צוזאַמענשטעלען דעם בוך. אויף זיין ראַט האָב איך צוגעשריבען פילע נייע קאַפּיטלען און ער האָט אויף זיך אויך גערן גענומען די שווערע ארבייט פון רעדאַקטירען דעם בוך.

ב. ווײנשטײן.

ניו יאָרק, 15טער אַפּריל, 1924.

.1

פון אָדעס קיין אַמעריקא אין 1882טען יאָהר.

דער פּאָגראָם אין אדעס אין יאָהר 1881. — אידען פאַנגען אָן מאַסענווייז צו עמיגרירען פון דאָרט קיין אַמעריקא. — דער אדעסער „עם עולם" און די פּלענער צו גרינדען אין אַמעריקא קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס. — איך פאָהר אין אַמעריקא. — די רייזע פון בראָד און פון דאָרט קיין ניו יאָרק.

איך פאָהר אין אַמעריקא! — דעם באַשלוס האָב איך ביי זיך געפאַסט, ווען איך בין אַלט געוואָרען 15 יאָהר. דאָס איז געווען אין זומער פון 1881טען יאָהר. יענעם יאָהר האָבען כמעט אַלע אידען פון דער שטאָדט אָדעס, וואו איך בין געבאָרען און ערצויגען געוואָרען, שטאַרק חשק געהאט צו עמיגרירען קיין אַמעריקא און פילע האָבען טאַקע עמיגרירט אין דער פרייער גאָלדענער מדינה.

דער פאַרלאַנג צו פאָהרען קיין אַמעריקא איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזאַ פיבערישער ביי די אָדעסער אידען צוליב דעם, וואָס אין די ערשטע טעג פסח פון יאָהר 1881 איז אין אָדעס פאָרגעקומען אַ שרעקליכער פּאָגראָם אויף אידען. דער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען פונקט מיט אַ מאָנאַט שפּעטער נאָכדעם, ווי די רוסישע רעוואָלוציאָנערען פון דער דאַמאָלסט באַריהמטער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָבען אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. די רוסישע רעאַקציאָנערען האָבען דאַרום באַשלאָסען אָפּצורעכענען זיך פאַר דעם מיט די אידען און אין אַ רייהע שטעדט פון זיד־רוסלאַנד זיינען דאַן אָרגאַניזירט געוואָרען פּאָגראָמען אויף אידען.

43 יאָהר איז שוין פאָראיבער נאָך יענע שרעקליכע פּאַסירונגען. איך בין נאָך דאַן אַ יונגער אינגעל געווען און דאָך שטעהען

נאָך עד היום פאַר מײנע אויגען יענע שרעקליכע בילדער, וואָס איך האָב צוגעזעהן אין די 3 טעג פון פּאָגראָם. אַ שווידער געהט מיר נאָך איצט אַריבער איבערן לײב יעדען מאָל, ווען איך ער־אינער זיך אָן דעם.

דער פּאָגראָם האָט דאַן ארויסגערופען אַ גאַנצע איבערקעה־רעניש אין די געדאַנקען פון די אָדעסער אידען. אַלע האָבען זיך דערפּיהלט, ווי זײ וואָלטען פּלוצלונג אויפגעוואַכט פון אַ שרעק־ליכען שלאָף, די אידען האָבען מיט אַמאָל דערפּיהלט, אַז זײער הײם איז קײן הײם ניט, און אַז זײ זײנען ערגער ווי שטיף־קינדער אין דעם לאַנד, וואו זײ זײנען געבוירען געוואָרען.

אָדעסער אידישע כלל־טוער און אַ סך אידישע יונגע לײט האָ־בען גענומען רופען „סכאָדקעס", מיטינגען, וואו זײ האָבען אָרגאַ־ניזירט „קאָמפּאַניעס" אויף צו פּאָהרען זוכען אַ הײם, וואו זײ זאָלען זיך קאָנען באַזעצען. עס זײנען דאַן אין אדעס גלײך אומ־געוואוקסען אַגיטאַטאָרס צווישען אידען, וועלכע האָבען געפּרעדיגט מען זאָל פּאָהרען אין פּאַלעסטינא.

פּלוצלונג האָט מען דערהערט אין אָדעס, אַז אין דער שטאָדט בראָד, גאַליציען, האָט דער „אליאנס דע איזראעליט" אַ „קאָמי־טעט", וועלכער שיקט אוועק אידען פון די רוסישע פּאָגראָם־שטעדט נאָך אַמעריקא. אַזוי שנעל ווי דער אָדעסער יונגער עולם האָט נאָר דערהערט דאָס צויבער־וואָרט „אַמעריקא", וואו מען שאַרט גאָלד מיט לאָפּעטעס און וואו אַלע מענשען, איד און קריסט, זײנען גלײך, האָבען זיך אַלע גענומען גרײטען אין וועג.

אויף יענע ערשטע „סאָבראַניעס", וועלכע אידישע יונגע לײט האָבען דאַן געהאַט אין געהײם אין אָדעס, האָבען זײ גלײך אומ־געקליבען „מרגלים" צו פּאָהרען אין בראָד, צו באַשטעלען פּלעצ אויף די באַהנען און די שיפען אום אָפּצופּאָהרען קײן אַמעריקא. אַ טײל פון יענע אינטעליגענטע אידישע יונגע לײט האָבען באַ־שלאָסען צו פּאָהרען אין אַמעריקא צו גרינדען דאָרט קאָאָפּעראַ־טיווע קאָלאָניעס און אויף קאָמוניסטישע יסודות צו באַארבײטען די ערד, אום דערמיט צו צײגען די אַנטיסעמיטען פון דער וועלט, אַז אידען זײנען ניט קײן ווינט־מענשען, ניט קײן פּראַצענטניקעס,

ניט קיינע עקספּלואַטאַטאָרס, נאָר אמת'ע פּראָדוציר[ער], וואָס טוען ניצליכע אַרבייט, ערד־אַרבייט.

די ראַדיקאַלסטע פון די אָדעסער „קאָמפּאַניעס" צו פאָהרען נאָך אַמעריקא איז געווען דער „עם־עולם", צו וועלכען עס האָבען באַלאַנגט זאָגאַר אידישע רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטען. אַלע זיינען זיי דאָן געפאָהרען נאָך דער שטאָדט בראָד.

מיינער אַ שטיף־ברודער, וועלכער איז געווען פיל עלטער פון מיר, איז מיט זיין פרוי אין יאָהר 1881 אַוועקגעפאָהרען מיט איינער פון יענע ערשטע „קאָמפּאַניעס" פון אדעס, אַפריהער נאָך דער שטאָדט בראָד און פון דאָרטען נאָך „נעוויאָרק", אַמעריקא.

איך בין דאָן געווען נאָך זעהר יונג, דאָך האָב איך זיך אויך געגרייט צו פאָהרען אין אַמעריקא. איך פלעג לויפען צו אַלע „סאָבראַניעס" אין אדעס, צו די פילע אונטערנעהמונגען וועלכע די אדעסער כלל־טוער האָבען אָרגאַנזשירט אויף צו מאַכען געלד. די געלדער פון יענע אונטערנעהמונגען זיינען געגאַנגען צוגונסטען פון די „קאָמפּאַניעס", וואָס זיינען געפאָהרען נאָך בראָד און נאָך אַמעריקא. אָבער מיין מוטער האָט מיך ניט געלאָזט פאָהרען אַליין. שפּעטער האָט זי איינגעווילינגט, אַז איך זאָל אָפּשפּאָרען געלד, און אַז איך וועל האָבען אייגענע הונדערט רובעל, וועל איך קענען פאָהרען צו מיין שטיף־ברודער. און מיר ביידע וועלען דאָן אין אַמעריקא אָנשאַרען גענוג געלד און שיקען נאָך אונזער גאַנצער פאַמיליע.

איך האָב געאַרבייט אַלס אַ שרייבערעל ביי אַן אָדעסער אַדוואָקאַט, און איך האָב שוין פאַרדינט 12 רובעל אַ מאָנאַט. דאָן זיינען נאָך ניט געווען קיינע שרייב־מאַשינען, אין רוסלאַנד געוויס ניט. אַזוי שנעל ווי די „קאָמפּאַניעס" פון אדעס זיינען אין 1881טען יאָהר אַוועק נאָך בראָד, האָט מען פון דאָרטען געקראָגען בריוו, אַז די נייע אימיגראַנטען האָבען פאַרפלייצט די גאַנצע שטאָדט בראָד, אַז זיי וואַלגערען זיך דאָרטען אין די גאַסען און אַזוי ווי עס איז שוין ניטאָ מעהר קיין פּלאַץ אין בראָד וואוהין אַריינצוקומען, פאָהרען יעצט די אימיגראַנטען קיין לעמבערג, ניט

ווייט פון בראָד, און דער „קאָמיטעט" שיקט ארויס ניט מעהר ווי פינף פּראָצענט פון די וואָס קומען אָן נאָך בראָד אָדער לעמבערג.

אין מאָנאט מאַי, 1882, האָב איך שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אביסעל געלד אייגענע און די איבעריגע האָט מיר דערלעגט דער „קאָמיטעט" און מיט א קאַפּיטאַל פון 103 רובעל, מיט א סך קופּערנע מטבעות, וואָס מיינע מוהמעס און פעטערס האָבען מיר מיטגעגעבען, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג.

„ער פאָהרט, דער העלד, אין אמעריקא", האָבען זיי אַלע געשפּאַסט פון מיר. „זיי גוט צו אידען, פארגעס ניט דיין מאַמען און דיין גאַנצע משפחה אריבערצונעמען אין אמעריקא, און אָן אונז פארגעס אויך ניט. שרייב אָפט בריף און זיי געזונט!" — מיט דיזע ווערטער האָבען זיי מיר דורכגעלאָזען.

געפאָהרען בין איך מיט א גרויסער „קאָמפּאַני" אָדעסער יונגע לייט און אויך עטליכע עלטערע אידען מיט אידענעס. מיין מאַמע האָט געוויינט ביים וואָקזאַל און געבעטען אַלעמען, אז מען זאָל אויף מיר אויפּפּאַסען.

א סך פון אונז האָבען געהאַט אויסלענדישע פּאַספּאָרטען. די רוסישע רעגירונג האָט דאַן פאר א ווייל געוואָלט פּטור ווערען פון אידען, האָט מען געגעבען פּאַספּאָרטען. נאָר יונגע לייט פון 19 ביז 21 יאָהר אַלט האָבען קיין פּאַספּאָרטען ניט געהאַט. זיי האָבען געדאַרפט גנב'ענען דעם גרענעץ.

די שטעדטעל בראָד איז געווען פארפּלייצט מיט אידען. אַלע האָבען זיי געוואָלט פאָהרען קיין אמעריקא, אָבער פילע פון זיי האָבען קיין געלד ניט געהאַט. אונזער „קאָמפּאַני", וועלכע האָט געהאַט געלד אויף דער רייזע, איז אַוועקגעפאָהרען קיין לעמבערג. דאָרט האָבען מיר געטראָפען דאָס זעלבע. אויף אַלע סטאַנציעס פון בראָד און לעמבערג ביז האמבורג האָבען זיך אידען געוואַלגערט אין די גאַסען. עס איז געווען א צווייטער חורבן, וואָס האָט געריסען ביים הארצען גראַדע ווי די פּאָגראָמען אין אָדעס און אין די אַנדערע שטעדט פון זיד־רוסלאַנד.

אין האמבורג האָבען מיר געטראָפען די זעלבע צרה. הונדערטער אָרימע אידישע אימיגראַנטען געהען ארום פארשמאַכטע

און ווארטען אויף נסים, אז דער „קאָמיטעט" זאָל זיי שיקען אָדער זיי זאָלען פון דער היים קריגען געלד. דערוויייל הונגערט מען, מען האָט ניט וואו צו שלאָפען. אַ גליק איז געווען וואָס עס איז געווען זומער־צייט, און די דאָרטיגע רייכע דייטשע יאהודים פון דעם „קאָמיטעט" האָבען גע'פועל'ט אין די אַלע דייטשע שטעדט, אַז מען זאָל לאָזען די אימיגראַנטען זיך וואַלגערען אויף די גאסען.

אונזער „קאָמפּאַניע" האָט מען פארטריבען אין אַ שטאַהל און דאָרטען זיינען מיר געזעסען און געלעגען ביז מיר האָבען פּאַר אונזער געלט אויסגעדונגען שיפס־קאַרטען אויף צו פאָהרען אין אַמעריקא. מען האָט אונז באַריסען, אָבער מיר זיינען געווען גליקליך: מיר פאָהרען אין אַמעריקא! אין איינינע טעג שפּע־טער האָבען מיר זיך ארויפגעזעצט אויף דער שיף „וויעלאנד", אַ דייטשע שיף, וואָס איז געפאָהרען גלייך נאָך ניו יאָרק, אין דער „גאָלדענער" אַמעריקא. נאָר איידער מיר האָבען זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן שיף, האָבען מיר געדארפט איינקויפען געשיער, בלעכענע כלים, ווייל אויפ'ן שיף האָט מען געדארפט האָבען אין וואָס צו נעהמען די אכילה. מילא, דאָס איז שוין געווען דער קלענ־סטער אומגליק, מען האָט אַוועקגעגעבען דעם לעצטען דייטשען פּפעניג און מען האָט אַלעס איינגעקויפט. ווער עס האָט געהאט נאָך אַ פּאָר „קרייצער", האָט געקויפט פּראָדוקטען צום עסען אויפ'ן וועג, ווייל מען האָט פארשטאַנען אַז די „צווישענדעק" פּאַסאַזשי־רען גיט מען אויפ'ן שיף דאָס ערגסטע צום עסען.

מיר פאָהרען אָפּ פון האַמבורג. דער דייטשער אָרקעסטער שפּילט ביים ברעג ים לעבען שיף. יונגע מענשען טאַנצען, מענער און פרויען געזעגענען זיך מיט די „גליקליכע", וואָס דארפען באַלד אָפּפאָהרען. מען וויינט, מען קושט זיך, מען פאָהרט אין אַ נייער וועלט. עס געהען ארויף אַ טויזענד אָרימע אימיגראַנטען אויפ'ן שיף. צווישען זיי פילע רוסישע אידען מיט פרויען און קינדער, פאַרפינסטערטע, פאַר'חושכ'טע פון ארומוואַלגערען זיך.

עס פאָהרען אויך אַ סך קריסטליכע פּאָליאַקען. די פרויען טראָגען גרויסע פּעק מיט בעט־געוואַנט אויפ'ן קאָפּ. זיי פיהרען מיט זיך זייער האָב און גוטס, אַלץ אין דער אַמעריקא אריין.

מען שטופּט זיך, מען לויפט אַראָפּ אין שיף אַריין. יעדער וויל פאַרכאַפּען אַ גוטען פּלאַץ אין שיף. אויף די פּלייצעס ביי יעדען אימיגראַנט הענגט נאָך אַ פּעקעל מיט די בלעכערנע כלים און עס קלינגט. עס איז צום לאַכען, גיכער צום וויינען. פאַר די פאַמיליען גיט מען אַזוינע נאַרעס, פאַר זעקס, פאַר אַכט פּאַרשוין. איך געה מיט מיינע פריינד צווישען די סינגעל-לייט, און אונז גיט מען דעם ערגסטען פּלאַץ, אויפ'ן שפּיץ שיף, וואו עס וואַרפט שרעקליך. נאָר וועמען אַרט עס? מיר פאָהרען דאָך עפּעס אין אַמעריקאַ!

יעדער אימיגראַנט נעהמט אַרונטער פון זיך דעם פּעקעל בלעכענע געשיר, און אויף די ווענט הענגט מען אויס די כלים, אויף טשוועקעס וואָס זיינען דאָרטען געוועזען אין די הילצערנע ווענט. די טשעמאָדאַנעס שטעלט מען אוועק לעבען בעט. קיין בייגקלאַך זיינען ניט געוועזען פאַר אונז, „שווינען", „רוסישע חזירים", ווי די דייטשע אַנטיסעמיטישע מאַטראָסען רופען די אימיגראַנטען. מיר זעצען זיך אויס אויף די בעטלאַך און מען פאַנגט אָן צו זינגען. ווער עס האָט צום קייען, נעהמט זיך עסען. דריי אַזייגער בייטאָג, אין אַ שעהנעם ווארימען זונענדיגען מאַי-טאָג פאַרלאָזט די שיף „וויעלאַנד" די ברעגען פון האַמבורג. די שיף נעהמט זיך שאָקלען, עס איז געוועזען אַן אַלטע חורבה (זי איז שוין יעצט לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ). עס ווערט קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען. אַלע לעגען זיך אויס אויף די בעטלאַך און מען קלערט. צום ער־שטען מאָל פאַנג איך אָן בענקען אַהיים. דאָס האַרץ ציהט מיך, נאָר איך שוויג. עלענד בין איך, אָבער איך פאָהר אין אַמעריקאַ.

עס ווערט פינסטער. עס נעהמט וואַרפען די שיף אַלץ ע'טאַר־קער. זי שאָקעלט זיך ווי אַ מולטער און אַ סך פון אונזערע יונגע־לייט ווערען „טויט-קראַנק". עס איז ניט גוט. איך שטאַרק זיך. איך וויל איינשלאָפען, און דאָ וואַרפט זיך די שיף ווי אַ הוידעלקע, און אַלע בלעכענע כלים אויף די ווענט קלאַפען צו צום טאַקט, אַז מען ווערט פשוט פאַרטויבט. קוים דערלעבט ביז אין דער פריה. אונזער „הוידעלקע", די שיף, איז אַביסעל רוהיגער גע־וואָרען. מיר זיינען אַרויף אויפ'ן דעק און עס שיינט די זוהן.

עס ווערט פרעהליך. עס ווילט זיך עסען. מיר, „צווישענדעק" פא־
כאזשירען, שטעלען זיך אוים אין רייהע מיט אונזערע בלעכענע
געשיער און ווארטען פאר אונזער נעקסט, פאר'ן „פאיאק".

ווען איך בין צו צום קוכער נאך מיין פארציע, האט ער
אריינגעגאסען אין מיין בלעכערנער שיסעלע עפעס אזא מין שוואר־
צען זופ און דערלאנגט מיר א שטיקעל טרוקענע ברויט. איך
בין אוועק אין מיין „פריוואט קאיוטע" צו מיין פריהשטיק.
איך קאן אבער ניט עסען די מאכלים, וואס מען האט מיר
געגעבען. איך האב נאך געהאט א ביסעל עסען פון וועג,
וואס איך האב געקויפט אין האמבורג. עס איך אפ מיין
ברעקפעסט און ארוים אויפ'ן דעק. דא־ט איז פרעהליך, דער עולם
טאנצט און אן ארימער ארקעסטער שפילט. מען זעצט זיך אוים
גרופענווייז, מען באקענט זיך, מען רעדט, מען שפילט קארטען
און מען פארברענגט. אזוי איז עס געגאנגען ביז פרייטאג. אמאל
האט די שיף געווארפען, אמאל איז זי געווען שטיל.

פרייטאג ביינאג זיינען מיר אנגעקומען אין האוור, א פראנ־
צויזישע האפען־שטאדט, און עס איז ווידער געווארען פרעהליך.
ווער עס האט געהאט אביסעל געלד, איז געגאנגען אין די סטארס
קויפען טאבאק, פרוכט, עסענווארג. פארנאכט איז געקומען א
קאמיטע פון פראנצויזישע אידען און האט איינגעלאדען אבי־
סעל אימיגראנטען צו געהן מיט זיי אין שוהל אריין. איך וויל
זעהן א וועלט. מיך לאדעט מען ניט, איך לויף אבער נאך, און
מיר געהען איבער בריקען און שמאלע גאסען, און מען פיהרט אונז
אריין אין א קליינער שוהל. אונז, אימיגראנטען, גיט מען אפ א
פלאץ הינטער א שטייג אפגעצאמט, און דער קאנטאר, דער חזן,
זינגט פאר א מנין אלטע אידען. זיי רעדען אבער פראנצויזיש
און דאווגען ניט. ביים ענדע גיט מען אונז אלעמען קידוש־וויין
צום טרינקען. נאכהער פיהרט מען אונז צוריק צום שיף, וועלכע
איז א גאנצע נאכט געשטאנען אין האוור. ערשט שבת פארטאג
איז זי ווידער אפגעפאהרען.

די רייזע האט געדויערט זעכצעהן טעג. די גאנצע צייט הא־
בען די ארימע אימיגראנטען געהונגערט. ענדליך האט מען גע־

פועל׳ט מען זאָל געבען די פערטע קלאַסניקעס הערינג. אָבער נאָכ׳ן הערינג ווערט מען שטאַרק דורשטיג, טרינקט מען שמוציגע שיף־וואַסער און מען קריגט בויך־וועהטאָג. מען ברענגט דעם שיף־דאָקטאָר. אָבער עס איז פּאָרט גוט: נאָך אביסעל און מיר וועלען שוין אָנקומען אין אַמעריקאַ. און דאָרטען וועט מען אַ לעב טאָן און הנאה האָבען פון לעבען פאַר די אַלע אַפּקומעניִשען פון דער רייזע.

אויפ׳ן דעק פון שיף, אין אַ ווינקעל, האַלטען די אידישע אימיגראַנטען אָפּ פאַרזאַמלונגען. מען רעדט נאָר וועגען קאָלאָ־ניעס. אַ פּאָר סאָציאַליסטען רעדען ווי אַזוי מען וועט אין אַמע־ריקאַ גרינדען „קאָמונעס". און אַזוי געהט אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט. עס ווערט אָבער זעהר לאַנגוויילינג, נודנע אויפ׳ן האַרצען. אַלץ וואָס מען זעהט אַרום זיך איז נאָר הימעל און וואַסער.

אָבער אַז מען לעבט, דערלעבט מען: מיר זיינען שוין באַלד אין אַמעריקאַ.

מאָרגען, מאָרגען, זאָגט מען אונז אָן, וועלען מיר זיין אין „נעוויאָרק". עס איז ענדליך געקומען דער גליקליכער טאָג. יע־נעם פאַרטאָג זעהט מען שוין לאַנד, ברעג. מיר האָבען אַנטדעקט אַמעריקאַ. נייע קאָלומבוסעס!

פּלוצלונג קומט צו אַ קליין שיפעל מיט אַ האַלב טוצען מע־נער אָנגעטאָן אין יוניפאָרמס, מיט מעשענע קנעפּ. אַלע „צווישענ־דעק" פּאַסאַזשירען האָט מען אַרויסגעטריבען פון די קעלערס אויפ׳ן דעק און זיי אויסגעשטעלט אין רייהע. מ׳באַטראַכט יעדען פּאַסאַזשיר. מען שטעלט אונז „פּאָקען". באַלד זיינען אָנגעקו־מען „באַרזשעס" מיט שלעפּ־שיפען און מען פיהרט אונז, די צווישענדעק פּאַסאַזשירען, אין „קעסטעל גאַרדען". וואַרטענדיג נאָך אויף דער שיף „וויעלאַנד" פאַר די „באַרזשעס" זיינען מיר געשטאַנען אַ צייט (דאָס איז שוין געווען אין ניו יאָרק) ביי אַ דאָק, און דאָרטען האָבען מיר געזעהן שטעהן אַ סך שיפען, וועלכע מען האָט אָנגעלאָדען מיט פראַכט־קאַסטענס, און אַנדערע זאַכען.

איך קוק זיך צו, ווי די שיף־אַרבייטער, וואָס שלעפּען אַלעס,

אַרבייטען שווער. עס גיסט פון זיי דער שווייס, און איך הער זיך איין ווי זיי ריידען ענגליש. „אי, זאָג איך צו מיינע פריינד, וואָס פאַר אַ גליקען קען מען שוין ערוואַרטען דאָ אין אַמעריקאַ, אַז די אמת׳ע אַמעריקאַנער, וואָס קענען דעם לשון, אַרבייטען אַזוי שווער. אונזערע מענשען קענען דאָך גאָרניט אַזוי שווער פּראַצעווען. און דערצו זיינען זיי שטום, מיר קענען דאָך ניט די ענגלישע שפּראַך. איך זעה, ברידער, אַז מיר וועלען דאָ אויך זיין אויף צרות״.

מיר קומען אַרויס אין גרויסען הויף פון „קעסטעל גאַרדען״. מיר דערזעהען הונדערטער מענשען: מענער, פרויען, קינדער, אונזערע רוסישע אידען. מיר דערוויסען זיך, אַז זיי וואַרטען דאָ אין „קעסטעל גאַרדען״ אָהן אַ דאַך. אויף דער ערד זיצען זיי, און אייניגע אויפ׳ן גראָז. מיר נעהמען זיך פאַנאַנדערפרעגען ביי דעם עולם, ביי די נייע „אַמעריקאַנצעס״, ווי עס געהט דאָ אין אַמעריקאַ, פאַנגען זיי אָן וויינען. זיי ווילען צוריק פאָהרען אַהיים.

איך האָב געהאַט מיין שטיף־ברודער׳ס אַדרעס. איך בין אָבער פאַרבליבען מיט די פריינד, מיט וועלכע איך בין געקומען פון דער היים, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט צו וועמען אַריינצופאָהרען. איך האָב גלייך ערפאַהרען, אַז דאָ אין „קעסטעל גאַרדען״ קען מען עפּעס קריגען אַרבייט דורכ׳ן „קאָמיטעט״. זעהר טרויעריג איז דאָ געווען אין „קעסטעל גאַרדען״, אָבער אויך פרעהליך. איך האָב דערזעהן מיינע אָדעסער פריינד, די „העלדען״, וועלכע זיי־נען אַוועק פון אָדעס. אין דערהיים זיינען זיי געווען אַזעלכע „פּראַנטען״, דאָ זיינען זייערע קליידער שוין געוואָרען אַלט, צו־ריסען, צוקנייטשט, אויף זייערע געזיכטער זעהט מען, אַז עס איז זיי ניט אַזוי גוט. די יוגענד אָבער פאַרלירט ניט דעם מוט. איך האָב באַשלאָסען צו בלייבען שלאָפען אין „קעסטעל גאַרדען״ און אויפ׳ן צווייטען טאָג וועל איך געהן זעהן מיין שטיף־ברודער.

.2

אין „קעסטעל־גאַרדען" און אין ניו יאָרק.

„קעסטעל־גאַרדען" — די ערשטע קוואַרטיר פון די אידישע אימיגראַנטען. — די ערשטע נאַכט אין ניו יאָרק. — ווי אַזוי ניו יאָרק האָט אויס־געקוקט מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק. — איך קריג אַ „דזשאָב" אין אַ סיגאַר פאַבריק און פאַנג אָן צו „שאַרען גאָלד".

קיין אמעריקא, און ספּעציעל קיין ניו יאָרק, זיינען דאַן אָנגעקומען פילע טויזענטער אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, וואָס זיינען אהער געלאָפען פון די דאַמאָלסדיגע פּאָגראָמען אויף אידען.

די גרעסטע צאָהל אידען, וועלכע האָבען ביז דאַן געוואוינט אין ניו יאָרק, זיינען געקומען אהער פון שפּאַניען, פון פּאָרטוגאַל און פון דייטשלאַנד. אונזערע לאַנדסלייט פון רוסלאַנד, פּוילען און גאַליציען זיינען דענסטמאָל געווען אין ניו יאָרק ניט מעהר ווי אַ פּאָר טויזענט. כמעט אַלע האָבען זיי געוואוינט אויף דער איסט סייד. די גרעסטע צאָהל פון די אָנגעקומענע אידישע אימיגראַנטען האָבען ניט געהאַט דאָ קיין קרובים און לאַנדסלייט צו וועמען צו פאַרײַנצופאָהרען. די נייע אימיגראַנטען, וועלכע האָבען זיך מאָנאַטען־לאַנג אויסגעוואַלגערט אויף אַלע באַהנען און וועגען, איידער זיי זיינען אָנגעקומען אין דער גאָלדענער מדינה, האָבען ניט געהאַט קיין געלט צו דינגען אַ דירה וואו צו וואוינען. דערפאַר האָט די „היברו אייד סאָסייעטי" פון ניו יאָרק (די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט העלפען די גרינע אידישע אימיגראַנטען) גע'פּועל'ט, אַז מען זאָל די גרינע לאָזען זיך פאַר אַ צייט אויפהאַלטען אין „קעסטעל־גאַרדען" (איצט געפינט זיך דאָרט דער אקוואַריום). די אימיגראַנטען פלעגען דאַן אָנקומען דורך דעם „קעסטעל־גאַרדען", אנשטאָט וואָס איצט קומען זיי אָן דורך „עליס איילאַנד".

דער „קאָמיטעט" פון די היגע רייכע יאַהודים פלעגט לאָזען אויסטיילען א פּאר מאָל אין טאָג טיקעטס צו אימיגראַנטען, פאר וועלכע מען פלעגט געבען אין א אידיש־גויאישען דעליקאטעסען־סטאָר, אויף גרינוויטש סטריט (דריי בלאק פון „קעסטעל־גארדען") צו עטליכע סענדוויטשעס פון אַלטע ברויט מיט פארשימעלטע וואורשט. די איינציגע האָפנונג וואָס יענע אימיגראַנטען האָבען געהאט, איז צו קריגען ארבייט, א „דזשאב" אין א שאפּ, כדי צו קאָנען כאָטש דינגען א פּלאַץ וואו צו שלאָפען אין שטאָדט. און פּארלאָזען דעם „קעסטעל־גארדען". יעדען טאָג פלעגען אָנקומען אַלץ נייע שיפען מיט נייע אידישע אימיגראַנטען.

גליקליך זיינען געווען די, וואָס האָבען געקענט א מלאכה פון דער היים. די ביסעל שניידער צווישען די אימיגראַנטען האָבען גלייך געקראָגען ארבייט. שניידער באָסעס פלעגען קומען יעדען טאָג אין „קעסטעל־גארדען" זוכען ארבייטער. אָבער די גרעסטע צאָהל פון די דאָמאָלסדיגע אימיגראַנטען האָבען ניט געקענט קיין מלאכה, און א חוץ דעם זיינען אַלע פאבריקען דאָן געווען קריסטליכע, וואו מען האָט גערעדט בלויז ענגליש. דערצו האָבען נאָך די גרינע ניט געקענט ארבייטען אויפ'ן זעלבען שטייגער ווי אין אַמעריקא. די גאַנצע האָפנונג פון די גרינע איז געווען, אז דער „קאָמיטעט" וועט זיי שיקען ערגעץ־וואו אויף ארבייט, אָדער די „קאָמיטעטשיקעס" אַליין וועלען זיי ארויפ־נעמען צו זיך אין די שעפּער ארבייטען.

דער אָפּיס פון „קאָמיטעט" איז דאָן געווען אין 24 סטייט סטריט, ביים בעטערי פּארק, גראַדע אַנטקעגען „קעסטעל־גארדען", אין א גרויסען קעלער.

אין יענעם קעלער האָט מען געטיילט צו די אימיגראַנטען אַלטע קליידער און אַמאָל דזשאבס צו געהן ארבייטען. אָפטמאָל פלעגט מען גרינע אַוועקשיקען צו דער ארבייט אויף פלעצער, וואו די היגע ארבייטער האָבען געסטרייקט, און דאָרטען פלעגט מען די גרינע מכבד זיין מיט קלעפּ. אָבער אַזוי שנעל ווי זיי פלעגען אויסגעפינען, אז דאָרט איז א סטרייק, פלעגען זיך גלייך

געפינען אזעלכע „גרינע" וואס פלעגען באאיינפלוסען אלע „כקעבס" זיך אנצושליסען אן סטרייק.

די ריכטיגע „דזשאבס" פלעגען די אימיגראנטען באקומען ביי די דאמאלסדיגע רייכע „קאמיטעט-לייט", וועלכע האבען דא געהאט אייגענע פאבריקען. איינער פון זיי איז געוועזען א מר. שטאכעלבערג, א ווארשעווער רייכער איד. ביי איהם אין סיגאר פאבריק זיינען געוועזען באשעפטיגט א דריי-פיער הונדערט סיגאר-מאכער. ער איז געוועזען פון נאטור א גוטער מענש און פלעגט אלעמאל קומען אין אפיס פון „קאמיטעט" און געבען עצות די גרינע. ער פלעגט אויך נעהמען אייניגע גרינע צו זיך אין פאבריק אריין, ארבייטען ביים טאבאק, אלס „סטריפערס" (צו ציהען די קארנעס פון די טאבאק בלעטער).

עס איז דאן געוועזען נאך א באוואוסטער איד, א מיסטער בלאך, וועלכער האט געהאט אויף עליזאבעט סטריט א גרויסע בלעך פאבריק. פלעגט ער אויך קומען נעמען „הענט" צו דער ארבייט. אפט פלעגען ביי זיינע פרעס-מאשינען די אימיגראנטען אפהאקען זיך די פינגער. גליקלאך האבען זיך דאן געפיהלט נאר די אימיגראנטען, וואס האבען שוין עפעס געקראגען א שטענדיגען דזשאב ערגעץ-וואו.

אין א שעהנעם זומער-טאג אין יולי 1882טען יאהר, האב איך מיט מיינעם א פריינד, וועלכער האט זיך, פונקט אזוי ווי איך, אויפגעהאלטען אין „קעסטעל-גארדען", אוועקגעלאזען זיך אנקוקען ניו יארק. געגאנגען זיינען מיר אויף ארטשארד סטריט זעהן זיך מיט א לאנדסמאן. פון בעטערי פארק זיינען מיר ארויף אויף בראדוויי און אפגעהענדיג אייניגע בלאק, האבען מיר פאר זיך דערזעהן א גרויסען עולם מענשען. די מעהרסטע זיינען געוועזען רייך געקליידעט. בראדוויי האט אויסגעזעהען צו שמאל פאר אזא גרויסען עולם, און לעבען וואל סטריט איז שוין אוממעגליך געוועזען זיך דורכצושפארען דורך דער גרויסער מאסע. די מייסטע הייזער זיינען געוועזען ברייטע, 7 און 8 שטאקיגע. מיר האבען זיך איינגעקוקט אין די פנים'ער פון די מענשען, וועלכע מיר האבען געזעהן — קיינער פון זיי האט ניט אויס-

געקוקט ווי אַ איד; קיינער פון דער ריזיגער מענשען־מאַסע רעדט ניט אַרויס קיין אידיש וואָרט. דאָך פאַרשטעהען זיי וואָס מיר פרעגען און צייגען אונז ווי צו געהן צו דער אידישער געטאָ. ערשט אויף פּאַרק־ראָו, וואו עס איז געוועזן אָנגעפּיקעוועט מיט סטאָרס, האָבען מיר ביי אַ קעלער־סטאָר, וואו מען האָט פאַרקויפט אַלטע שיך, דערקענט איינעם מאחינו בני ישראל. ער האָט אונז אויף אידיש אָפּגעמאָלען ווי מיר זאָלען געהן אום צו קומען אויף אָרטשאַרד סטריט. מיר זיינען אַרויף אויף איסט־בראָדוויי. אין אָנפאַנג פון סטריט זיינען געוועזן סטאָרס מיט קליידער. מיר געהען אביסעל ווייטער. מיר זעהען לויטער פּריוואַטע וואוינונגען, ניט קיין הויכע הייזער מיט סטופּס, און אַלע פון רויטען ציגעל. פאַר אַ זייטיגע גאַס האָט איסט־בראָדוויי אויסגעקוקט ברייטלאָך.

מיר, די צוויי גרינע, שפּאַצירען אין דער גאָלדענער מדינה, וועגען וועלכער מען האָט אונז דערצעהלט נאָך אין דער היים, אַז מען שאַרט דאָ געלט מיט לאָפּעטעס. מיר שפּאַצירען און זעהען ניט אָן אַ פּעני פאַר די אויגען.

מען האָט אונז צוגעפיהרט צו פּייק סטריט און געוויזען ווי מיר זאָלען אריין אין אָרטשאַרד סטריט. מיר קומען אריין פון דיוויזשאָן סטריט און דערזעהען פאַר זיך אָן ענגע גאַס. מיר געהען צו נעהנטער צו העסטער סטריט — הויכע רויטע הייזער. די גאַס איז שרעקליך שמוציג. באָרוועסע קינדער, אַ מאַסע פּושקאַרטס מיט פרוכט, פיש און וואָס איהר ווילט נאָר אַליין. די פּעדלערס שרייען אוים אויף אַ הויכען קול איי ענגליש וואָס זיי פאַרקויפען. צוליב דער שמאָלקייט פון דער גאַס דוכט זיך אונז, אַז די פינף־שטאָקיגע טענעמענט הייזער זיינען זעהר הויך; מען האָט געדאַרפט פאַררייסען דעם קאָפּ ביז מען האָט געקאָנט זעהן דעם דאַך פון יעדער טענעמענט הויז...

די לופט איז געוועזן שטיקענד. די היץ ברענענד, און מידע, דורשטיגע, באַדעקט מיט שוויים, זיינען מיר ענדליך אַרויף אין דער הויכער רויטער טענעמענט־הויז נומער 55 אָרטשאַרד סטריט,

אונזער לאַנדסמאַן האָט געוואוינט אויפ׳ן טאָפּ־פלאָר אין די בעק. מיר האָבען אָבער געטראָפען בלויז זיין פרוי אין דער היים. ער אליין איז געווען אין שאַפּ ביי דער ארבייט. די פרוי האָט זיך דערפרעהט מיט׳ן גרוס, וואָס מיר האָבען געבראַכט, און זי האָט אונז פיין אויפגענומען און מכבד געווען מיט „לעמאָן־וואַסער" און מיט באַנאַנעס. מיר האָבען זיך דערלוויקט. מיר האָבען זיך געוואָלט אומקערען צוריק אין „קעסטעל גאַרדען". די לאַנדספרוי האָט אונז אָבער פארהאַלטען ביז איהר מאַן איז אהיים געקומען פון דער ארבייט. ווען ער איז אהיים געקומען, האָבען מיר זיך באַגריסט און גערעדט א כך וועגען דער היים און וועגען אמעריקא. ער איז דאָ אין ניו יאָרק ערשט געווען אכט מאָנאַט צייט.

דער „אַפּאַרטמענט", וואו דער לאַנדסמאַן האָט געוואוינט, איז באַשטאַנען פון צוויי צימערען, איין צימער האָט געדינט אלס „פראָנט רום", „דיינינג רום" און קיך. דאָרטען פלעגט מען קאָכען און עסען, און אויפ׳ן „לאַנדזש" (סאָפע) פלעגען נאָך ביינאַכט שלאָפען צוויי באָרדערס. דער צווייטער צימער איז געווען די בעדרום פאַר די באַלעבאַטים, א קליינע פינסטערע רומקע, וואו נאָר א בעט האָט זיך געקענט אויסשטעלען. א קליין פענסטערעל, מיט אייזערנע גראַטעס, האָט ארויסגעקוקט אין א פינסטערען האָל. אויף יעדען פלאָר פון הויז זיינען געווען פיער אזוינע „אַפּאַרטמענטס", צו צוויי פון יעדער זייט פון פינסטערען האָל — צוויי צו דער פראָנט און צוויי צום יאַרד. רענט פאַר דעם „אַפּאַרטמענט" האָט אונזער לאַנדסמאַן געצאָהלט 7 דאָלאַר א מאָנאַט. פאַרדינט האָט ער 8 דאָלאַר א וואָך. דאָס האָט דאַן געהייסען זעהר גרויסע ווידזשעס פאַר אַן אימיגראַנט.

ביז מיר האָבען אָפּגעגעסען סאַפּער, א היימישע וועטשערע, איז שוין געוואָרען שפּעט פאַר אונז צו שלעפּען זיך אַזש אין „קעסטעל גאַרדען", האָט אונז דער לאַנדסמאַן איינגעלאַדען צו בלייבען ביי איהם איבער נאַכט. ער האָט אונז געגעבען אַן אַלטען מאַטראַץ מיט א קישען און האָט אונז ארויפגעפיהרט

אויפ'ן רוף שלאָפֿען. אזוי ווי עס איז געווען אַ זעהר הייסע נאַכט, איז דער רוף שוין געווען פֿול מיט געלעגערס. קוים מיט צרות האָבען מיר געפונען אַ שטיקעל פּלאַץ וואו אַוועקצולייגען דעם מאַטראַץ.

דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט, וואָס מיר האָבען געשלאָפֿען אין ניו יאָרק.

דערווייל אָבער האָבען מיר שוין געהאַט אַ געלעגענהייט אָנצוקוקען ניו יאָרק. עס איז שווער גאָר איצט איבערצוגעבען ווי ניו יאָרק האָט זיך פאַר די 42 יאָהר געענדערט. קיין אויטאָמאָבילען זיינען נאָך דאַן ניט געווען. קיינע עלעקטרישע טראַמוויען און סאָבוויים אויך ניט. עס זיינען נאָך אויך ניט געווען קיין 30־שטאָקיגע הייזער. אום צו געבען אַ באַגריף, וואָס מען האָט דאַן גערעכענט פאַר אַ גרויסע און הויכע בילדינג, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די בילדינג פֿון אַלטען הויפּט פּאָסט אָפּיס, וואָס שטעהט נאָך עד היום אנטקעגען ברוקלין בריק, האָט מען דאַן באַטראַכט פאַר די גרעסטע געביידע אין ניו יאָרק. דעם ברוקלין בריק, אויף פּאַרק־ראָו האָט מען שוין דאַן געבויט, אָבער אויף דער ניו יאָרקער זייט האָט מען נאָך דאַן ווייניג געקענט זעהן דערפֿון. אַלע סטריט קאַרס זיינען אין ניו יאָרק געשלעפּט געוואָרען פֿון פֿערד. אויף בראָדוויי איז דאַן געווען פאַרבאָטען צו לייגען רעלסען פאַר אַ קאַר. די עלעווייטעד טריינס, אויף דער 2טער און 3טער עוועניוס, זיינען שוין דאַן געלאָפֿען, אָבער בלויז ביז האַרלעם ברידזש, 129טע סטריט. (די דריטע עווענױ עלעווייטעד איז אויפגעבויט געוואָרען אין יאָהר 1878). די עלעווייטעד טריינס זיינען ניט געווען אַזעלכע ווי איצט: זיי פּלעגען געשלעפּט ווערען פֿון סטים לאָקאָמאָטיווען, און ניט ווי יעצט — מיט עלעקטרישער קראַפֿט.

פֿון בראָנקס האָט מען דאַן נאָך ווייניג געוואוסט, דעם פּלאַץ האָט מען גערופֿען מיט אַן אַנדער נאָמען — „מאָריסאַניאַ". און אַריבערפאָהרען אַהין פּלעגט מען מיט אַ פערי איבער'ן האַרלעם ריווער, אַז ניט פּלעגט מען אַריבערגעהן דעם האַרלעם

קאַנטילעווער בריק *). עס איז שוין דאַן געווען דער האַי־ברידזש אויף דער 155טער סטריט, אויף דער וועסט סייד.

קיין ברוקלין און ניו דזשוירזי פלעגט מען אויך פאָהרען מיט פעריס. קאַרעטען מיט פערד, אָפענע און פאַרמאַכטע, זיינען געפלויגען כסדר איבער אַלע גאַסען, מיט אויסגעפוצטע קאָטשמען (קוטשאַרעס). „הענסאָמס" (אַזעלכע קליינע אָפענע קערעדזשעס, וואו דער דרייווער פלעגט זיצען הינטער די פּאַסאַזשירען) פלעגען דאַן זיין שטאַרק אין דער מאָדע.

אין די גרויסע סטאָרס איז שוין דאַן געווען עלעקטרישע באַלייכטונג. אויפ'ן גאַס זיינען געווען עלעקטרישע רונדע לאָמפּען. אָבער פון די וואונדערבאַרע עלעקטרישע סיינס אויף בראָדוויי, וואָס מאַכען ביינאַכט זאָל אויסקוקען ליכטיג ווי בייטאָג, האָט מען דאַן אַפילו ניט גע'חלום'ט. מען האָט דאַן זיך באַנוצט מיט גאַז־באַלייכטונג מעהר ווי מיט עלעקטריציטעט. די טעאַטערס פלעגען נאָך דאַן האָבען גאַז־באַלייכטונג זאָגאַר אויף דער סצענע.

דאָך איז ניו יאָרק שוין דאַן געווען אַ שטאָדט, וואָס האָט געקאָכט מיט מענשען, הויפּטזעכליך דער דאַון־טאַון טייל פון בראָדוויי.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען מיר זיך אומגעקערט צוריק אין „קעסטעל גאַרדען" וואַרטען ביז וואַנען איך וועל קריגען אַ „דזשאָב". איך האָב אַזוי געוואַרט עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד. ביז אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט מיר אומגעריכטערהייט געטראָפען אַ גרויסער גליק. איך בין געשטאַנען אַזוי פאַרבענקט לעבען אָפיס פון „קאָמיטעט" און ניט געקאָנט אַרונטערגעהן בעטען אַ דזשאָב, ווייל דער פּאָליסמאַן האָט ניט געלאָזען. מיט אַמאָל דאַרף טרעפען, אַז דער דיקער איירישער „בלויער ראָק" האָט עפּעס דערהערט אַ גרויסען ליאַרם, און ער האָט זיך פאַרקוקט אָן אַ זייט. איך גיב אַ שפּרונג אַראָפּ, און איך בין שוין אין טיפען קעלער, און געה גלייך אַריין אינווייניג.

---

*) „קאַנטילעווער" רופט מען איהם, ווייל מען קאָן איהם אויסדרעהען, אום מעגליך צו מאַכען פאַר שיפען דורכצוגעהן.

אַ פּאָר פון די „קאָמיטעטשיקעס", וואָס האָבען געהאַט פאַבריקען, האָב איך געקענט, ווייל מען פלעגט אָנצייגען אויף זיי ווען זיי פלעגען אַריינגעהן. איך זעה מיסטער משה שטאַכעלבערג זיצט אויבענאָן און ער רעדט צו אַלע גרינע פריינדליך. איך נעהם זיך אָן מיט מוט און איך זאָג איהם, אַז ער האָט מיר פאַרשפּראָכען צו נעהמען אין זיין פאַבריק צו דער אַרבייט. איך דערצעהל איהם, אַז פילע פון מיינע פריינד אַרבייטען שוין ביי איהם. ער קוקט מיך אָן, דער מר. שטאַכעלבערג. מיר דאַכט זיך אויס, אַז איך געפעהל איהם. ער גיט מיר אַ קאַרד צו זיין פאָרמאַן. ער פרעגט ביי מיר, וואו מיין וואוינונג איז. איך דערצעהל איהם, אַז איך שטעה איין אין „האָטעל" „קעסטעל־גאַרדען". עס געפעלט איהם דער וויץ. ווי אַזוי וועסטו קומען פון דאָנען צו מיר אויף דער פאַבריק? — פרעגט ער מיר. איך זאָג איהם, אַז מיין פריינד, וואָס אַרבייט שוין ביי איהם, שלאָפט נאָך דערווייל אויך אין „קעסטעל גאַרדען", ביז ער וועט פאַרדינען גענוג אויף צו דינגען אַ קוואַרטיר, און ער וועט מיך שוין מיטנעמען צו דער אַרבייט.

פיער אַ זייגער פאַרטאָג. דער עולם אין „קעסטעל־גאַרדען", וואָס דאַרף געהן צו דער אַרבייט, איז שוין אויף; עס איז געווען לייכט אויפצושטעהן, ווייל מען איז אַלע געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, אָדער אין הויף אויפ'ן גראָז. אַ סך פלעגען זיך אַרויפכאַפּען אויף די באַרזשעס, וועלכע פלעגען זיין צוגעבונדען צום ברעג ים, און דאָרטען שלאָפען.

איך וועק אויף מיין פריינד, מיט וועמען איך דאַרף געהן אַזש אויף וועסט־בראָדוויי, נעבען ספּרינג סטריט. „מאָזעס" האָט ער זיך דאָ אַ נאָמען געגעבען. מיר האָבען געהאַט פון נעכטען אַ פּאָר אַלטע סענדוויטשעס פון וואורשט, האָבען מיר געשמאַק אָפּגעגעסען און פאַרטרונקען מיט קאַלטע וואַסער. עס איז האַלב נאָך זעקס. מיר שטעהען שוין לעבען דער סיגאַר־פאַבריק. מיין פריינד „מאָזעס" צייגט מיר פון וויטען דעם פאָרמאַן. איך זעה פאַר זיך אַ הויכען דיקען דייטש, מיט צוויי פראַנצויזישע באַקענבאַרדען, און ער האַלט אין איין פינטלען

מיט די אויגען. אַלע רופען איהם מר. בערמאַן. ער שליסט אויף די פאַבריק. אַלע געהען אַרויף אויפ׳ן טאַפ פלאָר. עס געהען אַלטע לייט, יונגע באַיעס, מיידלאך, עלטערע פרויען. אַ היבשע צאָהל פון זיי זיינען גרינע, פונקט אַזוינע ווי איך מיט מיין פריינד „מאַזעס״. צוזאַמען האָבען דאָרט געאַרבייט אַ פופציג־זעכציג מענשען. די מעכאַניקער, וואָס מאַכען די סיגאַרען (און דאָרטען האָט מען געאַרבייט די בעסטע שפּאַנישע סיגאַרען) קומען ערשט צו דער אַרבייט האַלב נאָך זיבען. אַלע געהען, און איך געה נאָך. מיר זיינען שוין אויפ׳ן טאַפ פלאָר. אַלע געהען אַריין אין שאַפּ. איך בלייב שטעהן ביי דער טיר. דער פאָרמאַן, מר. בערמאַן, גיט אַ ברום צו מיר אויף דייטש. איך דערקען אָבער, אַז ער איז מאחינו בני ישראל. „וואָס פאַרלאַנגען זי?״ — פרעגט ער. איך גיב איהם די קאַרטעל פון זיין באָס, און דער פאָרמאַן נעמט מיך שילטען. איך שווייג און געה איהם נאָך. איך טו אויס מיין גרינעם ראָק און ער גיט מיר אַ זאַק. „דאָס איז אַן „אייפּראָן״, זאָגט ער צו מיר, „דו גרינהאָרן״. איך בינד זיך אַרום מיט׳ן זאַק. ער פיהרט מיך צו אַ קאַסטען און נעהמט אַרויס אַ פּאַק מיט טאַבאַק־בלעטער, און איך לייג זיי אַריין אין מיין פאַרטוך. דער פאָרמאַן גיט מיר אַ פּלאַץ צווישען די בעלי־מלאכות און ער ציינט מיר דעם „קונץ״ צו שלעפּען די קאָרנעס פון די בלעטער. „און אויב דו וועסט צורייסען די טאַבאַק־בלעטער, שמיים איך דיך אַרונטער פון אַלע טרעפּען״, זאָגט צו מיר דער פאָרמאַן. ער געהט אַוועק און לאָזט מיך איבער „אַרבייטען״.

מיינע באַקאַנטע „גרינהאָרנס״ און די אומבאַקאַנטע אַמעריקאַנער יונגוואַרג האָבען מיך געלערענט די גוואַלדיגע „טרייד״ און ס׳געהט אויף אַ גאַנג. איך האָב געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג פלייסיג. ביי זיך האָב איך געקלערט, אַז עס איז ניט כדאי געווען צו פאָהרען אַזוי וויט, אום צו טאָן אָט די „וויכטיגע״ אַרבייט. צוועלף אַזייגער האָב איך געהאַט „דינער״, גלייך מיט אַלעמען. אַלע באַקאַנטע האָבען זיך געטיילט מיט מיר מיט זייערע ביסענס. זעקס פאַרנאַכט זיינען מיר פאַרטיג געוואָרען און מיר געהען

אַהיים. מיין פריינד האָט אויסגעצעהלט וויפיל באַנדעלס טאַבאַק איך האָב דעם ערשטען טאָג „אויסגעסטריפט”, און ער זאָגט מיר אַז די בשורה, אַז איך האָב שוין פאַרדינט 29 סענט. עס איז געווען שטיק־ארבייט. אַזוי האָב איך אָפּגעארבייט אַ וואָך צייט, און יעדען טאָג האָב איך אַלץ פאַרדינט מעהר, ביז איך האָב שבת אָפּגענומען צוויי דאָלאר מיט זיבעצעהן סענט „פּעי”.

.3

דער ערשטער סימפּאַטי־סטרייק פון אידישע אימיגראַנטען.

דייטשער סקעב־אַגענט פאַרנאַרט די גרינע אידישע אימיגראַנטען אויף אַ שיף צו פאַרנעמען די פּלעצער פון סטרייקענדע דאָק־אַרבייטער. — איינינע קריגען קלעפּ פון די פּיקעטס און ווייסען ניט פאַרוואָס. — אויפ'ן דריטען טאָג דערוויסען זיי זיך, אַז דאָ קומט פאָר אַ „סטאַטשקע" און זיי וואַרפען די אַרבייט. — די „גרינע סטרייקער" מאַרשירען צו־זאַמען מיט די אַיירישע סטרייקער איבער די גאַסען פון ניו יאָרק.

ניט אַלע אימיגראַנטען זיינען געווען אַזוי גליקליך ווי איך צו געפינען אַ „דזשאָב". הונדערטער פון זיי האָבען זיך נאָך מאָנאַטען לאַנג געוואַלגערט אין „קעסטעל גאַרדען".

אין אַ געוויסען נאָכמיטאָג אין זעלבען מאָנאַט יוני, איז אין „קעסטעל גאַרדען" צווישען די אימיגראַנטען פּלוצלונג געוואָרען אַ גרויסע טרעוואָגע. עס איז צוגעקומען אַ גרויסע שפּאַציר־שיף, ווייס געפאַרבט. אויף דער שיף האָט מען ניט געזעהן קיינע אימיגראַנ־טען, ווי דער שטייגער איז געווען מיט אַלע שיפען, וועלכע פּלע־גען זיך דאָרטען אָפּשטעלען. פון דיזער פיינער שיף איז אַרונ־טער אַ יונגערמאַן, שעהן געקליידעט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע אימיגראַנטען און האָט גענומען ריידען מיט זיי אויף דייטש. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וויל נעהמען פינף הונדערט און פיר־ליכט נאָך מעהר אימיגראַנטען צו דער ארבייט און צאָהלען זיי צו צוויי דאָלאַר אַ טאָג, עסען וועט מען דאָרטען אויך געבען. ער אַליין וועט קומען מיט דיזער שיף יעדען פריהמאָרגען אין קעסטעל־גאַרדען און וועט מיטנעהמען די מענשען צו דער אַרבייט, עס איז ניט ווייט פון דאַנען, האָט ער געזאָגט. און אין אָבענד וועט ער זיי ברייגנען מיט דערזעלבער שיף צוריק. די אַרבייט איז ניט

קיין שווערע, זי באשטעהט אין אָנלאָדען און אויסלאָדען שיפען. די משאות דארף מען ניט שלעפען אויף זיך — אויף דערויף זיי־נען פאראַן טאטשקעס.

עס איז געוואָרען א גערודער צווישען אלעמען, מען איז ארויסגעלאָפען אויף דרויסען און יעדער האָט גענומען אריינרופען זיינע פריינד, באקאנטע און גלאט יעדען ווער עס האָט געוואָלט געהן און מען האָט גענומען צוזאמענשטעלען אן ארמיי. אלע האָבען זיך פארשריבען צו געהן מאָרגען פריה צו דער ארבייט.

עס איז געוואָרען פרעהליך אין דער גרויסער מאסע עלענדע מענשען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען מענער פון יעדען עלטער, פון א איינגעל פון פופצעהן יאָהר ביז א גרייז־גרויען אידען פון זעכציג יאָהר. אלע האָבען גע־קלערט, אז ענדליך איז געקומען דער מזל, מען וועט קענען פאר־דינען און זיין אימשטאנד צו פארלאָזען „קעסטעל־גארדען" און זיך באזעצען אין דער ריכטיגער אמעריקא, וואו כל ישראל וואוינט: אין עלען, אָרטשארד, לודלאָו און עסעקס, צווישען קאנעל, העס־טער, גרענד און ברום סטריטס. צו יענער צייט האָבען אויסער די פאָר בלאָק אין גאנצען דאון־טאון געוואוינט איירישע און דייטשען.

עס איז געווען א כמארנער פריהמאָרגען, די זון האָט מען ניט געזעהן. אלע אימיגראנטען, וועלכע זיינען געלעגען שורות־וויין אויסגעלייגט אין „קעסטעל־גארדען" האָבען זיך אויפגעכאפּט מיט שרעק פון א שטארקער פייפעריי און הוזשעריי. עס איז געוואָרען א נייע טרעוואָגע צווישען עולם. יעדערער האָט זיך גענומען שנעל צורעכט מאכען זיין טואלעט און איידער דער זייגער האָט נאָך געשלאָגען זעקס, האָט די שיף גענומען זיך ריהרען פון ברעג מיט אלע „ארבייטער", וואָס זיינען ארויף אויף איהר. אויפ'ן שיף האָט מען יעדען איינעם געגעבען א בלעכערנע קענדעל מיט אביסעל מילך צוזאמען מיט א ווייסען לאבען ברויט. קיין טישען זיינען ניט געווען געגרייט. און דער עולם האָט געגעסען יעדער באזונדער דעם „ברעקפעסט" מיט גרויס אפּעטיט. עס האָט גענומען א מינוט צוואנציג און די שיף איז צוגעפאָהרען צו א דאק און אלע ארביי־

טער זיינען ארָאפּגעקראָכען מיט די קענדלאַך און שטיקלאַך לחם אין דער האַנט אויף דער יבשה. אויפ'ן דאָק האָט מען אַלעמען, אָהן צערעמאָניעס, ארייגגעטריבען אינוויייניג. געוועדט האָט מען צו די „גרינע" אביסעל אויף ענגליש און דאָס איבעריגע אויף שטום־לשון. אינוויינינג זיינען געווען אָנגעשטעלט אַלערליי קייסעס און קאַסטענס אָנגעפּאַקטע מיט פארשידענע זאַכען. די אַר־בייטער האָט מען געגעבען טאַטשקעס און אייניגע געצייג און מען האָט זיי געצייגט ווי אזוי די קאַסטענס אריינצושלעפּען אין די דערביי־שטעהענדע שיפען. דעם אמת זאָגענדיג האָט דיזע אַר־בייט פילע פון די אימיגראַנטען ניט זעהר געשמעקט: זי איז געווען ניט קיין לייכטע, אָבער אַ ברירה האָט מען געהאַט? מ'האָט געשלעפּט, געטראָגען און געטאָן וואָס מ'האָט געהייסען. די פּאַר־לייטע זיינען אויך ניט געווען צופרידען פון דיזע „ארבייטער".

צוועלף אזייגער האָט מען גענומען פייפען און יעדער האָט אוועקגעלייגט די ארבייט. אויף שטום־לשון ווידער האָט מען גע־הייסען נעהמען די בלעכערנע קענדלאַך און מען האָט אין זיי גע־גאָסען הייסע קאַפע, וועלכע איז געווען מעהר ביטער ווי זיס. מען האָט ווידער געגעבען לאַבענס ברויט. דער עולם האָט זיך אויס־געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע צו פּראַוועון דעם „דינער".

אין דיזער גרויסער מענגע האָבען זיך געפונען ניט נאָר מענ־שען פון פארשידענעם עלטער, נאָר מענשען מיט פארשידענע פּרינ־ציפּען, אידעען און אנשויאונגען. פילע זיינען געווען פון דעם „עם־עולם", אייניגע יונגע לייט זיינען געווען פון די, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאַנד.

ווידער אַ סיגנאַל, און די שווערע ארבייט האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען. זעקס אוהר פארנאַכט האָט ווידער גענומען פייפען און דער עולם האָט אוועקגעלייגט די טאַטשקעס און איז ארויף אויף דער שיף. מען האָט ווידער באַקומען לאַבענס ברויט מיט מילך. דער עולם אָבער איז דיזען מאָל געווען זעהר מיד און צו־בראָכען. גרוים פרייד האָט געהערשט ווען מען איז ווידער צו־נעשוואומען צו „קעסטעל־גאַרדען". די מידע און אויסגעמאַטער־טע „ארבייטער" האָבען פארביסען פון די לאַבענס ברויט צום

„סאַפּער״ און האָבען זיך אויסגעצויגען אויף זייערע פּרייע געלע־
גערם אין הויף פון „קעססטעל גאַרדען״ אויסרוהען זיך, אום מאָרגען
פריה צו קאָנען ווייטער טאָן די שווערע אַרבייט.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט זיך דיזעלבע געשיכטע ווידערהאָלט.
אַ גרויסע צאָהל פון די נעכטיגע אַרבייטער האָבען חרטה געקראָגען
און האָבען זיך ניט געפיהלט ווי צו געהן צו דער שווערער אַר־
בייט, זיינען זיי פאַרבליבען שלאָפען. דערפאַר זיינען אָבער אַנ־
דערע אַרויף אויף זייער פּלאַץ.

דער יונגער דייטשעל האָט געמאַכט אַ „רעוויזיע״, פאַרשרי־
בען אַלע וואָס זיינען געקומען, ווי אויך די פרישע „אַרבייטער״.
מען האָט ווידער אויסגעטיילט לאַבענס ברויט מיט מילך. קו־
מענדיג צו די דאָקס האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער נעכ־
טיגער אַרבייט. אַזוי האָט עס געדויערט דריי טעג. אויפ׳ן פער־
טען טאָג, דאָס איז געווען אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג, דאַרף טרעפען,
אַז איינער פון די אַרבייטער פון די „גרינע״ אימיגראַנטען האָט
אַזוי לאַנג אַרומגעשפּאַצירט אויף די דאָקס ביז ער איז אַרויס אין
גאַס, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקען. דערווייל זיינען צו איהם
צוגעלאָפען אַ פּאָר שטאַרקע איירישע אין אַרבייטער־בלוזעס און
האָבען אונזער לאַנדסמאַן גוט צובראָכען די ביינער. עס זיינען
אָנגעלאָפען איינִיגע פּאָליסלייט און האָבען דעם געשלאָגענעם
אַריינגעפיהרט צוריק צום דאָק.

דערזעהענדיג די פּאַסירונג האָבען די אימיגראַנטען גענומען זיך
צוזאַמענריידען וואָס קען דאָ זיין אַזוינס. צוויי אינטעליגענטען,
וועלכע האָבען געקענט אַביסעל ענגליש, האָבען זיך אַרויסגעכאַפּט
אויפ׳ן גאַס און זיינען צוגעלאָפען צו אַ רעדעל מענשען, וועלכע
האָבען שוין געוואָלט אויך זיי מכבד זיין מיט קלעפּ. די „קאָ־
מיטע״ האָט גענומען מיט זיי ריידען און פרעגען וואָס אייגענטליך
קומט דאָ אַזוינס פאָר. „אַ סטרייק״, האָבען די איירישע געזאָגט.
„אַי, אַ סטרייק!״ האָט איינער צום צווייטען גענומען שרייען.
„דאָס מיינט אַ סטאַטשקע!״ „נאָ״, האָבען זיך די קאָמיטע־לייט
געווענדעט צו די סטרייקערס, „מיר וועלען ניט אַרבייטען, אַלע
וועלען מיר אַרונטער״. די סטרייקער האָבען די צוויי אימיגראַנ־

טען אַריינגעפיהרט אין אַ סאַלון און מען האָט זיי ערקלערט, אַז עס סטרייקען יעצט אין ניו יאָרק פינף טויזענט דאָק־אַרבייטער, וועל־כע מען רופט דאָ „לאָנגשאָרמען״. זיי פאַרלאַנגען פינף און צוואַנציג סענט אַ שטונדע, אַנשטאָט צוואַנציג.

די צוויי אימיגראַנטען האָבען פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל שיקען אַ קאָמיטע אין קעסטעל גאַרדען. „מיר ווילען זעהן, האָבען זיי געזאָגט, אַז מאָרגען פריה זאָל קיין איינער ניט פאָהרען סקעב־בען, ווי איהר רופט עס״.

אין אָבענד, ווען אַלע „סקעבס״ זיינען געקומען מיט'ן ווייסען שיף האָבען זיי באַגעגענט די צוויי אימיגראַנטען מיט אַ קאָמיטע פון די סטרייקערס. אייניגע פון זיי האָבען גערעדט דייטש.

מען האָט דעמזעלבען אָבענד אָפּגעהאַלטען אונטער'ן פרייען הימעל אין קעסטעל־גאַרדען אַ מיטינג פון אַלע „סקעבס״ און אויך אַנדערע, וועלכע האָבען זיך דאָרטען געפונען. די פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערען האָבען געזיגט איבער די קאָנסערוואַטיווע אי־מיגראַנטען. און עס איז באַשלאָסען געוואָרען מעהר ניט צו געהן סקעבען.

עס איז שוין געווען זעהר שפּעט ביינאַכט, ווען אַ פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרען: אַזוי ווי מאָרגען איז שבת און עס איז „פּעי דעי״, זאָלען אַלע ווידער אָפּפאָהרען מיט דער ווייסער שיף, ווי געוועהנליך. קומענדיג אַהין זאָל מען זיך אָבער אָנטזאָגען צו אַרבייטען און פאַרלאַנגען „פּעי״.

גאַנץ פריה זיינען אַלע אַרויף אויפ'ן שיף. דער דייטשעל, דער סקעב־אַגענט, האָט געהאַלטען אַ רעדע און געבעטען מען זאָל פלייסיג אַרבייטען.

ווען די שיף איז אָנגעקומען צו יענעם דאָק, האָט מען אַלעמען אַרונטערגעטריבען אויף די דאָקס. אַרונטערקומענדיג האָבען אַלע אימיגראַנטען גענומען שרייען — זיי ווילען ניט מעהר אַרבייטען, זיי פאַרלאַנגען „פּעי״. אַ קאָמיטע האָט עס ערקלערט דעם הויפּט־פאָרמאַן. מען האָט אַלעמען ווידער אַרויפגעטריבען אויפ'ן שיף, וועלכע איז צוגעפאָהרען צו אַן אַנדער דאָק, וואו עס זיינען געשטאַנען פילע שיפען. מען האָט די שיף מיט די

„נייע סטרייקערס" צוגעבונדען צו אַן אַנדער שיף און אַזוי זיינען אַלע געבליבען אויף דער שיף אין מיטען ים, ניט אַהער און ניט אַהין.

דער טאָג איז געוועזען זעהר אַ הייסער. די זון האָט געבראָטען, עס האָט גענומען אַלעמען דורשטען. קיין וואַסער איז ניט געוועזען. אַלע האָבען געשריען, געליאַרעמט. דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט זיך פאַרשלאָסען אין זיין קאַבינעט און אַזוי האָט מען געליטען דורשט און הונגער פון זעקס אַזייגער אין דער פריה ביז דריי נאָכמיטאָג.

אַזייגער דריי האָט מען די שיף ווידער צוגעפיהרט צו די דאָקס און מען האָט אויסגעשטעלט אַ ליין צו צאָהלען „פּעי".

ווי נאָר די ערשטע צוויי אימיגראַנטען האָבען באַקומען זייערע קאָנווערטען מיט די געלט האָבען זיי גענומען שרייען, אַז עס איז אַ שווינדעל, ווייל זיי האָבען ערוואַרטעט צו באַקומען זעקס דאָלאַר, צום סוף האָט מען זיי געגעבען איין דאָלאַר מיט זיבעציג סענט. עס איז ווידער געוואָרען אַ ליאַרעם; פּאָליסלייט און דעטעקטיווס האָבען גענומען שלאָגען די „גרינע" סטרייקערס. די ענדע איז געוועזען, אַז איינער פון דער קאָמפּאַניע האָט ערקלערט, אַז די איבעריגע געלט פון דער „פּעי", וואָס עס פעהלט, ווערט אַראָפּגערעכענט פאַר דעם עסען. נאָך לאַנגע געררודעריייען האָט מען ערקלערט, אַז מען וועט רעכענען יעדען איינעם בלויז איין דאָלאַר אַ טאָג פאַר'ן עסען, פאַר די לאַבענס ברויט מיט די מילך. אַ ברירה האָט מען געהאַט? יעדענפאַלס, געוואונען נאָך אַ פּאָר סענט. אַלע האָבען געקראָגען „פּעי" און זיינען אַרויס אין גאַס און אַ קאָמיטע פון די סטרייקענדע „לאָנגשאָרמען" האָט אַלע נייע סטרייקער אָפּגעפיהרט אהיים אין קעסטל־גאַרדען.

אין אָבענד האָט מען ווידער אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג אונטער'ן פרייען הימעל אין בעטערי פּאַרק און די לאָנגשאָרמען יוניאָן, וועלכע האָט אָנגעפיהרט דעם סטרייק ביי די שיף־קאָמפּאַניעס, האָט איינגעלאַדען אַלע גרינע, וואָס זיינען אַרונטער אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק, זיי זאָלען אַנטייל נעהמען אין זייער דעמאָנסטראַציע. די איינלאַדונג איז מיט גרויס ענטוזיאַזם אָנגענומען געוואָרען.

דעם פֿאָלגענדען מאָנטאָג, צעהן אַזייגער אין דער פריה, האָט זיך די דעמאָנסטראַציע פון די סטרייקענדע „לאָנגשאָרמען” אָנגע־פאַנגען אין בעטערי פּארק. געגאַנגען איז זי איבער בראָדוויי, ביז פּערצעהנטער סטריט און יוניאָן סקווער. דאָרטען זיינען געהאַל־טען געוואָרען רעדעס אין ענגליש און דייטש.

אין פּאראד האָבען זיך באַטייליגט זעקס טויזענט פּע־זאָן, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אַ טויזענד אידישע אימיג־ראַנטען, אָנגעטאָן אין זייערע „גרינע” קליידער. צווישען די „גרינע סטרייקערס” זיינען געוועזען טעלעגראַפיסטען פון רוסלאַנד. זיי האָבען מיטגעמאַרשירט אין זייערע יוניפאָרמס פון דער היים. קיינער פון די אַרומשטעהענדע היגע מענשען האָט ניט געוואוסט וואָסערע באַאַמטע זיי זיינען עס... אַלע האָבען געקוקט מיט פאַר־וואונדערונג. די מאַרשירענדע סטרייקערס זיינען אין פילע סטרי־טען הערצליך באַגריסט געוואָרען.

אזוי האָבען די אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, וועל־כע זיינען אַהער געקומען אין יאָהר 1882, זיך צום ערשטען מאָל באַטייליגט אין דער אַרבייטער־באַוועגונג אין אַמעריקא און האָ־בען מיטגעמאַכט דעם ערשטען סטרייק.

.4

דער אָנפאנג פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די ערשטע באַקאַנטשאַפט פון די אידישע ראַדיקאַלע אימיגראַנטען מיט די היגע דייטשע סאָציאַליסטען. — סערגעי שעוויטש און אַלעקסאַנדער יאָנאָס. — מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט אין שאָפּ מיט אב. קאַהאַנ'ען און גאָמפּערס'ן. — די ערשטע פאַרזאַמלונגען פון אידישע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק. — רוסיש און אידיש. — אב. קאַהאַן האַלט די ערשטע סאָציאַליסטישע לעקטשור אויף אידיש.

ווי איך האָב שוין אין פאָריגען קאַפּיטעל דערציילט, זיינען די מעהרסטע פון די טויזענטער אימיגראַנטען, וואָס זיינען אָנגעקומען אַהער אין די יאָהרען 1881 און 1882 ניט געווען קיין בעל מלאכות פון דער היים. צווישען זיי זיינען געווען פילע געבילדעטע יונגע לייט, סטודענטען און גימנאַזיסטען, וועלכע זיינען אַהער געפאָהרען צו געניסען די אַמעריקאַנער פרייהייט. די גרעסטע צאָהל אָבער פון יענע אימיגראַנטען זיינען געווען קליינע קרעמערס, מעקלערס און גלאַט לופט־מענשען, וועלכע האָבען ביז דאַן קיינמאָל ניט געאַרבייט ביי קיין פיזישער ארבייט. דיזע גרויסע מאַסען מענשען, אויסער די אינטעליגענטען, האָבען ניט געוואוסט פון קיין סאָציאַליזם און פון קיין ארבייטער־באַוועגונג.

איינינע פון זיי האָבען געהאַט אַ הייליגען וואונש צו גרינדען דאָ קאָמוניסטישע קאָלאָניעס.

ווי באוואוסט, איז די אימיגראַציע אין יאָהר 1882 געריכטעט און געפיהרט געוואָרען פון דער „אַליאַנס איזראַעליט", אונטער דער פיהרערשאַפט פון הערר אָליפאַנט.

די אַליאַנס האָט דעמאָלט געהאַט אָפּטיילונגען אין פאַרשיי־דענע שטעדט פון פילע לענדער, ווי עסטרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקאַ. צו דער אַליאַנס האָבען באַלאַנגט רייכע אידען פון אַלע לענדער, וועלכע האָבען בייגע־שטייערט גרויסע סומען געלט אויף צו העלפען די רוסישע אידען עמיגרירען קיין אַמעריקאַ. די הויפּט ביוראָ פאַר די רוסישע אימיגראַנטען איז געווען אין עסטרייך ביים רוסישען גרענעץ. די שטאָדט בראָד איז באַשטימט געוואָרען אַלס ערשטע סטאַנציע, פון וואַנען מען האָט געשיקט אימיגראַנטען נאָך האַמבורג און פון דאָרט קיין ניו יאָרק.

פילע רוסישע אימיגראַנטען האָבען געגרינדעט פּאַרטיעס אויף צו פאָהרען נאָך אַמעריקאַ און צו גרינדען אייגענע קאָלאָניעס.

אָן דיזע אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך אָנגעשלאָסען פילע יונגע מענשען — אידעאַליסטישע מענער און פרויען. אַ היבשע צאָהל פון זיי זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פילע פון זיי זיינען געווען סימפּאַטיזירענדע פון דיזער באַוועגונג.

פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס איז דער „עם עולם" געווען די וויכטיגסטע פאַראייניגונג. צו דעם „עם עולם" האָט באַלאַנגט די אינטעליגענטסטע יוגענד. דער צוועק פון דעם „עם עולם" איז געווען צו גרינדען אין אַמעריקאַ קאָמוניסטישע קאָלאָניעס.

אינגאַנצען זיינען געווען דריי פּאַרטיעס פון „עם עולם" — פון קיעוו, אָדעס און באַלטאַ.

די גרויסע צאָהל אימיגראַנטען, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען אַהער אין יאָהר 1882, זיינען נאָך די פיל ליידען און צרות, וועלכע זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהן אין וועג, דאָ שטאַרק אַנטוישט געוואָרען. ווייל דער היגער קאָמיטעט פון „אַליאַנס איזראַעליט" האָט קיין זאַך ניט אָנגעגרייט פאַר די נייע מענשען. פון קאָלאָניעס איז דאָן קיין שפּור ניט געווען. די גרינע, ניט האָבענדיג דאָ קיין אייגענע, צו וועמען צו געהן, האָבען ניט געהאַט אפילו וואו זייער קאָפּ אָנצושפּאַרען. דער קאָמיטעט פון „אַליאַנס" האָט נאָר די ערשטע פאַמיליען

נאָך ווי עס איז באַזאָרגט אין ביליגע האָטעלען. ווען עס האָבען אָבער געגומען אָנקומען גאַנצע שיפען מיט אידישע אימיגראַנטען, האָבען זיי ניט געהאַט וואוהין צו גיהן.

דער קאָמיטעט פון „אַליאַנס איזראַעליט" אין ניו יאָרק איז באַשטאַנען פון די דאַמאָלסדיגע אידישע פאַבריקאַנטען. דייטשע און פוילישע אידען, וועלכע האָבען געוואָלט טאָן צדקה און דערביי האָבען זיי געזוכט פאַר זייערע פעקטאָרים אויפצוקלייבען ביליגע אַרבייטער.

אין זייערע פאַבריקען האָט מען באַזאָרגט אַ מאַסע פון יענע אימיגראַנטען מיט פלעצער צו דער אַרבייט. אָנשטאָט צו גרינדען אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע, איז מען אַריינגעפאַלען אין אַ סיגאַר פעקטאָרי, צו ציהען קאָרנעס פון טאַבאַק־בלעטער, אָדער גאָר צו אַרבייטען אין אַ בלעך־פעקטאָרי, ביי אַ פרעס, וואו איינינע פון די אַמאָליגע אימיגראַנטען זיינען געבליבען אָהן פינגער און איינינע אָהן גאַנצע הענט. שכירות האָט מען געצאָהלט פון צוויי ביז דריי דאָלאַר אַ וואָך. אַזוי ווי די צאָהל פון די אימיגראַנטען איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, האָט מען דאָן געדאַרפט האָבען אַ גרויסע „שאָו" צו קריגען אַ דזשאַב.

עס האָט גענומען זעהר אַ לאַנגע צייט, כמעט ביז ענדע זומער פון 1882, ביז אַלע אימיגראַנטען, די איינוואוינער פון „קעסטעל־גאַרדען", האָבען באַקומען אַרבייט און האָבען געהאַט אַ מעגליכקייט אַריבערצוקלייבען זיך אין שטאָדט און דאָרט זיך באַזעצען.

אויף דער צווייטער וואָך, ווי איך בין אָנגעקומען אַרבייטען אין שאַפ, האָב איך שוין געהאַט אַ „לאָזשי" אויף אָרטשאַרד סטריט, און האָב זיך שוין געפיהלט היימיש אין שאַפ.

איך האָב זיך באַקענט מיט אַלע „גרינע" און געלע סטריפּערס אויף דעם פלאָר וואו איך האָב געאַרבייט.

די „בעלי מלאכות" זיינען געזעסען אין שאַפ אין אַ רייע איינער לעבען צווייטען, אויף נידעריגע קעסטלאַך, מיט אַ זאַק אָנשטאָט אַ פאַרטוך, און אַ גאַנצען טאָג געצויגען די קאָרניעס פון די טאַבאַק בלעטער און זיך געהיט חלילה ניט צורייסען אַ

בלאט טאבאק, ווײל עס איז געווען טײערער „האַוואַנאַ" טאַבאַק. עס איז געווען אַ נודנע אַרבײט, אין שאַפּ האָט געשטונקען פון די קאַסטענס מיט די נאַסע טאַבאַק, וועלכע זײנען דאָרטען געשטאַנען אײנגעדעקט, כדי זײ זאָלען שוויצען, און דער שווײס האָט בײ אַלעמען פאַרנומען דאָס האַרץ און די לונגען, אַז עס איז געווען שווער צו אָטעמען. איך ווער הײמיש אין שאַפּ. אויף אײן זײט לעבען מיר זיצט מײן פרײנד „מאָזעס", אַ חברה־מאַן פון אַ יאָהר 15; אויפ'ן צווײטען זײט זיצט לעבען מיר אַ בלאַסער יונגערמאַן, וואָס רעדט זעהר ווײניג. איך זוך צו באַקענען זיך מיט איהם. ער רעדט רוסיש און אַ ליטווישען אידיש צו מיר, אַן אָדעסער חברה־מאַן. איך זעה, אַז איך האָב דאַ צו טאָן מיט אַן אינטעליגענט. ער קאָן ניט פאַרלײדען מײן פרײנד מאָזעס'ען, וועלכער פראַוועט לויפּערשע שטיק. איך פרעג בײ מײן שכן זײן נאָמען. „קאַהאַן רופט מען מיך", זאָגט ער צו מיר. און מיר רײדען ווען דער פאָרמאַן קוקט ניט אויף אונז.

איך כאַפּ אַ שמועס מיט מײן נײען שכן יעדעס מאָל ווען איך האָב נאָר אַ געלעגענהײט. איך האָב שוין געהערט פון אַנדערע „גרינע" אין שאַפּ, אַז מײן שכן קאַהאַן האָט אַנטײל גע־נומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ווילנא, און אַז ער איז אַנטלאָפען פון רוסלאַנד, ווען די זשאַנדאַרען האָבען איהם געזוכט צו אַרעסטירען. וועגען סאָציאַליזם האָב איך דאַן בלויז געהערט; געוואוסט אָבער האָב איך נאָך דאַן כמעט גאָרניט. איך בעט איהם ער זאָל מיר ערקלערען, וואָס ווילען אַזוינס די סאָציאַליסטען. קאַהאַן טוט עס גערן. איך הער זיך צו צו יעדען וואָרט פון מײן נײעם לעהרער און ווער מיט דער צײט אַ באַגײסטערטער אָנהענגער פון דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל.

מײן נײער פרײנד, קאַהאַן, דערצעהלט מיר, אַז ער געהט אין גיכען פאַרלאָזען דעם שאַפּ. ער האָט געקראָגען אַ שטעלע אַלס לערער אין אַן אָווענט־שול, וואו מ'לערענט די אידישע אימיגראַנ־טען ענגליש. אַזוי אָבער ווי ער קלײבט זיך צו רופען אַ פאַרזאַמ־לונג, וואו מ' וועט רײדען וועגען סאָציאַליזם, און ער זעהט, אַז איך בין אַ גאַנצער „קאָך־לעפעל" און קען זיך מיט אַ סך אימיגראַנטען

און סימפּאַטיזיר שוין מיט'ן סאָציאַליזם, וועט ער קומען מיך אָפּוואַרטען ביים שאַפּ, און מיר וועלען געהן אין אַ דרוקעריי און לאָזען מאַכען סירקולאַרען, און דאַן זאָל איך מיט נאָך איינינע באַקאַנטע זיי אויסטראָגען צו אַלע אימיגראַנטען אין די הייזער, און איבעראַל, וואו איך וויים, אַז מען קאָן זיי טרעפען. איך האָב איהם צוגעזאָגט עס צו טאָן.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז גענאָסע קאַהאַן טאַקע געקומען פאַרנאַכט צום שאַפּ, און מיר זיינען אַוועק צו אַ פּרינטער און האָבען באַשטעלט 500 הענדבילס געדרוקט אויף אידיש.

פילע פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטען אין יאָהר 1882, וועלכע האָבען שוין געוואוינט אין אונזער דאַון־טאַון, און איינינע, וועלכע האָבען נאָך געוואוינט אין קעסטל גאַרדען, האָבען זיך נאָכ־געפרעגט און האָבען זיך אינטערעסירט מיט דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. דעם ערשטען וויזיט האָט אַ גרופּע סאָציאַליסטען אָפּגעשטאַטעט דער „ניו יאָרקער דייטשער פאָלקסצייטונג", די דאַמאָלסטדיגע איינציגע סאָציאַליסטישע צייטונג, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1878. דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען דער באַגאַבטער סאָצי־אַליסט, ס ע ר ג ע י ש ע ו י ט ש. ער האָט פריינדליך באַ־גריסט די נייע רוסישע געסט און האָט זיי פאַרשפּראָכען צו קומען ריידען ווען זיי וועלען רופען אַ פאַרזאַמלונג.

דעם ערשטען סאָציאַליסטישען מיטינג האָבען די אידיש־רוסישע אימיגראַנטען אָפּגעהאַלטען אין ניו יאָרק, דעם 27טען יולי, 1882. דאָס איז געווען אַ דאָנערשטאָג אָוועגט, אין גאָלדען רול האָל, 125 ריווינגטאָן סטריט. עס איז געווען אַ שרעקליך הייסער טאָג, די היץ האָט אָבער ניט צוריקגעהאַלטען די „גרינע" אָנצופילען יענעם האָל, וואו עס האָבען געקאָנט אריינ־קומען ביז פינף הונדערט מענשען. עס האָט געהייסען פאַר יענע מענשען צום ערשטען מאָל צו האָבען די זכיה צו געניסען דאָס רעכט פון „פרייע רעדע". ביי דיזען מיטינג זיינען געווען, אויסער די יונגע גענאָסען און גענאָסינען, אויך איינינע עלטערע מענשען, וועלכע זיינען געווען דאָ אין ניו יאָרק אַ לענגערע צייט און וועלכע

האבען ניט פארשטאנען די רוסישע שפראך. דער מיטינג איז געווען אנאנסירט אין דער ניו יארקער דייטשער „פאלקס־צייטונג” און דעם עולם האבען צוזאמענגעבראכט א פאר יונגע לייט, וועלכע האבען צוטראגען סירקולארען אין אידיש צו די אימיגראנטען אין זייערע וואוינונגען.

דער פארזיצענדער פון יענעם מיטינג איז געווען א געוויסער מ י ר א ו ו י ט ש, א סטודענט פון פעטערבורג, וועלכער איז געווען אנארכיסטיש געזאנען. ער האט געעפענט דעם מיטינג אין דער רוסישער שפראך און האט ערקלערט, אז די טעמע פון דעם היינטיגען מיטינג איז וועגען „די לעצטע פאגראמען אויף אידען אין רוסלאנד און וועגען סאציאליזמוס”. אלס ערשטען רעדנער האט ער פארגעשטעלט גענאסע ס ע ר ג ע י ש ע ו ו י ט ש, ער האט געהאלטען זיין רעדע אין רוסיש און די רעדע האט אלעמען שטארק פאראינטערעסירט.

שעוויטש איז געווען איינער פון די גלענצענדסטע רעדנער און לעקטשורער אין אמעריקא. ער האט געשטאמט פון א רוסישער אריסטאקראטישער פאמיליע. אלס יונגערמאן נאך איז ער אוועק פון רוסלאנד קיין דייטשלאנד. דארטען האט ער אנטייל גענומען אין דער סאציאל־דעמאקראטישער באוועגונג, און נאכהער, קו־מענדיג אין אמעריקא, איז ער געווארען טעטיג אין דער היגער סאציאליסטישער באוועגונג. צוזאמען מיט גענאסע א ל ע ק־ס א נ ד ע ר י א נ א ס האט ער רעדאקטירט די „פאלקס־צייטונג”. זיי ביידע זיינען געווען די הויפט רעדנער פון דער דאמאלסטדיגער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי. גענאסע שעוויטש פלעגט האלטען זיינע רעדעס אין ענגליש, דייטש, רוסיש, פראנצויזיש און איטאליעניש. זיינע רעדעס פלעגען אימער מאכען א שטארקען איינדרוק.

נאך גענאסע שעוויטש'ן האבען גערעדט צוויי אנארכיסטען, נעלקע און וויס. ביידע האבען גערעדט אין דער דייטשער שפראך. נאכדעם ווי די רעדנער האבען געענדיגט, האט דער פארזיצענדער פארגעשלאגען צו שטעלען פראגען און דעבאטירען.

עס זיינען פאראיבער איניגע מינוטען און קיינער האט קיין

וואָרט ניט געבעטען, נאָר אין די בעק פון האָל האָט עפּעס איינער יאָ אויפגעהויבען די האַנט. דאָס האָט געבעטען דאָס וואָרט אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ דאַרען, בלאַסען פּנים. קיינער פון די אנוועזענדע, אַ חוץ זיינע לאַנדסלייט, האָבען איהם ניט געקענט. ווען דער יונגערמאַן האָט זיך גענומען מאַכען אַ וועג צו דער פּלאַטפאָרמע, האָבען אייניגע פון פּובליקום באַמערקט איראָניש: „ווער ווייסט, וואָס דער אינגעל וועט אונז דאָ דערצעהלען?" ווי איבערראַשט אָבער זיינען די אנוועזענדע געוואָרען, ווען זיי האָבען דערהערט דעם יונגענמאַנ'ס רעדע. די קלאָרע קלינגענדיגע שטימע און די ארגומענטען, וועלכע דער יונגער רעדנער האָט געגעבען מיט משלים פאר'ן סאָציאַליזם, אויך אין דער רוסישער שפּראַך, האָבען פאַראינטערעסירט אַלעמען און זיי האָבען אויסגעהערט זיין רעדע מיט גרויס אינטערעס. ווען ער האָט געענדיגט, האָט דער עולם באַגייסטערט אַפּלאָדירט. אַלע האָבען זיך פאַראינטערעסירט מיט'ן יונגען רעדנער; אַרום איהם האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ גאַנצע רעדעל.

דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי אונזער גענאָסע אב. קאַהאַן. וועגדענדיג זיך צו מיראָוויטש'ן, דעם פאָרזיצענדען פון'ם מיטינג, וועלכער איז אויך געשטאַנען אין רעדעל, האָט גענאָסע קאַהאַן באַמערקט, אַז די רוסישע לעקטשורס קאָנען קיין גרויסען ווערט ניט האָבען, ווייל די ברייטע אידישע מאַסען פאַרשטעהען ניט קיין רוסיש. עס וואָלט דאַרום ווינשענסווערט געווען, אַז די פּראָפּאַגאַנדע זאָל אָנגעפיהרט ווערען אין אייגנפאַכען אידיש, אויף מאַמע־לשון. אייניגע אינטעליגענטען האָבען זיך פּשוט צולאַכט פון אַזאַ מאָדנעם פאָרשלאַג — „גאָר אין אידיש צו פּראָפּאַגאַנדירען? !..."

— וואו וועט איהר נעמען פּראָפּאַגאַנדיסטען אין אידיש? — פרעגט מיראָוויטש. — וואָלט איהר זיך אָנגענומען צו לעקטשורען אין אידיש? — האָט ער געפרעגט ביי גענאָסע קאַהאַן.

גענאָסע קאַהאַן האָט אָנגענומען, און מען האָט זיך גלייך גענומען צו אַראַנזשירען אַ צווייטען מיטינג, וואו מען וועט ריידען אויף פּשוט'ן מאַמע־לשון.

אין גיכען האָבען די אידישע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען אָרגאַניזירט אַ „פּראָפּאַגאַנדע פאַראײן”.

דער „פּראָפּאַגאַנדע פאַראײן” האָט אַראַנזשירט די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק אין יאָהר 1882.

אויף דעם צווייטען אַגיטאַציאָנס מיטינג פון דעם „פּראָפּאַגאַנדע פאַראײן” האָט גענאָמען אַב. קאַהאַן געהאַלטען די ערשטע לעקטשור אין מאַמע־לשון. די טעמע איז געווען: „סאָציאַליזם און די לעהרע פון קאַרל מאַרקס”. דער מיטינג איז געהאַלטען געוואָרען אין דער זעקסטער סטריט, אין אַ האָל, וואו די דייטשע אַנאַרכיסטען פלעגען זיך פאַרזאַמלען.

דער קעלער, וואו דער מיטינג איז געהאַלטען געוואָרען, איז געווען אַזוי געפּאַקט מיט רוסיש־אידישע אימיגראַנטען, אַז עס איז ניט געווען מעגליך פאַר די רעדנער זיך דורכצושטופּען צו דער פּלאַטפאָרמע.

מיט גרויס אינטערעס האָבען די אַנוועזענדע זיך צוגעהערט צו קאַהאַנ'ס רעדע, אין אַ קלאָרער אידישער שפּראַך. דער רעדנער האָט ערקלערט דעם סאָציאַליזם מיט אײנפאַכע בײשפּילען, קריטיקירענדיג דעם קאַפּיטאַליזם. איך געדענק נאָך עד היום דעם בילד, וואָס גענאָמען קאַהאַן האָט דאַן געמאָלען בזה הלשון: שטעלט אײך פאָר אַ הויכען טורעם צוזאַמענגעשטעלט פון מענשען. פון אונטען שטעהען פאַרמאָרעטע מענשען, וועלכע האַלטען אויף זײערע פּלײצעס דעם טורעם. העכער אַ ביסעל שטעהען נאָך מענשען, וועמען עס איז שוין אַ ביסעל גרינגער צו האַלטען דעם טורעם. וואָס העכער די מענשען שטעהען אויפ'ן טורעם, אַלץ גרינגער איז פאַר זײ אויפצוהאַלטען דעם טורעם, וועלכער האַלט זיך אויף די פּלײצעס פון די אונטערשטע פאַרמאַטערטע מענשען. דאַן, גאַנץ אויבען אויף דיזען טורעם, זיצען זיך די גליקליכע, וועלכע קוקען אויס שעהן, געזונט און צופרידען. אָט דאָס איז דער בילד פון דער הײנטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט ערקלערט דער רעדנער. די אַרבײטער, וואָס באַ־

שאַפען אַלדאָס גוטעס, די וואָס גראַבען די קויהלען, פאַרזייען די ווייץ, באַקען דאָס ברויט, נעהען די שיך און קליידער, אויף זיי האַלט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט, און די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע טוען קיין פינגער אין קאַלטען וואַסער ניט אריין, זיצען אויבענאָן און לעבען אין לוקסוס און וואוילטאָג. דאַן האָט דער רעדנער ערקלערט די לעהרע פון קאַרל מאַרקס, וועלכע באַווייזט, ווי אַזוי דער סאָציאַליזם וועט פאַרבייטען דעם קאַפּיטאַליזם, און ווי עס וועט איינגעפיהרט ווערען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט פאַר אַלע מענשען, וועלכע שאַפען.

דיזע ערשטע לעקטשור פון נענאָסע קאַהאַן האָט ביי אַלע זיינע צוהערער דאַן אָנגעצונדען אַ פלאַקער פון באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם. עס האָט זיך געפיהלט, ווי עס וואָלטען זיצען בלינדע און ווי זיי וואָלטען מיט אַמאָל זעהענדיג געוואָרען, ווי שטומע וואָלטען געוואָרען רעדעוודיג און טויבע הערענדיג.

נאָך פילע פראַגען, וועלכע דער רעדנער האָט געענטפערט, האָט ער אויך גערעדט וועגען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע העלדען, ווי פּעראָווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו, מיכאַילאָוו, קיבאַלטשיטש און אַנדערע, וועלכע זיינען געוועזן פריש אין זכרון פון אַלע רוסישע עמיגראַנטען. דאָס איז געוועזן אַ יאָהר נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געטויטעט געוואָרען פון די דערמאָנטע רע־וואָלוציאָנערען.

יענער אָוונט איז ביי מיר עד היום פאַרבליבען איינגעקריצט אין האַרצען. דאַן האָב איך צום ערשטען מאָל באַגריפען די לעהרע פון סאָציאַליזם.

דער ערשטער „פּראָפּאַגאַנדע פאַראיין" האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט בלויז. דער איינציגער אידישער רעדנער איז געוועזן נענאָסע אַב. קאַהאַן. ווייטער פלעגען רעדען ביי די ערשטע מיטינגען בלויז דייטשע און רוסישע רעדנער. מיר האָבען געהאַט לעקטשורס וועגען „אַנאַרכיזם" און „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".

דאַן האָט זיך געגרינדעט דער „רוסישער אַרבייטער פאַראיין".

איינער פון זיינע גרינדער איז געווען דער ניט לאַנג־פאַרשטאָרבענער ניקאָלאַי אַליינִיקאָוו. דער צוועק פון יענעם פאַראיין איז געווען זעלבסטבילדונג און די גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע שעפּער פאַר די מעמבערס. צו דעם פאַראיין האָבען באַלאַנגט מעהרערע פון די אַריסטאָקראַטישע רוסישע אימיגראַנטען, וועלכע האָבען שוין פאַרדינט מעהר ווי דריי דאָלאַר אַ וואָך, אָדער גאָר אַזעלכע אינטעליגענטען, וואָס האָבען געהאַט אַנדערע באַשעפטיגונגען ווי צו אַרבייטען אין בלעך און טאַבאַק פעקטאָרים, אָדער האָבען גאָר געאַרבייט ביי העמדער אין אַ טענעמענט הויז.

די ראַדיקאַלערע אידישע אַרבייטער, אַפילו די, וואָס האָבען ניט פאַרשטאַנען גוט קיין רוסיש, פלעגען קומען צו די מיטינגען פון דעם „רוסישען אַרבייטער פאַראיין" יעדען זונטאָג ביי טאָג און פיהרען דעבאַטען אין רוסיש מיט די „אַריסטאָקראַטען".

די איינפאַכערע אידישע אַרבייטער, וועלכע זיינען ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט דיזען „רוסישען אַרבייטער פאַראיין", האָבען געגרינדעט אַן אַנדער פאַראיין אונטער'ן נאָמען „רוסיש־אידישער אַרבייטער פאַראיין", וואו מען האָט גערעדט בלויז אידיש. דיזער פאַראיין פלעגט זיך פאַרזאַמלען יעדען שבת אָוונט אין 68 אָרטשאַרד סטריט. די גרינדער פון דיזען פאַראיין זיינען געווען דר. טש. ראַיעווסקי, מאָרען, די ברידער ניומאַ און מיטיאַ גרעטש. אין דיזען פאַראיין פלעגען געהאַלטען ווערען לעקטשורס יעדע וואָך. דער הויפּט רעדנער איז געווען אב. קאַהאַן, וועלכער האָט געהאַלטען רעדעס אין אידיש. סאָציאַליסטישע בראָשורען פלעגען מיר דאַן פאַרקויפען בלויז דייטשע, ווייל קיין אידישע האָבען מיר נאָך ניט געהאַט.

* * *

מיט אַ פּאָר נידעריגער, אין דער זעלבער סיגאַר פעקטאָרי, וואו איך האָב געאַרבייט צוזאַמען מיט געגאָסע קאַהאַן, האָב איך זיך באַקענט מיט נאָך אַ וויכטיגע פּערזאָן. יעדען פאַרנאַכט האָבען אַלע „סטריפּער־באָיעס", מיט אַ האַלבער שטונדע איידער מען איז אַהיים געגאַנגען, געדאַרפט אַרונטערגעהן אויף די פלאָרס,

וואו עס האָבען געארבייט סיגארען־מאַכער, און דאָרטען צונעמען ביי זיי די „קאַטינגס", די שטיקלאַך צושניטענע טאַבאַק, און דאָרט אַלץ אויפקלייבען, אויסקערען דעם פלאָר און מאַכען אַלץ ריין. אויף דעם פלאָר וואו איך פלעג ארונטערגעהן, זיינען געזעסען אַ סך שווארצע שפּאַנישע סיגאַר־מאַכער, צווישען זיי זיינען געווען אויך אַמעריקאַנער אַרבייטער. יעדעס מאָל, ווען איך קום אַרונטער, הער איך, אַז איינעם רופען זיי אַלע „פּרעזידענט". איך האָב געוואוסט, אַז אין אַמעריקאַ איז דאָ אַ פּרעזידענט. זאָל דאָס זיין דער „פּרעזידענט"? — טראַכט איך מיר. אָבער דער איז דאָך גאָר אַ סיגאַר־מאַכער! עפּעס גלויבט זיך מיר ניט. בין איך געוואָרען נייגעריג צו וויסען, ווער אָט דער פּרעזידענט איז.

דער פּרעזידענט אין מר. שטאַכעלבערג'ס פאַבריק איז געווען אַ גאַנץ שעהנער מענש, מיט לאַנגע שווארצע האָר. אַלע אַרבייטער רעדען מייסטענס מיט איהם און רופען איהם אַלץ „פּרעזידענט". איך האָב שטאַרק געוואָלט וויסען וועגען דעם „פּרעזידענט". ענדליך האָב איך זיך דערוואוסט פון די סטריפּערס, אַז דער „פּרעזידענט", וואָס אַרבייט אונטען סיגאַרען, איז גאָר דער פּרעזידענט פון דער סיגאַר־מאַכער יוניאָן, זיין נאָמען איז ס ע מ י ו ע ל ג אָ מ פּ ע ר ס און ער איז אַ איד.

עס נעמט מיר ניט לאַנג, און איך באַקען זיך מיט „בראָדער פּרעזידענט" סעם גאָמפּערס.

אין אַ מיטאָג־שטונדע געה איך איינמאָל צו צו גאָמפּערס'ן און וויל האָבען מיט איהם אַ געשפּרעך. איך האָב איהם געוואָלט דערצעהלען, אַז ביי אונזערען אַ סאָציאַליסטישען מיטינג האָבען מיר, אימיגראַנטען, גערעדט וועגען אָרגאַניזירען די אידישע אַרבייטער אין יוניאָנס, ערשט ברודער „סעם" גאָמפּערס איז אַזאַ איד, וואָס רעדט קנאַפּ אידיש, עפּעס אַ פּאָר דייטשמערישע ווערטער ענטפערט ער מיר. עס איז צרות, מיר קאָנען זיך ניט צוזאַמענריידען. „ברודער" גאָמפּערס טראַכט ניט לאַנג און רופט צו אַ סיגאַר־מאַכער אַ איד, וואָס רעדט מיין לשון און אויך גאָמפּערס'עס ענגלישע שפּראַך, און איך דערצעהל איהם, אַז מיר, אימיגראַנטען, רופען דאָ מיטינגען, סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונ־

נען, ארגאניזירען א יוניאן פון די בלעכער ארבייטער, וואס אר־ בייטען ביי מר. בלאך, און אז שניידער ארבייטער זיינען געקומען בעטען אונזערע רעדנער צו קומען ריידען ביי זייערע מיטינגען, און אז איינער פון אונזערע הויפט רעדנער איז אב. קאהאן, וועל־ כער האט אויבען אין שאפ געארבייטביים טאבאק, און יעצט איז ער א לעהרער פון ענגליש און לערענט אונז אלע „גרינע" ריידען, לעזען און שרייבען ענגליש. איך דערצעהל איהם, אז קאהאן געהט ריידען נעקסטען שבת ביי די אידישע שניידער אר־ בייטער אין גאלדען רול האל, אויף ריווינגטאן סטריט. דער אי־ בערזעצער צווישען מיר און גאמפערס'ן האט איהם אלעם איבער־ געגעבען. דער אידישער סיגאר־מאכער דערצעהלט מיר דערוויל, אז גאמפערס איז שוין יעצט נאך א גרעסערער „פרעזידענט". ביז יעצט איז ער געווען א פרעזידענט פון סיגאר־מאכער יוניאן לאקאל 144, יעצט איז ער שוין דער „פרעזידענט" פון דער „אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר". ער ערקלערט מיר, אז דאס איז א פאראייניגונג פון אלע יוניאנס, פון אלע פאכען ארבייט, און אז גאמפערס וועט נעקסטע וואך אויפגעבען זיין דזשאב אין שאפ און ער וועט זיך געפינען אין אפיס פון דער „אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר" אויף גרינוויטש עווועניו, וואס איז אין גרינוויטש ווילעדזש. גאמפערס האט מיר געגעבען דעם אדרעס פון זיין נייעם אפיס און האט מיך איינגעלאדען צו קומען איהם דארטען באזוכען.

.5

דער „אידישער אַרבייטער פאַראיין" אין ניו יאָרק
(1888—1882)

וזי אַזוי דער „אידישער אַרבייטער פאַראיין" איז געגרינדעט געוואָרען.— די רוסישע און אונגאַרישע אידען. — די ערשטע אַגיטאַציע פאַר יוניאָנס צווישען די אידישע אַרבייטער. — די ערשטע ראַדיקאַלע אידישע צייטונג אין ניו יאָרק, וועלכע איז געווען האַלב ציוניסטיש און האַלב סאָציאַליסטיש.

צו פאַראייניגען זיך אין טרייד יוניאָנס, האָבען די רוסיש־אידישע אימיגראַנטען זיך אויסגעלערענט אין אַמעריקא, ווייל אַמעריקא איז דאַן געווען די איינציגע לאַנד, אויסער ענגלאַנד, וואו די טרייד יוניאָן באַוועגונג האָט געהאַט אַ ממשות.

צו יענער צייט האָט מען אין רוסלאַנד נאָך ניט געוואוסט וועגען טרייד יוניאָנס. סטרייקס פלעגען אין רוסלאַנד אפילו אויך דאַן פאָרקומען, אָבער קיין יוניאָנס זיינען אין רוסלאַנד ניט געווען.

צו דער צייט פון דער גרויסער רוסיש־אידישער אימיגראַציע פון 1882 האָט שוין אין גאַנץ אַמעריקא און הויפּטזעכליך אין ניו יאָרק, עקזיסטירט אַ שטאַרקע טרייד יוניאָניסטישע באַוועגונג, אין וועלכער די איירישע און דייטשע עמיגראַנטען האָבען דאַן גענומען אַ גרויסען אנטייל.

די שטאַרקסטע און די איינציגע גרויסע נאַציאָנאַלע טרייד יוניאָן קערפּערשאַפט איז דאַן געווען די „נאַיטס אָוו לייבאָר" (די ריטער פון אַרבייט) אונטער דער פיהרערשאַפט פון זייער „גרויס־מאַסטער" וו. פּאַודערלי. אין יענער צייט האָט זיך געגרינדעט די נייע נאַציאָנאַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, די „אַמעריקאַן פעדע־

ריישאָן אָוו לייבאָר", און צווישען די צוויי קערפערשאַפטען האָבען זיך גלייך אָנגעפאנגען רייסערייען.

די גרעסטע צאָהל פון די דאַמאָלסטדיגע אידישע שניידער אין ניו יאָרק זיינען געווען אונגארישע און גאַליציאַנער, וועלכע פלעגען ארבייטען ביי די בעסערע ליין ארבייט פון שטיק, די ליטווישע און פוילישע אידען האָבען געארבייט ביי די ביליגערע ליין. זיי פלעגען ארבייטען אונטער דער „ציל־סיסטעם", דאָס מיינט, אַ טאָג ארבייט האָט באטראָפען אַ באשטימטע צאָהל רעק, און אַז דער ארבייטער פלעגט זיי ניט פארטיג מאַכען אין דעם באשטימטען טאָג ביז 10 אזייגער אין אווענט, פלעגט ער זיי פאַר־ענדיגען אויף מאָרגען. עס פלעגט אַלזאָ אויסקומען, אַז ווען אַן ארבייטער האָט געפראַצעוועט זעקס טעג און זעקס נעכט, פלעגט ער בלויז דאַהען געמאַכט פיער טעג ארבייט פאַר דער וואָך.

ארבייטער פון שניידער־טרייד זיינען דאַן ניט געווען דאָס רוב אידען, נאָר דייטשע און איירישע קריסטען, וועלכע פלעגען ארבייטען ביי די בעסערע ליין ארבייט.

עס האָבען עקזיסטירט שניידער־יוניאָנס און אויך אַ קלאָוק־מאַכער יוניאָן אונטער די „נאַיטס אָוו לייבאָר". די אידען האָבען שוין דאַן באַלאַנגט אין באַזונדערע לאָקאַלס, פון וועלכע די פיהרער זיינען געווען אונגארישע און גאַליציאַנער אידען. אייניגע פון דיזע יוניאָן־פיהרער זיינען געווען סאָציאַליסטען. די מעהרסטע פיהרער אָבער זיינען געווען קאָנסערוואַטיוו, אָפטמאָל פּאָליטישענס פון די רעפּובּליקאַנער און דעמאָקראַט־ישע פּארטייען.

די גרעסטע צאָהל פון דעם נייעם עלעמענט פון די רוסישע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען אַהער געקומען אין יאָהר 1882, האָ־בען זיך אויך גענומען צו דער נעה־מאַשין, ביי מענער־קליידער, קלאָוקס, שוירטס, ראַפּערס א. ז. וו. געבילדעטע יונגע לייט, סטו־דענטען פון רוסישע אוניווערזיטעטען, האָבען דאַן אויך קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו ווערען שניידער. מייסטענס זיינען זיי געוואָרען העמדעל־נעהערס, ווייל דיזען טרייד האָבען זיי לייכטער געקאָנט זיך אויסלערנען און ביי דעם איז אויך לייכטער געווען צו געפינען שנעל באשעפטיגונג. אַ טייל פון דיזע „מייקערס" זיינען

מיט דער צייט געוואָרען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, דענטיסטען, א. ז. וו.

זיי זיינען דאָס געווען די רעדנערס און אָרגאַניזערס פון די ערשטע רוסיש־אידישע טרייד יוניאָנס און די קעפּ פון דער אידי־שער אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקא. מ. זאַמעטקין, מאָריס הילקוויט, לואי מילער, דר. קלימענקאָ, דר. ליוביטש און אַנדערע זיינען אויך געווען שוירט מייקערס, ווען זיי זיינען געקומען אין דער גאָלדענער מדינה.

אין יאָהר 1884 איז אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען דער „אידישער אַרבייטער פאַראיין", וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם סאָציאַליזם, ווי אויך צו אַרויסגעבען אַ אידישע אַרבייטער צייטונג. צו דיזען פאַראיין האָבען שוין באַלאַנגט רוסישע, אונגאַרישע און גאַליציאַנער אידען צוזאַמען. געקומען אייגענטליך דער־צו, אַז אידען פון פאַרשיידענע לענדער זאָלען זיך פאַראייניגען אין איין פאַראיין, איז דאָס טאַקע צוליב דעם סאָציאַליזם. ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, האָט אין אידישען קוואַרטאַל דאָן עקזיסטירט אַ „רוסיש־אידישער אַרבייטער פאַראיין", די מעמבערס פון וועלכען עס זיינען דאָס רוב געווען לעזער פון דער דייטשער „פאָלקסצייטונג".

די פיהרער פון יענעם „אונגאַריש און גאַליציאַנער אידישען אַרבייטער פאַראיין" זיינען געווען: י ע ק ב ש ע ה ן, א. ק אַ נ נ ע ר, ז. ה ו י ר ש און א. ס מ י ט ה.

אין אַ געוויסען טאָג איז אין דער דייטשער „פאָלקסצייטונג" געווען געדרוקט אַן אויפרוף, צו קומען ערגעץ וואו אין אַ האָל אויף קענאָן סטריט (דאָס איז געווען דער אונגאַריש־אידישער קוואַרטאַל אין ניו יאָרק) צו אַ מיטינג, וואו עס וועט באַשפּראָכען ווערען די פראַגע וועגען אַרויסגעבען אַ אידישע אַרבייטער בלאַט. די מיט־גלידער פון דעם „רוסיש־אידישען פאַראיין" האָבען אויף קיין פאַל ניט געקאָנט פאַרשטעהן, פון וועלכען הימעל אַזאַ גוטע זאַך האָט געקאָנט אַראָפּפאַלען. קומענדיג צו יענעם מיטינג, האָבען די

רוסישע גענאָסען אין יענעם האָל געטראָפען א פאראיין פון אונ־גאריש־אידישע סאָציאליסטען.

נאָך א קורצען שמועס צווישען די מיטגלידער פוןביידע פאראיינען, איז מען געקומען צו א פארשטענדניש צוזאמענצו־שמעלצען ביידע אָרגאניזאציעס אין איינע. און דאן, אויף יענעם היסטאָרישען מיטינג, איז געבוירען געוואָרען דער „אידישער אר־בייטער פאראיין", וועלכער האָט ביז דעם יאָהר 1887 געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג פון ניו יאָרק.

דיזער „אידישער ארבייטער פאראיין" האָט דאן אָנגעפיהרט די פּראָפּאגאנדע פאר'ן סאָציאליזם און האָט אויך מיטגעהאָלפען די דאמאָלסטדיגע פאָר אידישע יוניאָנס. דער פאראיין פלעגט אויך אָרגאניזירען נייע אידישע יוניאָנס.

צווישען אנדערע יוניאָנס האָט דער „אידישער ארבייטער פאראיין" אויך געגרינדעט די איצטיגע אידישע שריפטזעצער יוניאָן; א קלאָוקמאכער יוניאָן, וועלכע האָט, לײדער, ניט לאנג עקזיסטירט; א אידישע בעקער יוניאָן און א יוניאָן פון אידישע כאָריסטען פון אידישען טעאטער און נאָך אנדערע אידישע יונאָנס.

דער „אידישער ארבייטער פאראיין" האָט אויך גענומען א שטארקען אנטייל אין דער גרויסער „הענרי דזשאָרדזש באוועגונג", וועלכע איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1886.

לײדער איז דעם „אידישען ארבייטער פאראיין" דאן ניט געלונגען דורכצופיהרען זיין הויפּט ציעל, נעמליך, צו גרינדען אן אייגענע אידישע ארבייטער צייטונג. עס האָט זיך ניט איינ־געגעבען דערפאָר, וואָס אין זעלבען יאָהר 1886 האָבען צוויי פּריי־וואט פערזאָנען ארויסגעגעבען א פּריוואטע וועכענטליכע ארבייטער צייטונג, אונטער דעם נאָמען „די ניו יאָרקער אידישע פאָלקס־צייטונג". די רעדאקטערע פון יענער צייטונג זיינען געווען דר. מאָזעס מינץ, א חובב ציון, און דר. מ. ברעסלאו, פון די ערשטע רוסיש־אידישע עמיגראנטען פון יאָהר 1882, א סאָציאליסט. דיזע „אידישע פאָלקסצייטונג" האָט עקזיסטירט ביז דעם יאָהר 1889. גענאָסע אב. קאהאן און דר. טש. ראיעווסקי האָבען אין דער

זעלבער צייט ווען די „אידישע פאָלקסצייטונג” איז ערשינען, אויך אַרויסגעגעבען אַ וועכענטליכע אַרבייטער בלאַט אונטער דעם נאָמען „די נייע צייט”, פון וועלכער עס זיינען ערשינען נאָר עטליכע נומערען.

די גרעסטע צאָהל מיטגלידער פון דעם „אידישען אַרבייטער פעראיין” האָבען זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דער „אידישער פאָלקסצייטונג”, ווייל ערשטענס, האָט דאָס ערשיינען פון דער צייטונג צוגענומען ביים פעראיין די מעגליכקייט אַרויסצוגעבען אַ קהל'שע אַרבייטער צייטונג, און צווייטענס, האָט אַ פּריוואַט צייטונג ניט געקאָנט ריכטיג דינען די אינטערעסען פון די יוניאָנס, ווי אויך דער אַגיטאַציע פאַר'ן סאָציאַליזם.

אין דער „אידישער פאָלקסצייטונג” פלעגען זיין געדרוקט טרוקענע לייט־אַרטיקלען איבער ציוניזם, וועלכע פלעגען פאַר־נעמען אַ גאַנצע זייט, אַ צווייטען מאָל פלעגען קומען לייט־אַרטיק־לען איבער סאָציאַליזם, מייסטענס איבערזעצונגען פון בראָשורען און אַרטיקלען פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גענאָסען.

אין מאָנאַט יולי 1887 איז דער „אידישער אַרבייטער פאַר־איין” אָפיציעל אויפגעלעזט געוואָרען, צוליב שטרייטיגקייטען פון זיינע מעמבערס, וועלכע האָבען זיך געטיילט אויף צוויי פּאַרטייען — סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען, אָבער וועגען דעם — שפּעטער.

.6

די אַכט־שטונדען באַוועגונג און דער ערשטער מאַי 1886 אין ניו יאָרק

דער גרויסער אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין פון די ניו יאָרקער יוניאָנס. — די באַוועגונג פאַר׳ן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג כאַפּט אַרום די אַרבייטער פון אַלע טריידס. — דער גענעראַל סטרייק און די וואונדערבאַרע דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקווער. — אַרבייטער פון בילדינג טרייד געווינען אַלע זייערע פאָדערונגען.

די באַוועגונג פאַר אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אמעריקא מיט א האַלבען יאָהרהונדערט צוריק. אין אָנפאַנג פון דער באוועגונג איז געוועהנליך דער וואונש צו ארבייטען אכט שעה א טאָג געווען ניט מעהר ווי א שעהנער חלום. אַלע ארבייטער אין אמעריקא פלעגען דאַן פראַצעווען געשמאַק צעהן שטונדען א טאָג. דאָס האָט דאַן געהייסען קורצע שטונדען. די אידישע ארבייטער, וועלכע האָבען עמיגרירט אהער פון רוס־לאַנד אין מאַסען אין יאָהר 1881, ארבייטענדיג אין קליינע סוועט־שעפּער ביי שניידעריי, ביי שוירטס, אין בעקערייען אָדער אין א בלעך פעקטאָרי — פלעגען ארבייטען פון 14 ביז 18 שעה אין מעת־לעת.

די „אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר״, וועלכע איז גע־גרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1881, האָט אין איהר פּראָגראַם געהאַט דעם אכט־שטונדען ארבייטס־טאָג, און ביי איהר קאָנ־ווענשאָן אין יאָהר 1884 איז באַשלאָסען געוואָרען אָנצופאַנגען א קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען די ארבייטער פון די פאַרשיידענע טריידס אז זיי זאָלען זיין גרייט ארויסצוגעהן דעם 1טען מאַי 1886 אין א גענעראַל־סטרייק אין יעדען פאַך, וועלכער וועט זיין שטאַרק גענוג

אָרגאַניזירט אָנצופיהרען דעם קאַמף פאַר דעם אַכט־שטונדען אַרבייטס־טאָג.

די „נאַיטס אָוו לייבאָר", וועלכע האָבען זיך גערופען מיט דעם נאָמען אָרדען, ווייל זייערע פאַרזאַמלונגען פלעגען געפיהרט ווערען געהיים (ווי אין אַ געהיימער לאָדזש), איז צו יענער צייט געווען זעהר גרויס אין מעמבערשיפ, און זי האָט שוין פון לאַנג געהאַט אויפ'ן פראָגראַם דעם אַכט־שטונדען אַרבייטס־טאָג.

די „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", אַלס אַ יונגע, ענערגישע קערפּערשאַפט, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען מיט אַ פרייערע פּלאַטפאָרמע פאַר די לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע יוניאָנס, האָט זיך גענומען גרייטען מיט גרויס ענערגיע צו דעם קאַמפּיין פאַר דעם אַכט־שטונדען אַרבייטס־טאָג. זי האָט אָנגעשטעלט אַן אַרמעע פון אָרגאַנייזערס, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער פון אַלע פאַכען. יענע אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט איז אָנגעגאַנגען זעהר שטורמיש, פעסט און מיט מוט. יונגע אַמעריקאַנער, אייךרישע און דייטשע אָרגאַנייזערס זיינען געגאַנגען פון שאַפּ צו שאַפּ, האָבען גערופען די אַרבייטער צו פאַרזאַמלונגען. אין אַ סך שעפּער פלעגען די דרייסטע אַגיטאַטאָרס אַריינגעהן אין די שעפּער, מיט דער ערלויבניש, נאַטירליך, פון די בעלי־בתים. פילע באָסעס זיינען צו יענער צייט געווען צושראָקען פון דער שטאַרקער אַגיטאַציע פאַר דעם אַכט־שטונדען אַרבייטס־טאָג און פלעגען ערלויבען צו האַלטען פאַרזאַמלונגען אין די שעפּער מיטאָג־צייט. ווער עס האָט געקאָנט האַלטען עפּעס אַ רעדע, האָט גערעדט, אַגיטירט פאַר אַכט שטונדען אַ טאָג אַרבייט. וואו מען איז געגאַנגען, האָט מען צו יענער צייט געהערט אַלץ רעדענדיג וועגען דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. יעדע יוניאָן פון יעדען פאַך האָט לויט איהרע קרעפטען ערוועהלט אָרגאַנייזערס. אינ־טערנײשאָנאַל יוניאָנס זיינען דאַן אין דער „אַמעריקאַן פעדערײ־שאָן אָוו לייבאָר" געווען אַ קליינע צאָהל.

באַזונדערע יוניאָנס פון אידישע אַרבייטער זיינען דאַן געווען בלויז אַ פּאָר, אָהן באַדייטונג. אָבער פילע אידישע אַרבייטער האָבען שוין באַלאַנגט צו אַלגעמיינע יוניאָנס. די דאַמאָלסט־

ריגע ניו יאָרקער יוניאָנס האָבען געהאַט אַלס מעמבערס אַ גרויסע צאָהל אײרישע און דײטשע ארבײטער. די אײרישע זײנען געװען קאָנסערװאַטיװ, זײערע פיהרער זײנען געװען פון די אײרישע אַגיטאַטאָרס פאַר האָום־רול. די דײטשע ארבײטער אָבער זײנען כמעט אַלע געװען סאָציאַליסטען. אַ סך פון זײ זײנען געװען פון די אויסגעװיזענע געגאָסען צוליב ביסמארק'ס אַנטי־סאָציאַליסטישען געזעץ אין דײטשלאַנד.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1886 האָט די אַכט־שטונדען באַװעגונג ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. די אַגיטאַציאָנס און אָרגאַניזאַציאָנס ארבײט איז אָנגעגאַנגען אין יעדער גרויסער שטאָדט פון אַמעריקא.

דער טאָג פון דעם גענעראַל־סטרײק פאַר דעם אַכט־שטונדען ארבײטס־טאָג איז באַשטימט געװאָרען אויף דעם ערשטען מאַי, 1886. אין דעם טאָג האָבען די ארבײטער פון אַלע אָרגאַניזירטע טרײדס געװאָרפען די ארבײט און האָבען דעמאָנסטרירט. אין ניו יאָרק האָט די סענטראַל לײבאָר יוניאָן אראַנזשירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, װעלכע איז באַשטאַנען פון אַ פּאַראַד און אַ מאַס־מיטינג אויף יוניאָן סקװער. אין דעם פּאַראַד, װעלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען 10 אוהר אין דער פריה, האָבען זיך באַטײליגט אַ דרײסיג טויזענט ארבײטער. די גרעסטע צאָהל פון די סטרײקער זײנען געװען פון די בילדינג טרײדס, פאָרניטשור ארבײטער, סי־גאַרען־מאַכער, פּאַריערס, ביר־ברויערס, שוה־מאַכער, פּיאַנאָ אר־בײטער און נאָך פון פילע אַנדערע פאַכען. שנײדערס און אר־בײטער פון נאָדעל טרײדס האָבען דאַן נאָך ניט געסטרײקט, װײל זײ האָבען געהאַט שװאַכע יוניאָנס, װעלכע האָבען באַלאַנגט צו די „נאַיטס אָװ לײבאָר".

אַ װאונדערבאַרער פּאַראַד איז עס געװען יענעם ערשטען מאַי. דער טאָג איז געװען אַ װאַרימער, אַ שעהנער. די זון האָט געשײנט אויף די טויזענטער פּאַראַדירענדע ארבײטער. פריהער זײנען זײ געגאַנגען אין די ארבײטער קװאַרטאַלען פון דער איסט סײד, װאו עס האָבען דאַן געװאוינט די קריסטליכע ארבײטער. זײ זײנען אויפגענומען געװאָרען מיט יובעל. דערנאָך זײנען די דעמאָנ־

סטראַנטען אַרויף אויף פינפטער עוועניו, וואו ס'האָבען דאַן גע־וואוינט די מיליאָנערען. (אויף פינפטער עוועניו זיינען דאַן ניט געווען קיינע ביזנעס געשעפטען און סטאָרס). „אַכט שטונדען אַר־בייט, אַכט שטונדען פאַרברענגען, אַכט שטונדען רוהען", האָבען די מאַרשירענדע אַרבייטער־מענער געזונגען אונטער די קלאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע".

די אויפשריפטען, וועלכע די דעמאָנסטראַנטען האָבען גע־טראָגען, זיינען אַלע געווען וועגען אַכט שטונדען אַרבייט. די פינפטע עוועניוקעס האָבען ניט גוט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט.

אָנקומענדיג צום היסטאָרישען יוניאָן סקוועד, האָבען די אַר־בייטער באַטאַליאָנען אין זייערע יום־טוב'דיגע מלבושים שטאָלץ אַרויפגעמאַרשירט אויף'ן סקוועד, טראָגענדיג די פאָנען פון זייערע יוניאָנס. די מוזיק האָט געשפּילט פון אַלע זייטען. עס איז אָבער ניט געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע דעמאָנסטראַנטען, וועלכע זיינען געקומען. דער יוניאָן סקוועד איז שוין געווען פון פריהער פול מיט מענשען. דער עולם האָט פאַרנומען אַלע אַרומיגע גאַסען. בראָדוויי אַרום סקוועד איז געווען שוואַרץ פון מענשען. אַלע טראָקס, האָרס־קאַרס (דעמאָלט זיינען געלאָפען קאַרס בלויז מיט פערד) האָבען זיך אָפּגעשטעלט.

צוויי אַזייגער בייטאָג איז ערעפענט געוואָרען יענער גרויסער היסטאָרישער ערשטער מאַי מיטינג אין ניו יאָרק. דער גרויסער טומעל פון עולם, די קלאַנגען פון דער מוזיק, די הענט־פּאַטשעריי, די הונדערטע פאָהנען פון פאַרשיידענערליי קאָלירען געמישט מיט רויט האָבען געפלאַטערט אויף'ן פּלאַטפאָרם פון סקוועד און פון די פאַרפּוצטע טראָקס, וועלכע זיינען געשטאַנען פוןביידע זייטען פון סקוועד. די סצענע איז געווען באַלויכטען פון די פאַרשיידענע קאָלירען פון דער שיינענדער זון און עס האָט אויף אַלעמען גע־מאַכט אַן אומבאַשרייבליכען איינדרוק.

דער הויפּט רעדנער פון יענעם מיטינג איז געווען ה ע נ ר י ד ז ש אָ ר ד ז ש, דער סינגעל־טעקסער, וועלכער איז יענעם יאָהר געלאָפען אַלס קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון דער שטאָדט ניו יאָרק פון דער „פאַראייניגטער אַרבייטער פּאַרטיי". עס האָט אויך

גערעדט סעמיועל גאָמפּערס פון דער „אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר”. אָבער די אמת'דיגע רעדע האָט געהאַלטען סערגעי שעוויטש, דער רעדאַקטאָר פון דער דייטשער „פאָלקסצייטונג”. זיין וואונדערבאַרע סאָציאַליסטישע רעדע אין ענגליש האָט באַגייסטערט דעם עולם. דער יובעלגעשריי און די באַגייסטערונג פון די מאַסען האָבען אָפּגעהילכט וויט, ווייט פון דער 17טער סטריט. יענע רעדע און יענע ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

אַ שווערען קאַמף האָבען דאַן געפיהרט די אַרבייטער, וועלכע האָבען געסטרייקט פאַר אַכט שטונדען אַרבייט אין ניו יאָרק. דער סטרייק האָט זיך געענדיגט אין איינינגע וואָכען אַרום מיט אַ זיג פון אַכט שטונדען פאַר די אַרבייטער פון בילדינג טרייד. אַ גרויסע צאָהל טריידס האָבען געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס פאַר אַ נייןשטונדיגען אַרבייטס־טאָג אָנשטאָט צעהן.

אויך אין פילע אַנדערע שטעדט פון לאַנד זיינען פאָרגעקומען סטרייקס פאַר'ן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. אין שיקאַגאָ איז די אַכט־שטונדען באַוועגונג יענעם ערשטען מאַי 1886 געווען זעהר שטאַרק, און דעם 3טען מאַי 1886 האָט אין שיקאַגאָ פּאַסירט די היימאַרקעט פּאַסירונג, צוליב וועלכער עס איז געקומען דער באַריהמטער פּראָצעס פון די זיבען שיקאַגאָ'ער אַנאַרכיסטען.

ערשט מיט דריי יאָהר שפּעטער — אין יאָהר 1889 — איז אויף דעם ערשטען קאָנגרעס פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט שטאַטגעפונען אין פּאַריז, אויפגענומען געוואָרען די פראַגע וועגען אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג און וועגען ערשטען מאַי און עס איז דאָרט באַשלאָסען געוואָרען, אַז דער ערשטער מאַי זאָל זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער יום־טוב פאַר די אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַר אַן אַכט־שטונדען אַרבייטס־טאָג און פאַר דער פאַרברידערונג פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער.

.7

די הינריכטונג פון די שיקאַגאָ'ער אַנאַרכיסטען אין יאָהר 1887

די גרויסע באַוועגונג אין שיקאַגאָ פאַר'ן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג.— דער ריזיגער אַרבייטער־מיטינג דעם 3טען מאַי 1886. — די פּראָוואָקאַציע פון דער פּאָליציי. — די היימאַרקעט־דעמאָנסטראַציע און דער באָמבען־אַטענטאַט. — דער פּראָצעס און די הינריכטונג פון די זיבען אַרבייטער־פיהרער.

ווען די קאָנווענשאָן פון דער „אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" האָט באַשלאָסען, אַז דעם ערשטען מאַי זאָלען די אַרביי־טער פון די גוט אָרגאַניזירטע טריידס אַרויסגעהן אויף אַן אַלגע־מיינעם סטרייק פאַר דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, האָט זיך אין שיקאַגאָ גלייך געגרינדעט אַן אַכט־שטונדען אַסאָסיאיישאָן און זי האָט געאַרבייט פאַר דיזען צוועק זעהר ענערגיש. עס פלעגען דאָרטען אָפּגעהאַלטען ווערען ריזיגע אַרבייטער פאַר־זאַמלונגען.

אין יאָהר 1886 האָט זיך די אַרבייטער באַוועגונג פון שיקאַגאָ געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די אַנאַרכיסטען. דער רע־דאַקטאָר פון דער דייטשער שיקאַגאָ'ער „אַרבייטער צייטונג" איז דאַן געווען אויגוסט שפּיעז, אַן אַמעריקאַניזירטער דייטש. ער איז געווען דער הויפּט פיהרער פון דער גאַנצער אַרבייטער באַ־וועגונג און דערפאַר האָבען די קאַפּיטאַליסטען געזוכט איהם אומ־צוברענגען, און עס איז זיי טאַקע געלונגען דיזען איידעלען מאַן מיט נאָך פיער פון זיינע קאַמעראַדען אויפצוהענגען. אַלבערט פּאַרסאָנס, אַן אַמעריקאַנער יענקי, איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם ענגלישען אַנאַרכיסטישען אָרגאַן, „דער אַלאַרם", וועלכער איז אויך דאַן ערשינען אין שיקאַגאָ.

זייט דעם מאָנאַט פעברואר 1886 איז אין שיקאַגאָ אָנגעגאַנגען אַ גרויסער סטרייק פון צוועלף הונדערט לעדער ארבייטער אויף מעקאָרמיק'ס פאַבריק. וואָס נעהענטער עס איז געקומען צום ערשטען מאי 1886, אַלץ מעהר איז געשטיגען די אויפרעגונג צווישען די ארבייטער. ענדליך איז געקומען דער ערשטער מאי און טויזענטער ארבייטער האָבען אויך אין שיקאַגאָ אוועקגעלעגט די ארבייט פאַר דער פאָדערונג פון דעם אכט-שטונדיגען ארבייטס-טאָג.

אויף אַ מאַסען פאַרזאַמלונג פון דער שיקאַגאָ'ער סענטראַל לייבאָר יוניאָן זיינען געווען אנוועזענד ניט ווייניגער ווי פינף און צוואַנציג טויזענט ארבייטער. די צאָהל פון סטרייקער איז מיט יעדען טאָג געוואַקסען, ביז עס זיינען שוין געווען פופציג טויזענט סטרייקער אין דער שטאָדט שיקאַגאָ אַליין. גאַנצע טעג און נעכט פלעגען דאָרטען אָפּגעהאַלטען ווערען ריזיגע מאַסען פאַרזאַמלונגען אין האָלס און מייסטענס אויף די גאַסען און אין די פּאַרקס.

די באָסעס האָבען זיך גענומען שרעקען. עס האָט אויסגעקוקט אין שיקאַגאָ ווי אַ רעוואָלוציע. די גרויסע צאָהל סטרייקער זיינען געווען שרעקליך אויפגערעגט געגען דער קליינער צאָהל סקעבס. עס האָט אויסגעוויזען, אַז די סטרייקענדע ארבייטער אין שיקאַגאָ וועלען זיגען און וועלען אויספיהרען דעם אכט-שטונדיגען ארבייטס-טאָג. די קאַפּיטאַליסטען האָבען גענומען צו זיך צו הילף די פּאָליציי, וועלכע איז אין שיקאַגאָ דאַן געווען באַקאַנט אַלס די ברוטאַלסטע אין גאַנץ אמעריקא.

דעם דריטען מאי נאָך מיטאָג האָט די שאָוולער יוניאָן אָפּגעהאַלטען אַ גרויסע מאַסען פאַרזאַמלונג אויפ'ן גאַס ניט ווייט פון מעקאָרמיק'ס פאַבריק (ווייל דער צענטער פון יענעם קאַמף איז אַלץ געווען מעקאָרמיק'ס סטרייק). ווען די סקעבס האָבען גענומען אַרונטערקומען פון שאַפּ אונטער אַ שטאַרקער שוץ פון פּאָליסלייט און פינקערטאָן דעטעקטיווס, האָבען די פאַרזאַמעלטע סטרייקערס גענומען הוזשען געגען די סקעבס. פּלוצלינג, מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען, איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסער רעזערוו פון בלויע רעק און זיי זיינען באַפאַלען די פרידליכע ארבייטער,

די פרויען און קינדער, וועלכע זיינען אויך געקומען צו יענעם מיטינג. די מערדערליכע פינקערטאָן דעטעקטיווס האָבען דאַן דער׳הרג׳עט זעקס ארבייטער אויף טויט און פילע ארבייטער זיינען געפעהרליך פארוואונדעט געוואָרען פון די קוילען און קלאָבס פון פאָליסלייט און דעטעקטיווס.

דיזע מערדערייען האָבען שרעקליך אויפגערעגט די מאַסען ארבייטער פון שיקאַגאָ און אויף דעם 4טען מאַי איז פאַררופען געוואָרען אַ גרויסער פראָטעסט מיטינג אויף דעם היי־מאַרקעט, אום צו פראָטעסטיר׳ען געגען דער ברוטאַליטעט פון דער פאָליציי. דאָס איז געווען יענע טרויעריגע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט פאַרורזאַכט די טראַגעדיע פון דעם 11טען נאָוועמבער, 1887.

דער מיטינג אויף דעם היי־מאַרקעט דעם 4טען מאַי 1886 איז געווען שטאַרק באַזוכט. אויסער סטרייקענדע ארבייטער זיינען אנוועזענד געווען אויף יענעם מיטינג זייטיגע מענשען. דער דאַמאָלסטדיגער סיטי מעיאָר העריסאָן פון שיקאַגאָ איז אויך געווען ביים מיטינג. צווישען די רעדנער פון מיטינג זיינען געווען אויגוסט שפּיעז, אַ. פאַרסאָנס און ס. פילדען. ווען פיעלדען האָט גענומען ריידען איז שוין געווען שפּעט און עס זיינען פאַרבליבען ניט מעהר ווי אַ דריי פיער הונדערט מענשען. עס איז געווען גאַנץ שטיל. פלוצלינג האָבען ארויפגעמאַרשירט אויפ׳ן סקווער אַ מאַסע פאָליסלייט, ביי אַ פאָר הונדערט אין צאָל און מען האָט גענומען שלאָגען מיט די קלאָבס די מענשען רעכטס און לינקס. עס איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל און אין יענעם טומעל האָט מען פלוצלינג דערהערט אַ גרויסען קראַך, און ווי עס האָט זיך נאכהער ארויסגעשטעלט, איז עס געווען פון אַ דינאַמיט באָמבע. פילע פאָליסלייט זיינען געפאַלען פאַרוואונדעטע און איינער איז געווען טויט. נאָך זעקס פון די פאַרוואונדעטע פאָליסלייט זיינען שפּעטער געשטאָרבען פון די וואונדען.

די גאַנצע שטאָט שיקאַגאָ האָט געקאָכט מיט דער באָמבע. ווער עס האָט די באָמבע געוואָרפען, האָט מען דאַן ניט אויסגעפונען און מען ווייסט עס עד היום ניט.

די פּאָליצײ פון שיקאַגאָ האָט אויפ'ן צווייטען טאָג גענומען אַרעסטירען אַלע די, ווער עס איז זײ נאָר אַרײַנגעפאַלען אין זי־נען. אַלע רעדנער פון היי־מאַרקעט מיטינג זײַנען גלײַך אַרעס־טירט געוואָרען, אויסער פּאַרסאָנס, וועלכער האָט פאַרלאָזען שי־קאַגאָ. די שיקאַגאָ'ער „אַרבייטער צייטונג" איז פון דער פּאָלי־צײ גלײַך אונטערדריקט געוואָרען, אַפילו די זעצער פון דער צײ־טונג האָט מען אויך אײַנגעשפּאַרט אין פּריזאָן. אַלע באַוואוסטע רעדנער: אָסקאַר ניעבע, דזשאָרדזש ענגעל, מיכאַיל שוואַב און לואיס לינג, וועלכע זײַנען גאָר ניט געווען ביי יענעם מיטינג, האָט די פּאָליצײ אויך אַרעסטירט. אַלע אַרבייטער פאַרזאַמלונגען האָט די פּאָליצײ גלײַך פאַרבאָטען. די קאַפּיטאַליסטישע ענגלישע צײ־טונגען פון שיקאַגאָ און פון אַנדערע שטעדט האָבען גענומען דער־ציילען אַלערליי שרעקליכע געשיכטען און האָבען גענומען שרייען: „הענגט די אַנאַרכיסטען!"

דעם 17טען מאַי האָט די שיקאַגאָ גרענד דזשורי געשטעלט אונטער אָנקלאַגע די נײַן אַנאַרכיסטען: שפּיעז, פּאַרסאָנס, לינג, פיעלדען, ענגעל, פישער, שוואַב, ניעבע און שנאַובעלט. די קלאַ־גע געגען זײ איז געווען, אַז זײ זײַנען שולדיג אין דער ערמאָר־דונג פון די 7 פּאָליסלײַט אויף היי־מאַרקעט. שנאַובעלט'ן און פּאַרסאָנס'ען האָט די פּאָליצײ ניט געקענט אויסגעפינען.

ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז פּאַרסאָנס אַליין געקומען אין געריכט. ער האָט ערקלערט, אַז ער האָט געוואָלט זײַן פרײַ ביז'ן פּראָצעס, אום צו באַווייזען זײַן אומשולד.

דעם 21טען יוני פון זעלבען יאָהר האָט זיך אָנגעפאַנגען יע־נער באַריהמטער אַנאַרכיסטען פּראָצעס אין שיקאַגאָ; דער הויפּט ריכטער פון יענעם פּראָצעס איז געווען איינער מיט'ן נאָמען גערי. דער פּראָקוראָר איז געווען אַ געוויסער גרינעל, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער פּלוצלונג געשטאָרבען. אַלע היגע ענגלישע צייטונגען האָבען דאַן געשריבען, אַז דאָס איז גע־קומען פון געוויסענביסע פאַר זײַנע „שעהנע" האַנדלונגען ביים שיקאַגאָ'ער פּראָצעס. צוויי און צוואַנציג טאָג האָט געדויערט דאָס

אויסקלייבען פון דער דזשורי, דעם 15טען יולי האָט דער פּראָקו־ראָר גרינעל ערעפענט די אנקלאגע געגען די 7 אַנאַרכיסטען.

אין זיין ערעפענונגס רעדע האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט באַ־ווייזען ווער עס האָט געוואָרפען די באָמבע אויף היי־מאַרקעט. די עדות זיינע האָבען אָבער קיינמאָל ניט באַוויזען ווער עס האָט געוואָרפען די באָמבע. די אנקלאגע האָט געהאַט איין עדות מיט'ן נאָמען וואַלער, וועלכער האָט געשוואָרען, אַז ער האָט געוואוסט דאָס די אַנאַרכיסטען האָבען באַשלאָסען צו וואַרפען אַ באָמבע אויף דעם היי־מאַרקעט מיטינג. ערשט אין אַ לאַנגע צייט אַרום, ווען מען האָט שוין אויפגעהאַנגען די 4 מאַרטירערס, האָט אַ שוועס־טער פון דיזען פאַררעטער געשוואָרען אין געריכט, אַז דאָס עדות זאָגען פון איהר ברודער געגען די שיקאַגאָ'ער אַנאַרכיסטען איז גע־ווען פאַלש און געטאָן האָט עס איהר ברודער פאַר גוטע געלד. דעם גאַנצען בלבול האָט די אָנקלאַגע אַרויפגעוואָרפען אויף דעם אָנגעקלאָגטען שנאובעלט, וועמען זיי האָבען קיינמאָל ניט גע־כאַפּט, אַז ער האָט עס געוואָרפען די באָמבע.

דער דיסטריקט אַטוירני גרינעל האָט ביים פּראָצעס געלעזען אין געריכט פאַרשיידענע אַרטיקלען און רעדעס פון די צייטונ־גען „אַלאַרם" און „דייטשער אַרבייטער צייטונג". דערמיט האָט ער געוואָלט באַווייזען אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען אַנאַרכיסטען. דאָס האָט אָבער ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם וואַרפען פון דער באָמבע. דער דיסטריקט אַטוירני האָט געזוכט צו באַאיינפלוסען די דזשורי דאַמיט וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבען אימער גערעדט און געשריבען געגען דער יעצטיגער אומגערעכטער סיסטעם און געגען די קלאַסען געזעצע, וועלכע עקזיסטירען געגען אַרבייטער.

דאָס איז געווען דער הויפּט פאַרברעכען פון די אָנגעקלאָגטע און עס איז אויך געווען די הויפּט אורזאַכע, וואָס די קאַפּיטאַלי־סטישע קלאַסען פון שיקאַגאָ האָבען אַלעס אָנגעווענדעט אום „גע־זעצליך" אומצוברייגען די אונשולדיגע אָנגעקלאָגטע זיבען אַנאַר־כיסטען.

דעם 20טען אויגוסט האָט די דזשורי נאָך אַ קורצער באַראַ־טונג אַרויסגעבראַכט דעם אורטייל „שולדיג" און פאַראורטיילט

שפּיעז, פּאַרסאָנס, פּיעלדען, שוואַב, לינג, פּישער און ענגעל צום טויט דורך הענגען און אָסקאַר נעבע'ן האָבען זיי פאַראורטיילט צו 15 יאָהר געפענגניס.

די אַפּעלאַציע געגען דיזען אורטייל איז פון די העכערע גע־ריכטען פאַרוואָרפען געוואָרען.

דער דזשאַדזש גערי האָט דאַן ווידער באַשטימט, אַז דעם 11טען נאָוועמבער זאָל מען אויפהענגען די 7 אַנאַרכיסטען. אין גאַנצען לאַנד האָט דאַן אויפגעפלאַקערט אַ ריזיגע באַוועגונג צו פאָדערען די באַגנאַדיגונג פון די זיבען אומשולדיג פאַראורטיילטע ארבייטער פיהרער.

די שטאַרקע פּראָטעסטען, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָבען אָבער ווייניג געווירקט, ווייל דעם 11טען נאָוועמבער 1887 האָט מען אין דזשאָלעט פּריזאָן פון שיקאַגאָ, אויפגעהאַנגען: שפּיעז'ען, פּאַרסאָנס'ן, פּיעלד'ן און פּישער'ן. די אַנדערע צוויי: מ. שוואַב און י. ענגעל, האָט דער דאַמאָלסטדיגער גאָווערנאָר אָגלסבי מיט אַ פּאָר טעג פריהער, פאַרביטען דעם טויט־אורטייל אויף לעבענסלענגליכע געפענגניס. לואיס לינג איז, מיט אַ טאָג פריהער איידער מען האָט איהם געזאָלט הינריכטען, באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד אין טורמע.

מיט פיעלע יאָהרען שפּעטער האָט גאָווערנאָר אַלטגעלד אינ־גאַנצען באַגנאַדיגט שוואַב'ען און ענגעל'ען. דערביי האָט גאָ־ווערנאָר אַלטגעלד דאַן געגעבען אַן ערקלעהרונג, אַז אונטערזוכענ־דיג די קייס פון די 7 פאַראורטיילטע אַנאַרכיסטען אין שיקאַגאָ, רעכענט ער, אַז עס זיינען ניט געווען גענוג גרינדע, זיי צו פאַר־אורטיילען.

8.

די ענטשטעהונג פון די ערשטע דריי אידישע יוניאָנס.

די געשיכטע פון דער שוירט מאַכער יוניאָן.

די שוירט מאַכער, די פאַבריקאַנטען און קאָנטראַקטאָרס אין די אַמאָליגע יאָהרען. — ווי אַזוי די ערשטע יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען. — די אַמאָליגע שריפטזעצער יוניאָן. — ווי אַזוי די כאָריסטען האָבען דורך אַ צופאַל געגרינדעט אַ יוניאָן.

די העמדעל נייהער יוניאָן איז געווען די ערשטע יוניאָן, וועלכע די אידישע אימיגראַנטען האָבען אין די אַכציגער יאָהרען געגרינדעט אין ניו יאָרק.

פאַר דער גרויסער אידישער אימיגראַציאָן פון די אַכציגער יאָהרען פלעגען אין ניו יאָרק העמדער געמאַכט ווערען אין גרויסע שעפּער, וואו עס זיינען געווען באַשעפטיגט בלויז פרויען. די אַרבייטערינען פלעגען פאַרדינען 5—6 דאָלאַר אַ וואָך. צום שוירט מאַכער פאַך זיינען די אידישע אימיגראַנטען דאַן אייגענטליך געקומען דורך אַ צופאַל. צווישען די קאָמיטע־לייט פון דעם ניו יאָרקער הילפס קאָמיטעט פאַר די דאַמאָלסטדיגע אימיגראַנטען, האָבען זיך געפונען אַ סך יהודים מאַנופעקטשורערס פון פאַרשיידענע פאַכען, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען אַ פאָר שוירט פאַבריקאַנטען. האָבען דיזע בעל־טובה׳ניקעס פאָרגעשלאָגען אייניגע אימיגראַנטען ארויסצונעהמען ארבייט צו זיך אין די הייזער. דיזער פלאַן איז זעהר געפעלען געוואָרען די גרינע און ספּעציעל די יעניגע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען אין דער היים געווען סטודענטען, גימנאַזיסטען, אָדער אַזוי וואָס מ׳רופט „בעל־הבית׳ישע קינדער". צו העמדעל־נייהעריי איז געווען לייכט צו דערשלאָגען זיך, מען האָט בלויז געדאַרפט האָבען 5 דאָלאַר צו געבען אַן

אגענט פון נייה־מאשינען. די ארבייט איז געווען ניט זעהר קיין שווערע. א פּלאַץ פאר דער ארבייט איז געווען לייכט צו באקו־מען ביי איינעם פון די קאָנטראַקטאָרס, וועלכע פלעגען ארויס־נעהמען ארבייט פון די שוירט ווערהייזער. דער לערנען פון דער מלאכה פלעגט דויערען צוויי וואכען, נאכהער האָט מען שוין גע־קענט פאַרדינען 2 דאלאר א וואָך. אויך האָט שוירט מאכעריי צוגעצויגען פילע אימיגראַנטען דערמיט, וואָס מען האָט געאַר־בייט אין דער היים און מען האָט ניט געדאַרפט געהן אין פאַב־ריק, צו וואָס אינטעליגענטע יונגע לייט זיינען ניט געווען צוגע־וואוינט.

אויפ׳ן קאָרנער פון עליזאַבעטה סטריט (איצט איז דאָרטען דער איטאַליענישער געגענד), איז געשטאַנען א גרויסע טענעמענט הויז פון 5 שטאָק; אויף יעדען פלאָר זיינען געווען 8 וואוינונ־גען. „ניגער הויז“ האָט מען דאָס הויז גערופען, ווייל עס האָבען פריהער דאָרטען געוואוינט שווארצע פון אונטען ביז ארויף. אין יעדען „אפּאַרטמענט“, וועלכער איז באַשטאַנען פון 1—2 דונקעלע צימערען, זיינען געווען שוירט־שעפּער, אין וועלכע די באָסעס מיט זייערע פאַמיליען און זייערע ארבייטער, וואָס פלעגען דאָרטען מייסטענס זיין באָרדערס, האָבען געוואוינט און אויך געארבייט.

דאָרט איז עס געגרינדעט געוואָרען די ערשטע קאָמונע פון רוסישע אימיגראַנטען אויפ׳ן סאָציאַליסטישען שטייגער.

עס האָט דאָן ניט גענומען זעהר לאַנג ביז דיזע אינטעלי־גענץ האָט אויסגעפונען, ווי שרעקליך זיי ווערען עקספּלואטירט סאי פון די ווערהויז־לייטע, און סאי פון די קאָנטראַקטאָרס. עס איז אָבער אונמעגלאך געווען עפּעס צו טאָן. פילע פון יענע אר־בייטער האָבען געוואָלט ווערען באָסעס. שווער איז דאָס ניט גע־ווען, מען האָט נאָר געדאַרפט נעהמען א גרעסערע וואוינונג און ווערען א קאָנטראַקטאָר. אזוי זיינען טאָג־טעגליך ארויפגעשוואָ־מען נייע קאָנטראַקטאָרס, און די ווערהויז־לייטע פלעגען, נאַטיר־ליך, ארויסגעבען ארבייט צו יעדען, וועלכער האָט אָנגעבאָטען קלע־נערע פּרייזען. אזוי זיינען די פּרייזען זעהר שנעל געפאַלען. די ארבייט פלעגט געמאַכט ווערען פון טוץ. יעדע העמד איז געווען

פאַרטיילט צווישען פיער אָדער פינף „הענד”. די ארבייטער האָבען זיך ארומגעזעהן, אַז דער איינציגער מיטעל צו העכערען די פּרייזען איז אַ יוניאָן. מען האָט דאַרום געגרינדעט אַ יוניאָן אין 1884טען יאָהר. צו יענער יוניאָן האָט באַלאַנגט דאַן אַ גרויסער טייל פון דער דאַמאָלסדיגער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ. די יוניאָן האָט געמיטעט אין 165 איסט בראָדוויי. דיזע יוניאָן, הייסט עס, האָט עקזיסטירט נאָך מיט 4 יאָהר פריהער, איידער די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיינען געגרינדעט געוואָרען. זעהר פיל האָט די שווירט מאַכער יוניאָן דאַן ניט אויפגעטאָן. זי האָט בלויז אַביסעל פאַרבעסערט דעם טרייד, וועלכער איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג גרעסער צווישען די רוסישע אימיגראַנטען, ווייל עס איז געוואָרען מעהר קאָנטראַקטאָרס, און מעהר ארבייט פלעגט ארויסגענומען ווערען פון די וועהרהייזער. די קאָנטראַקטאָרס פון די שוירטס פלעגען געוועהנליך האָרעווען ניט ווייניגער ווי זייערע „הענד”, און פלעגען דאַרום טענה'ן, אַז זייערע אינטערעסען זיינען דיזעלבע, ווי די פון די „הענד”, ווייל דער הויפּט עקספּלואַטאַטאָר איז דער רייכער פאַבריקאַנט. אַזוי פלעגען אָנגעפיהרט ווערען דע־באַטען אין דער יוניאָן צי מען זאָל זיך פאַראייניגען מיט די קאָנטראַקטאָרס, ביז די יוניאָן איז צופאַלען געוואָרען. פילע פון די אינטעליגענטען זיינען ארויס פון טרייד. נאָכדעם איז דיזע יוניאָן איינינע מאָל רעאָרגאַניזירט געוואָרען מיט די קאָנטראַק־טאָרס און אָהן זיי.

ווען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיינען געגרינ־דעט געוואָרען, האָט שוין קיין שוירט מאַכער יוניאָן ניט עקזיס־טירט. איז ביי די געווערקשאַפטען ערוועהלט געוואָרען אַ קאָ־מיטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון י. מאַגידאָוו, אַליין אַ העמדעל נייהער, און פון דעם שרייבער פון דיזע ציילען. מאַגידאָוו האָט זיך דערמאָנט, אַז ביים סעקרעטער פון דער צופאַלענער שוירט מאַכער יוניאָן געפינט זיך נאָך עפּעס געלד. מיר זיינען אַוועק צו יענעם סעקרעטאַר, אַ געוויסער מר. בלאָק, אַ קאָנטראַקטאָרעל, וועלכער האָט געארבייט מיט אַ פּאָר „הענד” און מיר האָבען איהם ערקלעהרט, אַז מיר זיינען אַ קאָמיטע פון די פּ. א. געוו. און מיר

געהען גרינדען א יוניאָן און ער זאָל אונז געבען די געלד, וואָס ער האָט, אום צו דינגען א האָל. ער האָט אונז געענטפערט, אז אויב מען וועט ארייננעהמען קאָנטראַקטאָרס אין דער יוניאָן, וועט ער אונז געבען דעם דאָלאַר, וואָס עס איז ביי איהם פארבליבען, אויף דעם טשאַרטער פון דער יוניאָן. מיר האָבען איהם ערקלעהרט דאָס די שוירט מאַכער, וואָס וועלען קומען צום מיטינג, וועלען האָבען צו אנטשיידען דיזע פראַגע און די קאָנטראַקטאָרס זאָלען קומען צום מיטינג פאָרלעגען זייערע ארגומענטען. דער מיטינג איז גערופען געוואָרען פאַר א דינסטאַג אבענד, אין 20 אָרטשאַרד סטריט. דאָס איז געווען אין ענדע פון אָקטאָבער, 1888. עס זיינען צום מיטינג געקומען איבער הונדערט שוירט מאַכער און א דוצענד שוירט קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האָבען פאַרלאַנגט, אז זיי זאָלען אויך ארייגענומען ווערען אין דער יוניאָן. די רעדנער זיינען געווען: מ. הילקוויט, ל. מילער, א. הובער, פון די דייטשע געווערקשאַפטען, און דער שרייבער פון דיזע צייליען. די רעדנער, אויפווייזענדיג די נויטיגקייט פון א יוניאָן, האָבען ארגומענטירט מיט פאַקטען, אז די קאָנטראַקטאָרען קענען ניט באַלאַנגען מיט די ארבייטער צוזאַמען צו א יוניאָן. די באַסעלאַך זיינען געווען מייסטענס גרויסע שרייערס. אין האָל האָט געקאָכט ווי אין א קעסעל. ענדליך איז יענעם אָבענד געגרינדעט געוואָרען די יוניאָן אָהן קאָנטראַקטאָרס. א קנאַפּע הונדערט מעמבערס האָבען זיך אָנגעשלאָסען. דאָס איז געווען די ערשטע יוניאָן, וואָס די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען געגרינדעט. די יוניאָן איז געווען די קאַמפּפּלוסטיגסטע יוניאָן, וועלכע האָט דערגרייכט דאַן איהר העכסטער שטופּע. זי איז געוואָרען דער שטאָלץ פון די אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטער. די גאַנצע אידישע רוסישע אינטעליגענץ איז געווען אין איהרע רייהען. די יוניאָן האָט דורכ־געמאַכט פילע ערפאָלגרייכע סטרייקס און האָט פאַרבעסערט די לאַגע פון די ארבייטער פון דעם פאַך.

ביי די מיטינגען פון דער שוירט מאַכערס יוניאָן, וועלכע פלעגען געהאַלטען ווערען אין גאָלדען רול האָל, 125 ריווינגטאָן סטריט, פלעגען דאַן פאָרקומען זעהר אינטערעסאַנטע דעבאַטען

וועגען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אַנאַרכיזם". דאָס איז דאַן געווען די ברענענדסטע פראַגע ביי דער רוסיש־אידישער אינ־טעליגענץ.

די שווירט מייקערס יוניאָן פון היינט איז אויך איינע פון די שטאַרקסטע און קאָמפּלוסטיגסטע פון די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקא.

די גרינדונג פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

ווי איך האָב שוין אין די פּאָריגע קאַפּיטלען דערצעהלט, איז אין די יאָהרען 1881—1882, ווען די מאַסען אימיגראַציע אין אַמעריקא האָט זיך אָנגעפאַנגען, די אידישע באַפעלקערונג אין ניו יאָרק געווען זעהר קליין. עס זיינען דאַן שוין געווען אין ניו יאָרק אידען פון פאַרשידענע לענדער, אָבער אַלע זיינען זיי געווען פון דעם אַלטמאָדישען טיפּ אפילו פאַר יענער צייט. די דייטשע יהודים, וועלכע זיינען דאָ געווען אין אַ גרויסער צאָהל, האָבען פון אונזערע רוסישע אידען ניט געוואָלט וויסען. בלויז די גאַנץ אָרימע דייטשע יהודים פלעגען וואוינען אויף דער איסט סייד. עס זיינען אויך געווען אידען פון רוסיש־פּוילען, אַ סך פון קאַלוואַריע, אין נאָך אַזעלכע שטעדטלאַך. זיי זיינען געווען פרום, און שרעקליך אומוויסענד. זיי האָבען באַגעגענט אונזערע נייע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד מיט פאַראַכטונג. מיר זיינען עס געווען די אַפּיקורסים. דאָ אין ניו יאָרק פלעגט מען פאַר יענע אַלטמאָדישע אידען ארויסגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג, וועלכע האָט זיך גערופען די „אידישע גאַזעטען". דער ארויסגעבער פון איהר איז געווען כתריאל צבי שרהזאָן, וועלכער האָט שפּעטער אויך ארויסגעגעבען דאָס „אידישע טאַגעבלאַט".

די „אידישע גאַזעטען" האָט נאָך אָנגעפאַנגען צו ערשיינען אין יאָהר 1874. יענע צייטונג איז געווען געשריבען מיט אי־דישע בוכשטאַבען אָבער אין אַ געבראָכענער דייטשמערישער שפּראַך. איהר מאָטאָ איז געווען: „פון כל ישראל, פאַר כלל ישראל". דער אָפיס פון יענער צייטונג האָט זיך געפונען אויף אַ סטופּ אויף איסט בראָדוויי, לעבען מאַרקעט סטריט, און די דרו־קעריי, וואו מען האָט געזעצט די „גאַזעטען" איז געווען אין בייס־

מענט פון יענער הויז. חוץ דער דרוקערײַ זײַנען דאָן אין ניו יאָרק געווען נאָך צוויי דרוקערייען אויף דער איסט סייד, וועלכע האָבען געדרוקט אידישע הענדבילס, קאָנסטיטוציעס און אַנדערע מאַטע־ריאַלען פאַר פאַרשיעדענע אידישע סאָסייעטיס. דאָס איז געווען מר. קאָטאָנס אידישע דזשאָב דרוקערײַ אין אַ טיפען סעלער אויף קאַנעל סטריט, וואו די סאָציאַליסטען האָבען געדרוקט די הענד־בילס פאַר׳ן ערשטען מיטינג, און מר. פײַנבערג׳ס אידישע דזשאָב דרוקערײַ, אויף איסט בראָדוויי, קאָרנער ראָטגערס סטריט. אין די דרײַ אידישע דרוקערייען האָבען דאָן געאַרבײַט אַ האַלבער טוץ אידישע שריפטזעצער.

זיי האָבען די ערשטע יאָהרען געשקלאָפט אין די פּאָר טיפע קעלערס, וועלכע מען האָט גערופען דרוקערייען, וואו עס פלעגט זײַן פינסטער, שמוציג און פון די ווענט האָט גערונען. די בלײַ פון דעם שריפט האָט געגעסען די לונגען און די אויגען בײַ יענע ערשטע אומגליקליכע זעצערס. זייערע אַרבײַטס־שטונדען זײַנען געווען 18 און 20 שעה אין מעת־לעת און פאַרדינט האָבען זיי 5 דאָלאַר אַ וואָך.

איך וועל קיינמאָל אין מײַן לעבען ניט פאַרגעסען דעם בלינ־דען שריפטזעצער נ ע כ ע ל ע ס, וועלכער האָט דאָן פאַר־לוירען זײַנע אויגען בײַ דער אַרבײַט מיט די בלײַענע שריפט אין דעם נאַסען סעלער פון יענער ערשטער „צײַטונג“.

דער „אידישער אַרבײַטער פאַראיין“ האָט געטרײַעט דאָן צו אָרגאַניזירען די קלײַנע צאָהל אידישע שריפטזעצער פון דער איסט סייד. דער פאַראיין האָט עס געטאָן אויף דער איניציאַטיווע פון אַ געוויסען אידישען זעצער, אַ רומענישער אימיגראַנט מיט׳ן נאָ־מען גרינבערג, וועלכער האָט דאָן געאַרבײַט אין אַן ענגלישער דרו־קערײַ און איז געווען אַ מיטגליעד פון דער ענגלישער טײַפּאָגראַ־פיקעל יוניאָן „ביג סיקס“. גרינבערג פלעגט אַלע מאָל קומען צו די מיטינגען פון „אידישען אַרבײַטער פאַראיין“ און זיך עצה׳ן ווי אַזוי מען זאָל אָרגאַניזירען אַ יוניאָן פון אידישע שריפטזעצער. אַ קאָמיטע פון אַ פּאָר אידישע שריפטזעצער איז דאָן אַוועק צו אַב. כאַהאַן און איהם געבעטען ער זאָל זיי אָרגאַניזירען אין אַ

יוניאָן. אַ מיטינג איז דאַן גערופען געוואָרען. איך געדענק ניט גענוי ווען, נאָר עס האָט געמוזט זיין אין 1885 אָדער אין 1886טען יאָהר. איך בין געווען דאַן ביי יענעם מיטינג. קאַהאַן האָט גע־האַלטען אַ רעדע פאַר אַ 15 אָדער 20 שריפטזעצער (דאַן איז שוין געווען נאָך אַ וועכענטליכע אידישע צייטונג, מיט דעם נאָמען „די אידישע צייטונג", וועלכע האָט פאַרטראָטען אַלע שוהל און לאַ־דזשען פּרעזידענטען און איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון אַ געווי־סען מר. וועקסלער).

יענעם אָווענט איז געגרינדעט געוואָרען אַ שטיקעל יוניאָן פון די אידישע שריפטזעצער, און דערפאַר האָט מען דאַן פאַר־מסר'ט קאַהאַנ'ען צו די באַאמטע פון דער „נייט סקול", (וואו ער איז געווען אַ לעהרער, אַז ער איז עפּעס אַ יוניאָן טוער, אַ „ציציליסט".

יענע ערשטע שריפטזעצער יוניאָן האָט, ליידער, ניט לאַנג עק־זיסטירט. זי האָט זיך אינגיכען אויפגעלעזט און די ארבייטס־באַ־דינגונגען אין די דרוקערייען זיינען געבליבען מיזעראַבעלע.

ערשט אין יאָהר 1888, ווען עס איז שוין ערשינען „די ניו יאָרקער אידישע פאָלקס צייטונג", אַן ארבייטער צייטונג, ארויס־געגעבען פון צוויי פּריוואַטע פּערזאָנען, איז געגרינדעט געוואָרען די שריפטזעצער יוניאָן, וועלכע האָט זיך גערופען די „היברו אַמעריקען טייפּאָגראַפיקאַל יוניאָן אָוו ניו יאָרק". דאָס איז גע־ווען אין זומער צייט פון 1888 יאָהר, און ווי איך געדענק, איז דער הויפּט גרינדער פון איהר געווען אַ געוויסער זעצער מיט'ן נאָמען ווערבער, וועלכער האָט אליין געארבייט אין דער „אידישער פּאָלקס־צייטונג".

דיזע יוניאָן איז געווען איינע פון די דריי אידישע יוניאָנס, וואָס האָבען געהאָלפען גרינדען די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען, אין אָקטאָבער, 1888טען יאָהר. דאָס איז די אידישע שריפטזעצער יוניאָן פון וועלכער מען פיהרט די צייט־רעכנונג פון דער איצטיגער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, לאָקאַל 83.

ווי אזוי עס איז געגרינדעט געוואָרען די כאָריסטען יוניאָן.

ווען די ערשטע אמת'ע אידישע אַקטיאָרען קאָמפּאַניע איז אין יאָהר 1883 אָנגעקומען אין ניו יאָרק, איז דאָ געוואָרען אַ פרייד ביי אַלע אידישע אימיגראַנטען, און הויפּטזעכליך ביי די אידען פון זיד־רוסלאַנד, וועלכע האָבען זעהר געבענקט נאָכ'ן אידישען טעאַטער. משה זילבערמאַנ'ען האָבען אַלע אָדעסער געקענט אַלס „סטאַר", אייניגע האָבען זאָגאַר דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל געזונגען אין דער אָדעס'ער גרויסער שוהל ביי דעם בעריהמטען חזן פּיצע. דער אַקטיאָר קאָרפּ איז שוין ניט געווען אַזוי באַקאַנט. מר. היימאָוויץ (מ. היינע) האָבען פילע וואָס האָבען איהם געקענט פון דער היים געלויבט אַלס גרויסען קאָמיקער און וועגען מרס. היימאָוויץ (סאַראַ אַדלער) האָט מען דערצעהלט, אַז זי שפּילט גוט און איהר זינגען איז גאָר אַן אויסנאַהם. מען האָט זיך קוים דער־וואַרט, ביז די טרופּע האָט געקראָגען אַ טעאַטער צו שפּילען, און דאָס איז דאַן געווען זעהר שווער צו געפינען. איז אָבער גע־ווען אַ גליק, וואָס די טרופּע איז געקומען זומער־צייט, האָבען זיי גענומען דעם „מאַנהעטען לייסעאום" אין דער 4טער סטריט, דאַן האָט עס געהייסען „טוירן האָל", דער גרעסטער און שענסטער פּלאַץ פון יענער צייט און נאָך מיט אַ ביהנע אויך. איז אָבער געווען אַ צרה, וואָס אויף יענער ביהנע האָט מען ניט געקענט אויפפיהרען קיינע „אָפּעראָס", (ווייל זי איז געווען צו קליין), האָט די קאָמפּאַניע דערפאַר אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל אַ דראַמאַ פון שמר'ן, די „יתומים".

דער ניו יאָרקער אידישער עולם האָט גלייך דעם ערשטען אָווענט אָנגעפּאַקט דעם „טוירן האָל" און די פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אַ „היט". אַזוי האָט דיזע נייע אידישע טעאַטער קאָמ־פּאַניע אָפּגעשפּילט אין זעלבען האָל אַ צוויי־דריי וואָכען, בלויז פרייטאָג און שבת צו נאַכטס. דערווייל האָט די אידישע טרופּע פון „בויערי גאַרדען" גענומען מאַכען שלעכטע ביזנעס און איז גאָר אַוועק אין אַן אַנדער שטאָדט.

עס האָבען זיך גלייך געפונען אידען מיט אַ ביסעל געלט,

אמת'ע טעאטער „פּאַטריאָטען", וועלכע האָבען געהאָלפען זילבער־מאַנ'ען אָפּצודינגען דעם „בויערי גאַרדען" און מען האָט פון איהם געמאַכט אַן אמת'ען גן־עדן, צלע ביר־טישלאַך האָט מען פון דאָר־טען ארויסגעוואָרפען, און אריינגעשטעלט אַ רעגעלען סעט טשערס (זיי זיינען אָבער ניט געוועזן קיין ווייכע). מען האָט אויסגעפּיקסט די גאַליאָרקע און מען האָט עס אַ נאָמען געגעבען „אָריענטאַל טעאטער", און אויף דער ביהנע איז שוין געווען פּלאַץ אויפצו־שטעלען פּאַפּירענע בערג, און מען האָט געגומען אַדווערטייזען „שולמית", די באַריהמטע אָפּערעטע פון גאָלדפאַדען. און דער עולם האָט צום ערשטען מאָל דאָ געזעהן שפּילען „שולמית".

אַלע שוישפּילער האָבען זיך אויסגעצייכענט אין „שולמית" און דער עולם איז ארויס פון די כלים פון באַגייסטערונג.

בילעטען האָט מען שוין ניט געקענט קריגען פאַר עטליכע וואָכען, און געשפּילט האָט מען דאַן בלויז 3 מאָל אַ וואָך: פרייד־טאָג צו נאַכטס, שבת בייטאָג און אין אָוועגט.

די נעקסטע פּיעסע, וואָס די קאָמפּאַניע האָט אויפגעפיהרט איז געווען „בר כוכבא" פון גאָלדפאָדען.

די אידישע טעאטער קאָמפּאַניע האָט געהאַט אַ גרויסען מאָ־ראַלישען און פינאַנציעלען ערפאָלג. די מענעדזשערס פון דער קאָמפּאַניע, דאָס מיינט, די באַלעבאַטים, זיינען געווען די הערן זיל־בערמאַן און היימאָוויץ, די איבעריגע שוישפּילער פון דער קאָמפּאַ־ניע האָבען געארבייט אויף „מארקען", דאָס הייסט, אויף געוויסע פּראָצענטען לויט די פּראָפיטען נאָך. די פּאַרדינסטען פון דיזע אַקטיאָרען, ניט־באַלעבאַטים, זיינען געווען קלאָגעדיגע.

דער ערשטער שטויס צו גרינדען אַ יוניאָן אין פאַך פון אי־דישען טעאטער אין ניו יאָרק איז דאַן געקומען צוליב אַ מאָדנע פּאַסירונג, נעמליך: איינער פון די מענעדזשערס פון דעם דאַמאָלסט־דיגען אידישען „אָריענטאַל טעאטער" האָט מכבד געווען איינעם פון די כאָריסטען מיט אַ פּאָר פייערדיגע פּעטש. אַזעלכע פּאַסי־רונגען זיינען צו יענער צייט ניט געווען קיין זעלטענהייט. און דיזער צופאַל האָט געפיהרט דערצו, אַז עס איז געגרינדעט גע־

וואָרען די כאָריסטען יוניאָן. די ערשטע כאָריסטען אין „אָריענטאַל טעאַטער", וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין די אָפּערעטאַס „שולמית", „בר כוכבא", „יוסף מיט די ברידער" א. א. וו. זיינען געווען יונגע לייט, וועלכע האָבען בייטאָג געאַרבייט ביי סיגאַרען, און ביינאכט פלעגען זיי זינגען אין אידישען טעאַטער פאַר פיער דאָלאַר א וואָך. מיידלאַך־כאָריסטקעס האָבען בייטאָג געאַרבייט אַלס פינישערס ביי קלאָוקס, און אין אָווענט געזונגען פאַר דריי דאָלאַר א וואָך אין אידישען טעאַטער.

דער כאָריסט, וואָס האָט געקראָגען ביי א פּראָבע פון א פּיעסע די פּאָר פּעטש פון מענעדזשער איז גראַדע געווען א מעמבער פון דער סיגאַרען־מאַכער יוניאָן, און וויסענדיג וועגען „אידישען אר־בייטער־פאַראיין", וואָס גרינדעט יוניאָנס, איז ער מיט נאָך א פּאָר כאָריסטען אוועק צו מ. גרעטש, א טעטיגען מעמבער פון „איד. ארב. פאַראיין" און מען האָט געגרינדעט די כאָריסטען־יוניאָן. דאָס האָט פּאַסירט אין 1886טען יאָר.

.9

די אויפלעזונג פון „אידישען ארבייטער פאראיין" און די גרינדונג פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

אנארכיסטען און סאציאל־דעמאקראטען. — דער אידישער ברענטש 8 ס. ל. פ. און די גרופע „פיאנירע דער פרייהייט". — די ערשטע גרינדונגס קאנפערענץ פון די „געווערקשאפטען". — די דייטשע סאציאליסטען און די אידישע יוניאנס.

אין מאנאט סעפטעמבער 1887, מיט א פאר מאנאטען שפע־טער ווי דער „אידישער ארבייטער פאראיין" האט זיך אויפגע־לעזט, האבען זיך די סאציאליסטיש געזאנענע מעמבערס פון די־זען פאראיין אנגעשלאסען אן דער „סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי" און האבען געגרינדעט אויף דער איסט סייד דעם ברענטש 8 פון דער פארטיי. די אנארכיסטישע מעמבערס פון דעם אויפ־געלעזטען „איד. ארב. פאראיין" האבען געגרינדעט די גרופע „פיא־נירע דער פרייהייט". דיזע גרופע איז געווען צאהלרייכער און טעטיגער ווי דער ברענטש 8 פון דער ס. א. פ. דאס איז געווען אין דער צייט ווען עס איז פארגעקומען דער פראצעס פון די שיקא־גאער אנארכיסטען. צוליב דעם האבען זיך אין אידישען קווא־טאל אין ניו יארק געפונען א גרויסע צאהל סימפאטייזערס פון די אנארכיסטען. די אגיטאציאנס־פארזאמלונגען פון די „פיאנירע דער פרייהייט", וועלכע פלעגען דאן געהאלטען ווערען אין 56 ארטשארד סטריט יעדען פרייטאג־צו־נאכט, פלעגען באזוכט ווע־רען פון א צוויי־דריי הונדערט פערזאן — מענער און פרויען. די אידישע אנארכיסטען האבען דאן געהאט א היבשע צאהל אי־דישע רעדנער, ווי ר. לואיס, דר. ה. זאלאטאראף, דר. מ. גירזש־דאנסקי, מ. קאטץ, ש. פרענער, ש. יאנאווסקי, ל. גארדאן און נאך אנדערע. ביי די לעקטשורס פרייטאג-צו-נאכט פלעגען פאר־

קומען היציגע דעבאטען צווישען די אנארכיסטען און סאציאל־דע־מאקראטען.

דער 8טער ברענטש פון דער „סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי" פלעגט אויך יעדען פרייטאג־צו־נאכט האלטען אגיטא־ציאנס מיטינגען אין 101 העסטער סטריט, וועלכע פלעגען זיין שוואכער באזוכט. אידישע רעדנער האבען די סאציאל דעמא־קראטען געהאט ווייניג. אב. קאהאן, דר. ברעסלאו פלעגען דארט ריידען אין אידיש; אבער דאס רוב פלעגען דארט ריידען דייטשע גענאסען. שפעטער איז געקומען זאמעטקין, ער האט גענומען טיכטיג אגיטירען — זיינען די מיטינגען פון דעם ברענטש גע־ווארען זעהר לעבעדיג און מען האט זיי איבערגעפיהרט אין א גרויסען האל, 165 איסט בראדוויי, וואו עס פלעגען אריינקומען ביז 500 מענשען. די אידישע סאציאל דעמאקראטען האבען אנ־געפיהרט אן אגיטאציע פאר יוניאנס און פאר'ן פאליטישען קאמף פון דעם ארבייטער קלאס.

די דעבאטען צווישען די סאציאליסטען און אנארכיסטען פלעגען אנגעפיהרט ווערען ביי די מיטינגען פון ביידע פארטייען און שפעטער אויך אויף די מיטינגען פון דער שוירט מייקערס יוניאן, וואו אלע אינטעליגענטען און פארשיידענע „איסטען" זיינען געווען די מעמבערס.

די אידישע אנארכיסטען איז דאמאלט געלונגען די ערשטע ארויסצוגעבען אן אייגענע וועכענטליכע צייטונג, וועלכע האט זיך גערופען די „ווארהייט". צו רעדאקטירען דיזע צייטונג האבען זיי אראפגעבראכט א מיטארבייטער פון לאנדאנער „ארבייטער פריינד", מיט'ן נאמען י. יאפפא. דיזע צייטונג האט עקזיסטירט א זעקס־זיבען מאנאטען און איז אונטערגעגאנגען.

אין 8טען ברענטש ס. ל. פ. איז דאן אריינגעבראכט געווארען א פארשלאג פון א מיטגליד מיט'ן נאמען מאגידאוו (יעצט איז ער א אידישער שרייבער, דאן איז ער געווען א שוירט מאכער און א טעטיגער מעמבער פון די שוירט מאכער יוניאן) צו גרינדען א צענטראלע קערפערשאפט פון אידישע יוניאנס מיט דעם צוועק אויפצובויען א שטארקע טרייד יוניאן באוועגונג, ווי אויך צו הא־

בען אַ מעגליכקייט צו פאַרשפּרייטען דעם סאָציאַליזם צווישען די אידישע ארבייטער מאַסען.

אין סעפּטעמבער פון 1888טען יאָהר איז דער 8טער ברענטש סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) צוגעטראָטען צו דער ארבייט. יענעם זומער זיינען כמעט אַלע אידישע יוניאָנס, וואָס האָבען שוין דאַן עקזיסטירט, אונטערגעגאַנגען. די אורזאַכע פון דעם איז געווען, וואָס די יוניאָנס זיינען צום סיזאָן ארוים סטרייקען. די צייט איז געווען זעהר ניט קיין גינסטיגע. אויסער דעם זיינען די דאַמאָלסטדיגע יוניאָנס ניט געווען פאַרבונדען איינע מיט דער צווייטער. קיין פאָנדען האָבען זיי אויך ניט פאַר־מאָגט און ניט קריגענדיג קיין הילף פון קיינעם אין צייט פון קאַמף, זיינען זיי אַלע אַזוי אונטערגעגאַנגען, אַז קיין האָן האָט אפילו וועגען זיי ניט אַ קרעה געטאָן.

דער 8טער ברענטש ס. א. פּ. האָט געוועהלט אַ קאָמיטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון מאָרים הילקוויט און פון דעם שריי־בער פון דיזע ציילען ארומצוגעהן און אויפצוועקען די אַלע אי־דישע יוניאָנס, וואָס זיינען פאַרבליבען לעבען.

אין 68 אָרטשאַרד סטריט פלעגען זיך פאַרזאַמלען די אידי־שע בעקער־ארבייטער. קומענדיג דאָרטען פרייטאג צונאַכט האָט די קאָמיטע זיך נאָכגעפרעגט פאַר'ן מיטינג פון די אידישע בעקער יוניאָן, האָט מען אונז אריינגעפיהרט אין האָל און מען האָט אונז געצייגט דעם „טשאַרטער" פון דער אידישער בעקער יוניאָן: „אָט האָט איהר די בעקער יוניאָן".

„וואו זיינען די מעמבערס?" — האָבען מיר געפרעגט.

„זיי זיינען אין די גריבער, אין די בעקער־קעלערס", איז גע־ווען דער ענטפער. זוכענדיג אַ שניידער יוניאָן האָבען מיר גע־טראָפען א. באַרסקי'ן, אַ שניידער, וואָס האָט זיך ארומגעטראָגען מיט אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירען די צוואַנציג טויזענט שניידער פון אַמעריקא. דער ברודער באַרסקי האָט טאַקע פיל געאַרבייט און מיט דער הילף פון דער ניי־געגרינדעטער צענטראַלער קערפּערשאַפט איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ שניידער יוניאָן. דער טשאַרטער פון דער אינדעפּענדענט קלאָוקמאַכערס יוניאָן איז דאַן געהאַנגען

אין האַל פון 56 אָרטשארד סטריט. די קעפּמייקערס, מיט אַ פּאָר מעמבערס אין זייער יוניאָן, פלעגען זיך פארזאמלען אין מיליטערי האַל, 193 בויערי, וואו עס איז געהאנגען זייער טשארטער.

און דער טשארטער פון דער העמדעל (שוירט) מאכערס יו-ניאָן איז געווען פאר׳משכנ׳ט ביי אַ שוירט קאָנטראַקטאָר, ווען עמען עס האָט געקומט אַ פּאָר דאלאר פון דער געפאלענער יוניאָן. טשאר-טערס האָבען אַלע יוניאָנס געהאט פון סטייט, ווייל זיי האָבען מורא געהאט זיך צו פארזאמלען אָן אַ טשארטער, אָבער די יו-ניאָנס האָבען שוין דאַן ניט עקזיסטירט. אין אזא צושטאנד האָט זיך געפונען די אידישע טרייד יוניאָן באַוועגונג אין אָקטאָבער 1888, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

דעם 9טען אָקטאָבער 1888, דאָס איז געווען אַ מאָנטאג אָוועגט, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ אין סאָ-ציאַליסטישען דייטשען לייבאָר לייסעאום, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין נומער 25 איסט 4טע סטריט. דער מיטינג איז געווען אין אַ קליינע רומקע אויפ׳ן גערעט (בוידעם). עס איז געווען אַ היסטאָרישער בוידעם. מיר פלעגען דאָרטען האָבען אַזעלכע היציגע דעבאַטען ביי די מיטינגען פון דעם 8טען ברענטש, אַז די דייטשע גענאָסען פלעגען דערהערען די קולות אונזערע זי-צענדיג אין אַ בייסמענט, וואו מען האָט געטרונקען ביר, פלעגען זיי צו אונז ארויפלויפען, זעהען וואָס עס האָט מיט אונז פּאסירט. מיר פלעגען אימער דאָרט האָבען אונזערע מיטינגען, ווייל די דייטשע גענאָסען האָבען ביי אונז קיין געלט ניט גענומען פאר׳ן מיטינג האַל און, עס זאַל ניט אויסגערעדט זיין, געלט האָבען די אידישע גענאָסען דאַן קיין פּעני ניט געהאט.

דער 8טער אידישער ברענטש ס. ל. פּ. האָט אין שותפות מיט ברענטש 17 (רוסישער) ס. ל. פּ. וועלכער האָט זיך דאַן געגרינ-דעט, פאררופען דיזע קאָנפערענץ מיט׳ן צוועק צו גרינדען אַ צענט-ראַלע קערפּערשאפט פון אידישע יוניאָנס. פון אַלע, דאַן געפאלע-נע אידישע יוניאָנס זיינען פארבליבען בלויז צוויי: די שריפט-זעצער און כאָריסטען יוניאָנס.

צו דיזער קאָנפערענץ איז אויך געקומען א קאָמיטע פון די פאראייניגטע דייטשע געווערקשאַפטען, א צענטראַל קערפערשאַפט פון דייטשע פּראָגרעסיווע יוניאָנס, וועלכע האָט עקזיסטירט שוין פון א לאַנגע צייט, מיט'ן צוועק צו שטיצען די ארבייטער פרעסע, די דייטשע סאָציאַליסטישע „פאָלקסצייטונג". עס איז דערביי ווערט צו באַמערקען דאָס דיזע דייטשע געווערקשאַפטען האָבען דאַן געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער ארבייטער באַוועגונג און דיזע קערפערשאַפט האָט זיך פיל געמישט אין די פארשידענע טרייד יוניאָן פראַגען. געוויס האָט זי עס דערפאַר, ווייל די דאַמאָלסטדיגע סענטראַל לייבאָר יוניאָן איז געווען זעהר קאָנסערוואטיוו און האָט געהאַט א סך בודעל פּאָליטישענס פאַר איהרע דעלעגאַטען. די דייטשע יוניאָנס זיינען דאַן געווען שטאַרק און גרויס אין צאָהל פון מעמבערס, און זיינען אַלע אָהן אויסנאַהם געווען סאָציאַליסטיש.

אלס דעלעגאַטען צו יענער קאָנפערענץ זיינען געשיקט געווארען די טעטיגסטע מיטגלידער פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס. פון די שריפטזעצער איז געקומען דער גרינדער פון דער יוניאָן, י. ווערבער; פון די אידישע כאָריסטען זיינען געקומען ל. לענצער און י. קרינסקי; פון אידישען (8טען) ברענטש ס. ל. פּ. זיינען געקומען: י. מאגידאָוו און דער שרייבער פון דיזע צייל‍ען. דער רוסישער (17טער) ברענטש ס. ל. פּ. האָט געשיקט אלס זיינע דעלעגאַטען מאָרים הילקוויט'ן און ל. באַנדעס'ן, ל. מילער'ס א ברודער. אלס פארטרעטער פון די דייטשע געווערקשאַפטען זיינען געווען צוויי דאַן גוט באַקאַנטע דייטשע סאָציאַליסטען: א. הובער און מ. געריקע. עס איז אויך געווען אַנוועזענד ביי יענער קאָנפערענץ וו. ראָזענבערג, דער דאַמאָלסטדיגער רעדאַקטאָר פון „דער סאָציאַליסט", דער אָפיציעלער דייטשער אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. און צום שלוס פון דער קאָנפערענץ איז ערשינען א דעלעגאַט פון נאָך א אידישער יוניאָן, וועלכע האָט זיך אין דער זעלבער וואָך געהאַט אָרגאַניזירט. דאָס איז געווען די אידישע אַקטיאָרען יוניאָן. זייער דעלעגאַט איז געווען דער שוישפּילער מ. סימאָנאָוו.

רעדעם זיינען אויף יענעם מיטינג געהאַלטען געוואָרען וועניג. אַלע אנוועזענדע זיינען געווען באַגייסטערט פאַר'ן פאָרשלאַג. אַלע זיינען געווען איינשטימיג, אַז דער פּלאַן צו גרינדען אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אידישע יוניאָנס איז אַן אויסגעצייכענטער. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע איז אָפּגעשטימט געוואָרען, אַז די פּלאַטפאָרמע זאָל זיין אַ סאָציאַליסטישע און דער פאָרלויפיגער פּראָגראַם פון טעטיגקייט זאָל באַשטעהן פון: 1) געגענזייטיגע שטיצע פון איין יוניאָן צו דער צווייטער; 2) גרינדען נייע יוניאָנס אין די טריידס, וועלכע זיינען ניט אָרגאַניזירט; 3) שטיצען די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישען די אידישע אַרבייטער.

טראָץ דעם, וואָס דאַן האָבען בלויז עקזיסטירט צוויי ריכטיגע יוניאָנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון סך־הכל 40 פּערזאָן, דאָך זיינען די אויסזיכטען צו שאַפען אַ שטאַרקע טרייד יוניאָן באַוועגונג ביי אידען געווען זעהר גוטע.

איך געדענק נאָך, ווי עס וואָלט געווען היינט. עס איז געקומען צו דער וואַהל פון אַ פּראָטאָקאָל סעקרעטער פאַר דער נייגעגרינדעטער קערפּערשאַפט. דעם שרייבער פון דיזע צייליען האָט מען פאָרגעשלאָגען אַלס סעקרעטער. ווי גליקליך איך האָב זיך דאַן געפיהלט מיט דעם וואָס מען האָט מיר אנפאַרטרויט אַזא הייליגע אַרבייט. איך האָב אָנגענומען דעם אַמט מיט דאַנקבאַרקייט. אַלס קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר איז ערוועהלט געוואָרען מאָרים הילקוויט. די דעלעגאַטען פון די דייטשע געווערקשאַפטען האָבען אונז גלייך געגעבען 10 דאָלאַר אום אויסצוהאַלטען די ניי געבאָרענע קינד. מיט דאַנק און פרייד האָבען מיר אָנגענומען די הילף פון די דייטשע גענאָסען און ברידער.

ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע וועגען נאָמען פאַר דאָס קינד, האָט מען פאָרגעשלאָגען אַ גאַנצע רייהע נעמען, נאָר אויף דעם ראַט פון גענאָסע וו. ראָזענבערג איז באַשטימט געוואָרען דער נאָמען „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען” אום צו האָבען אַ שוועסטער פון די פאַראייניגטע דייטשע געווערקשאַפטען. מען האָט דאַן באַשטימט, אַז די דעלעגאַטען זאָלען זיך צוזאַמענקומען יעדען מאָנטאַג אָוועגט. די בייטרעגע פאַר יעדע אָרגאַניזאַציע

איז דאַן באַשטימט געוואָרען 50 סענט אַ מאָנאַט. אַן אָרגאַניזאַ־ציאָנס קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען צו גרינדען נייע יוניאָנס, ווי אויך באַהילפיג צו זיין די שוין עקזיסטירענדע יוניאָנס.

דיזע ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע האָט געהאַט אַ זעהר שווערע אויפגאַבע. זי האָט געמוזט אַקערען אויף נייע פעלדער, אום אַפּצוראַמען פון וועג די שטיינער און דערנער. מען קאָן מיט רעכט זאָגען, אַז די דעלעגאַטען פון די פאַראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען צו יענער צייט האָבען פריוויליג אויפגעטאָן וואונ־דערבאַרע אַרבייט און אַלס רעזולטאַט פון דעם איז די אַרבייט געקרוינט געוואָרען מיט אַ גרויסען ערפאָלג.

די ערשטע צוויי יוניאָנס, וועלכע די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטע האָט געגרינדעט, זיינען געווען די שוירט מאַכערס יוניאָן און די פאַראייניגטע שניידער יוניאָן.

די מיטגלידער פון דער שוירט מאַכער יוניאָן זיינען געווען די סמעטענע פון די אידישע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען: מאָריס הילקוויט, מ. זאַמעטקין, ל. מילער, ר. לואיס, י. מאַגידאָוו, דר. ליוביטש און נאָך באַקאַנטע סאָציאַליסטען, זיינען אַלע געווען טעטיגע מיטגלידער פון דער שוירט מאַכער יוניאָן. די שניידער יוניאָן האָט געהאַט בלויז איינעם א. באַרסקי, אַ טרוימער. גלייך זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען יוניאָנס פון ניע פענטס מייקערס און פון פענטס מייקערס.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיינען דאַן געווען פאַר די אידישע יוניאָנס אַלעס: זיי האָבען אָרגאַניזירט די יו־ניאָן, געלערענט די אַרבייטער ווי צו פיהרען אַ מיטינג (עס איז וויכטיג צו וויסען, אַז די דאַמאָלסטדיגע אידישע אַרבייטער האָבען ווייניג געוואוסט פון פאַרלאַמענטאַרישע רולס), געפיהרט זייערע סטרייקס, געמאַכט סעטעלמענטס מיט בעלי־הבתים, געלערענט די יוניאָנס פיהרען די ביכער און יעדע קלייניגקייט געטאָן פאַר יעדער יוניאָן.

די נאָדעל טריידס, ביי וועלכע אידישע אַרבייטער זיינען געווען באַשעפטיגט צו יענער צייט, זיינען געלעגען אונטער דעם סוועטינג סיסטעם, די שרעקליכע מגפה פון די סוועטינג שעפּער

איז שוין פון לאנג אָן אַ פאַרגעסענע זאַך. די פאַראייניגטע אי־דישע געווערקשאַפטען האָבען אָרגאַניזירט די סוועט שעפּער אַרבייטער, וועלכע פלעגען אַרבייטען אין טענעמענט הייזער ביי קאָנטראַקטאָרס, וואָס האָבען געוואָהנט אין די זעלבע רומס, וואו מען האָט געאַרבייט. די שכירות זיינען געווען קלענליכע, שטונדען פלעגט מען אַרבייטען פון 16 ביז 18 אין מעת־לעת.

.10

דער גרויסער אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און די ענטשטעהונג פון די ערשטע גרויסע יוניאָנס פון אידישע אַרבייטער.

דער אָנפאַנג פון דעם אידישען טעאַטער אין אמעריקאַ און די גרינדונג פון דער אידישער אַקטיאָרען־יוניאָן. — ווי אַזוי די אידישע בעקער־יוניאָנס זיינען געגרינדעט געוואָרען. — די אנטשטעהונג פון דער קאַפּענ־מאַכער יוניאָן. — די געשיכטע פון די שניידער־יוניאָנס אין ניו יאָרק.

די גרינדונג פון דער אידישער אקטיאָרען יוניאָן.

די נייעס וועגען דעם ערפאָלג פון זילבערמאַנ׳ס אידישע טעאַטער קאָמפּאַניע אין ניו יאָרק איז דערגאַנגען צו די אידישע אַקטיאָרען אין אייראָפּאַ. דאָס האָט ערמוטיגט דעם פאַר־שטאָרבענעם שוישפּילער זיגמונד מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט דער־מאָלט געשפּילט אין רומעניען, צו קומען מיט זיין באַריהמטע טרו־פּע שוישפּילע־ אין ניו יאָרק. דאָס איז געוועזן אין יאָהר 1887. אין יענע יאָהרען איז אין רוסלאַנד געווען פאַרבאָטען צו שפּילען אידישען טעאַטער. מאָגולעסקאָ האָט דערפאַר זיך אויפגעהאַלטען מיט זיין קאָמפּאַניע אין רומעניען, וואו ער האָט געשפּילט אין יאסי, בוקאַרעסט און אין אַנדערע רומענישע שטעדט.

דאָס אָנקומען פון מאָגולעסקאָ׳ס טרופּע אין ניו יאָרק האָט דאָ אָנגעמאַכט אַ גרויסען רושם. די קאָמפּאַניע איז באַשטאַנען פון לויטער „סטאַרס”: מר. און מרס. ז. מאָגולעסקאָ, מר. און מרס. דוד קעסלער, זיגמונד פיינמאַן, מ. פינקעל און מאַדאַם פינקעל, (אַ באַריהמטע פּרימאַדאָנאַ), מ. וויינבלאַט, מרס. ערעל־שטיין און נאָך שוישפּילער וועמעס נעמען איך געדענק שוין ניט.

זיי האָבען מיטגעבראַכט אַ מוזיק־דיריגענט, אַ געוויסען מ. פינ־קעלשטיין, וועמעס זוהן איז מיט יאָהרען שפּעטער געווען דער פּרעזידענט פון דער היגער מוזיקער יוניאָן, לאָקאַל 310. זיי האָ־בען אויך מיטגעבראַכט אַ כאָר־דיריגענט, לעאָן בלאַנק, וועלכער איז נאָך דאָן ניט געווען קיין שוישפּילער. ער איז נאָך געווען זעהר יונג, אַ גוטער זינגער און לעהרער פאַר'ן טעאַטער־כאָר.

די נייע קאָמפּאַניע האָט ניט געקאָנט קריגען קיין טעאַטער צו שפּילען, האָבען זיי אָפּגעדונגען די „לעקסינגטאָן אָפּערא הויז" (אָדער ווי זי האָט זיך דאָן גערופען „טעררעס גאַרדען") אויף דער 58טער סטריט. דאָס איז געווען אַ גרויסער האָל מיט אַ קליינער ביהנע. די ערשטע פּיעסען וואָס זיי האָבען אויפגעפיהרט זיינען געווען: די „קאָקעטע דאַמען" פון שמ"ר, „פּעריקאָלאַ", און איבערזעצטע וועלט־אָפּערעטאַ, די „צוויי גרענאַדירען", און אי־בערזעצונג פון פראַנצויזיש, אַלץ אַזעלכע פּיעסען, וואָס מען קען שפּילען אויף אַ קליינער ביהנע, אָהן סצענעריס. די ערשטע פאָר־שטעלונגען זיינען געווען גוט באַזוכט. און דאָס איז געווען אַ וואונדער, ווייל די אידישע אימיגראַנטען וועלכע האָבען אַלע גע־וואוינט דאַון טאַון פלעגען ניט זיין קיין גרויסע בעלנים אין יענע צייטען צו פאָהרען אַפּ־טאַון אין טעאַטער. עס איז דאָך אָבער געווען מאָגולעסקאָ, האָט מען אָנגעפילט דעם טעאַטער.

די „קאָקעטע דאַמען" האָט זעהר אויסגענומען. איבערהויפּט מאָגולעסקאָ מיט זיינע דריי ראָלען וואָס ער האָט געשפּילט אין יענער פּיעסע. אין דער צווייטער פּיעסע, „פּעריקאָלאַ", האָבען זיך אויסגעצייכענט ד. קעסלער, וועלכער האָט געשפּילט פאַר'ן געליבטען און די פּרימאַדאָנאַ מאַדאַם פינקעל. דעם עולם איז זעהר געפעלען געוואָרען זייער זינגען.

די טרופּע האָט אָפּגעשפּילט איינינע וואָכען און האָט גע־זוכט אַ טעאַטער און מען האָט ניט געקאָנט קריגען. דיזער האָל איז געווען פאַרנומען פאַר בעלער און קאָנצערטען און דערצו האָט דער גרויסער עולם ניט געוואָלט פאָהרען אַפּ־טאַון. איז מאָגו־לעסקאָ'ס קאָמפּאַניע ארומגעגאַנגען ליידיג אַ מאָנאַטען זיבען־אַכט. מען האָט געזוכט אַ טעאַטער און ניט געקענט געפינען.

די „אָריענטאַל טעאַטער קאָמפּאַניע" האָט דערווייל געמאַכט גוטע געשעפטען, מען האָט דאָרטען אויפגעפיהרט אָפּערעטאַס, פאַרפאַסט פון לאַטיינער. „יוסף מיט די ברידער" האָט מען גע־שפּילט מאָנאַטען לאַנג. נאָכהער האָט מען אַ לאַנגע צייט אויפ־געפיהרט אַן אָפּערא „דוד בן ישי". דער מענעדזשער פון „אָריענ־טאַל טעאַטער" האָט אין משך פון דער צייט אַראָפּגעבראַכט נייע סטאַרס: מרס. סאָפיע גאָלדשטיין, דעם אַלטען שעהנגאָלד און נאָך איינינגע שוישפּילער.

מאָגולעסקאָ'ס טעאַטער קאָמפּאַניע איז אַלץ ארומגעגאַנגען ליידיג. דאַן איז אויף דער פּראָווינץ צו שפּילען ניט געווען פאַר וועמען. ביז ענדליך עס האָבען זיך געפונען פריינד אונטערנעמער, וועלכע האָבען פאַר מאָגולעסקאָ'ן אָפּגעדונגען אַ קליין טעאַטערל אין 110 בויערי, וואו עס פלעגט שפּילען אַן ענגלישע „סטאָק קאָמפּאַני". דער טעאַטער האָט זיך גערופען „נעשאָנאַל טעאַטער" און איז געווען גראַדע אנטקעגען זילבערמאַנ'ס „אָריענטאַל טעאַ־טער" פון 113 בויערי. ווען מאָגולעסקאָ האָט ערעפענט זיין נייעם טעאַטער, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ געפעהרליכע קאָנקורענץ צווי־שען די צוויי אידישע טעאַטערע. איןביידע טעאַטערע האָט מען געשפּילט היסטאָרישע אָפּערעטעס. אין „רומעניען אָפּערא הויז", ווי מאָגולעסקאָ האָט אַ נאָמען געגעבען זיין נייעם טעמפּעל האָט געקעניגט פּראָפעסאָר הורוויץ מיט זיינע „אָפּעראַס" און אין „אָריענטאַל טעאַטער" — מ. לאַטיינער מיט זיינע „אָפּעראַס". אויסערדעם האָט מען אין ביידע טעאַטערע געשפּילט אַלע פּיעסען פון גאָלדפאַדען. דעם עולם האָט עס אָבער מעהר געצויגען אין מאָגולעסקאָ'ס טעאַטער, ווייל דאָרטען זיינען געווען בעסערע שוי־שפּילער. דער „אָריענטאַל טעאַטער" האָט געמאַכט שלעכטע גע־שעפטען, האָט דער מענעדזשער מר. זילבערמאַן גענומען קאָנ־קורירען דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעדונגען אַ גרויסען טעאַטער אויף דער 8טער סטריט און 4טע עוועניו. אויף יענעם פּלאַץ געפינט זיך איצט וואַנאַמייקער'ס סטאָר. גערופען האָט מען יענעם טעמפּעל „פּאָאָל'ס טעאַטער".

צווישען די אַקטיאָרען פון „פּאָאָל טעאַטער" האָט זיך אָנ־

געפאַנגען אַ באַוועגונג צו גרינדען אַ יוניאָן, ווייל די קלענערע שוישפילער האָבען פאַרדינט אַזעלכע קליינע שכירות, אַז זיי האָבען ניט געקענט מאַכען קיין לעבען. דער סיסטעם פון שכירות ביי די אידישע שוישפילער איז געוועזן אויף „מאַרקען": יעדער שוישפילער האָט געקראָגען אַ געוויסע צאָל מאַרקען פון די פּראָפיטען, וואָס דער טעאַטער האָט געמאַכט נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעצאָהלט אַלע אויסגאַבען. די שוישפילער פלעגען זיך יעדען מאָנאַט טיילען מיט די פאַרדינסטען, אַזוי ווי „שותפים" פון אַ געשעפט. איז אָבער געווען אַ צרה, וואָס די „סטאַרס" זיינען געווען די מענעדזשערס, פלעגען זיי באַשטימען אַ גרויסע צאָהל „מאַרקען" פאַר זיך און די קלענערע שוישפילער פלעגען קריגען זעהר אַ קליינע צאָהל „מאַרקען", אַז עס פלעגט אויסקומען מאַנכעס מאָל אַ שוישפילער צו פאַרדינען ניט מעהר ווי זעקס־זיבען דאָלאַר אַ וואָך. איבערהויפּט פלעגט זיין גרויסע צרות, ווען דער אידישער טעאַטער האָט געמאַכט שלעכטע געשעפטען. דאַן פלעגען די קלענערע שוישפילער שפּילען גאָר אָהן געלט. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערען אַן אַקטיאָרען־יוניאָן. דער גרינדער פון דער יוניאָן איז געווען מ. סימאָנאָוו. דאָס איז געווען אין יאָהר 1888.

אין אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער ווי די אַקטיאָרען יוניאָן האָט זיך געגרינדעט, האָט אויסגעבראָכען אַ סטרייק אין „פּאָאָל'ס טעאַטער", ביי מר. זילבערמאַנ'ען. דער סטרייק איז אַרויסגעקומען צוליב דעם, וואָס דער מענעדזשער האָט אויסגעשלאָסען די יוניאָן אַקטיאָרען און האָט אריינגענומען ניט קיין יוניאָן שוישפּילער. די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען געהאָלפען אָנפיהרען יענעם סטרייק. די כאָריסטען, ביל־פּאָוסטערס און אַשערס זיינען מיטגעגאַנגען מיט די אַקטיאָרען אין אַ סימפּאַטיע סטרייק. און דיזע סטרייקער האָבען אָפּגעדונגען דעם „אָריענטאַל טעאַטער" פון 113 בויערי, וועלכער איז געשטאַנען פּוסט און האָבען איהם ערעפענט אַלס קאָאָפּעראַטיווען אידישען טעאַטער, וועלכער איז געפיהרט געוואָרען אונטער דער איפּזיכט פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. די קאָמיטע פון די גע־

ווערקשאַפּטען האָט די ערשטע צייט געהאַט „צו זינגען און צו זאָגען" מיט די טראָבעלס פון דעם קאָאָפּעראַטיוועו טעאַטער, אין יענעם סטרייק און פון דער אַקטיאָרען יוניאָן אליין.

יענער ערשטער סטרייק איז ניט געוואונען געוואָרען. דעם קאָאָפּעראַטיוועו טעאַטער האָט מען אויפגעגעבען. די אַקטיאָרען יוניאָן איז אָבער פאַרבליבען. זי האָט אָבער געהאַט פיל געגנער ביי די געווערקשאַפטען, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז שוישפּי־לער זיינען ניט קיין לוין ארבייטער. געבויט איז זייער טענה גע־ווען אויף דעם, וואָס די אַקטיאָרען האָבען געאַרבייט אויף „מאַר־קען" אַנשטאָט שכירות. מאַנאַטען לאַנג זיינען אָנגעגאַנגען די דעבאַטען ביי די מיטינגען פון די געווערקשאַפטען, וועגען אויס־שליסען די אַקטיאָרען יוניאָן פון די געווערקשאַפטען, נאכהער איז די פראַגע אריבערגעגאַנגען צו די יוניאָנס פאַר א רעפערענ־דום. אין יעדער יוניאָן האָט מען וואָכען לאַנג דעבאַטירט אלץ וועגען דער אַקטיאָרען־יוניאָן. איין מאָל האָט מען באַשלאָסען זיי אויסצושליסען, א צווייטען מאָל — זיי זאָלען פאַרבלייבען אין די געווערקשאַפטען. די אַקטיאָרען יוניאָן איז אָבער פאַרבליבען די גאַנצע צייט אין די געווערקשאַפטען. אין אלע טראָבעלס פון די שוישפּילער יוניאָן איז יוסף באַראָנדעס אימער געווען זייער פאַרטיידיגער. ער איז געווען דער עהרען־פּרעזידענט פון זייער יוניאָן.

אין יאָהר 1900 האָט די אַקטיאָרען יוניאָן ערקלערט א סטרייק אין „פּיפּעל'ס טעאַטער". די הויפּט פאָדערונג איז געווען דאָס מען זאָל די אַקטיאָרען צאָהלען וועכענטליכע שכירות, אַנשטאָט „מאַרקען", וועלכע די מענעדזשערס פלעגען שוין אַזוי אויסרע־כענען, דאָס די אַקטיאָרען פלעגען באַקומען וואסער אויף קאַ־שע. אלע איבעריגע טעאַטער יוניאָנס זיינען דאַן ארויס אין סימ־פּאַטיע סטרייק. יענער אַקטיאָרען סטרייק האָט אויפגערודערט אונזער שטעדטעל און איז ענדליך געוואונען געוואָרען. און פון דאַן אָן שפּילען די אידישע אַקטיאָרען פאַר וועכענטליכע שכירות.

ווי אזוי די אידישע בעקער יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען.

שוין אין דעם יאָהר 1887 האָבען די אידישע בעקער געהאַט אָרגאַניזירט די ערשטע בעקער יוניאָן אין ניו יאָרק. זיי פלעגען זיך אַלע דאָן פאַרזאַמלען אין אַ ביער-סאַלון אויף לודלאָוו, קאָרנער העסטער סטריט. דאָרטען אין סאַלון האָט איהר זיי שטענדיג געקענט טרעפען, וואו זיי האָבען זייערע צרות פאַרטרונקען מיט ביער.

יענע בעקער אַרבייטער זיינען באַשטאַנען פון אַ גאַנץ אַנדערען עלעמענט, ווי די היינטיגע בעקערס. די גרעסטע צאָהל פון זיי זיינען געוועזן פון דייטש-פוילען, גאַליציען, און נאָר ווייניגע זיינען געוועזן פון רוסיש-פוילען. אין אַלגעמיין איז נאָך דאַן געוועזן זעהר אַ קליינע צאָהל בעקער-אַרבייטער, ווייל די אידישע באַפעלקערונג אין ניו יאָרק איז ניט געוועזן אַזוי גרויס ווי יעצט. אַ חוץ דעם פלעגט יעדער בעקער אַרבייטער דאַן טאָן אַרבייט פאַר 3 אַרבייטער, ווייל די רעגולע אַרבייטס-שטונדען זיינען דאַן ביי די בעקערס געוועזן 18 שעה אין אַ מעת-לעת, דאָס איז געוועזן אין די נעכט פון אָנפאַנג וואָך, ווען עס איז אָבער געקומען נעהנטער צו ערב שבת, אַזוי פלעגט זיך אָנפאַנגען דאָנערשטאַג אין דער פריה, וואָס מען פלעגט רופען „אַ טאָג אַרבייט”, און ענדיגען זיך פלעגט ער פרייטאַג 12 אַזייגער ביי טאָג. די פאַרדינסטען פון אַ בעקער זיינען דאַן געוועזן 6-7 דאָלאַר אַ וואָך.

די ערשטע אידישע בעקער יוניאָן אויף דער איסט סייד איז געגרינדעט געוואָרען פון אַ געוויסען מיסטער בלאָק, דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דעם בעקער-פאַרבאַנד, וועמעס אָפיס האָט זיך געפונען אין ניו יאָרק. דאָס איז געוועזן ווינטער צייט אין יאָהר 1887. דעם סעקרעטאַר פון בעקער פאַרבאַנד איז אָבער דאַן ניט געפעלען געוואָרען דער סאַלון, וואו די בעקער אַרבייטער פלעגען זיך אויפהאַלטען, האָט ער פאַר די אידישע בעקער יוניאָן גענומען אַ האָל און אַ לייבאָר ביוראָ אין אַן אַנדער סאַלון, אין 68½ אָרטשאַרד סטריט. יענע ערשטע אידישע בעקער יוניאָן איז טאַקע דאַן צופאַלען געוואָרען צוליב די צוויי

ביער-סאַלונס, ווייל דער אַלטער סאַלון־קיפּער האָט צוריק אריינ־געקראָגען די בעקער ארבייטער צו זיך אין שענק אריין, און יענע בעקער יוניאָן האָט זיך אין יאָהר 1888 אויפגעלייזט, ווייל די יוניאָן לייטע האָבען ניט געוואָלט געהן צו די מיטינגען אין 68½ אָרטשארד סטריט. עס זיינען געווען צוויי פּארטייען, איינע האָט געוואָלט דעם אַלטען סאַלון און די צווייטע — דעם נייעם סאַלון, און אזוי ווי די פּארטיי פון דעם אַלטען ביער־סאַלון איז געווען אַ גרעסערע, האָט די בעקער יוניאָן ניט געהאַט גענוג מעמבערס און זי האָט זיך סוף כל סוף אויפגעלייזט.

שפּעטער, ווען די געווערקשאַפטען האָבען שוין עקזיסטירט אַ יאָהר צייט, האָבען זיי אָרגאַניזירט אַ נייע אידישע בעקער יו־ניאָן. דאָס איז געווען דער לאָקאַל 31 פון בעקער פארבאנד, וועלכער האָט שוין אין יאָהר 1890 געצעהלט איבער פיער הונדערט מיטגלידער.

די בעקער יוניאָנס פאָדערונגען זיינען דאַן געווען 10 שטונ־דען אַ טאָג און זעקס טעג אַ וואָך ארבייט, אַנשטאָט זיבען טעג.

יענע יוניאָן, לאָקאַל 31, האָט דאַן באַוויזען אויסצוקעמפען, אז די 7 טעג אַ וואָך ארבייט זאָל אָפּגעשאַפט ווערען, און שבת איז געוואָרען ביי די אידישע בעקער אַ טאָג פון רוה. אין יענע צייטען איז עס געווען אַ באַדייטענדער אויפטו. לאָקאַל 31 האָט אויך דאַן איינגעפיהרט דעם יוניאָן לייבעל אויף ברויט און די ארבייטער פון די אנדערע טריידס האָבען זיי אין דעם פיל מיט־געהאָלפען. די ארבייטס־באַדינגונגען פון די אידישע בעקער אר־בייטער זיינען געווען זעהר מיזעראַבעלע, הויפּטזעכליך זיינען די בעקערייען, די קעלערס אין די אַמאָליגע אַלטע הייזער, געווען שרעקליך. ס'פלעגט גיסען פון די ווענט. אין יענע קעלערס פלעגען ארומלויפען גרויסע ראַצען. די ארבייט גופא איז דאַן אויך זעהר שווער געווען. די בעקער ארבייטער פלעגען דארפען אויסארביי־טען צופיל דייזעס מיט טייג יעדע נאַכט. קיין מאַשינעריע איז דאַן נאָך ניט געווען. די שרעקליכע ארבייטס־באַדינגונגען פלע־גען די אָרימע בעקער ארבייטער שנעל טרייבען אין קבר אריין.

איך געדיינק א פאל ווי דער סעקרעטאר יאקובאָוויץ, פון יע־נעם לאָקאל 31 בעקער יוניאָן, איז געקומען צוליפען אין אָפיס פון די געווערקשאפטען, דערצעהלען, אז א בעקער ארבייטער איז געפאלען לעצטע נאכט ביי דער ארבייט, און זיי ווייסען ניט וואָס צו טאָן. ער איז געפערליך קראנק. דער שרייבער פון דיזע צייּ־לען איז דאן געווען דער סעקרעטער פון די געווערקשאפטען, בין איך אוועקגעלאָפען מיט'ן סעקרעטער צום קראנקען און מיט גרויס אָנשטרענגונג איז געלונגען דעם געפערליכען חולה ארייננצוגעבען אין מאונט־סיני האָספיטאל. דאן זיינען מיר אוועק אין דער בעקעריי, וואו דער ארבייטער האָט געשקלאַפט. דאָס איז געווען אין א טיפען קעלער אויף אָרטשארד לעבען העסטער סטריט. קוים מיט צרות האָב איך זיך, מיט'ן סעקרעטער פון לאָקאל 31 ארונ־טערגעלאָזען אין דער מינע אריין, וואָס מען האָט גערופען בע־קעריי. די פייכטקייט פון קעלער האָט מיך ארומגעכאפט, איך בין געבליבען שטעהן. איך קוק זיך ארום, איך זעה פאר זיך א 2—3 קליינע מענשען, האלב נאקעט, און זיי קנעטען די טייג, און איינער פאָכט מיט זיין נשמה ביים באק־אויווען. היינט די שמוץ ארום איז געווען שרעקליך!

— ביי די דייטשען אין די בעקערייען, — רופט זיך אָפּ א בעקער־שקלאף אויף האלב־דייטש, — איז אויך ניט פיעל בעסער.

קומענדיג צוריק אין אָפיס פון די געווערקשאפטען, האָבען מיר געהאט א בעראטונג, און דער רעזולטאט איז געווען, דאָס דעם צווייטען טאָג בין איך אוועק צו די פעקטאָרי אינספעקטאָרס, און נאכדעם ווי איך האָב זיי דערצעהלט וועגן דעם, וואָס איך האָב געזעהן אין דער בעקערי, האָבען זיי פאראנשטאלטעט אן אונטער־זוכונג פון אלע בעקערייען אויף דער איסט־סייד, אידישע און ניט־אידישע. פון יענער אונטערזוכונג איז דאן ארויסגעקומען א פאר־בעסערונג אין די בעקערייען פאר די ארבייטער. די לעגיסלאטור אין אלבאני האָט דאן אָנגענומען דעם געזעץ פאר א 10־שטונדי־גען ארבייטס־טאָג פאר אלע בעקערייען פון ניו יאָרק סטייט.

דער אומגליק פון די ביער־סאלונען פאר די בעקער־ארביי־טער האָט אויך דאן געטריבען די בעקער יוניאָן לאָקאל 31 צום

אונטערגאַנג. נאכדעם ווי לאָקאַל 31 האָט זיך אויפגעלייזט, האָבען די אידישע בעקער ארבייטער אין אַ צייט אַרום זיך ווי־דער אָרגאַניזירט אין אַנדערע לאָקאַלע יוניאָנס פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלען בעקער פאַרבאַנד.

די ברוקלינער אידישע בעקער ארבייטער האָבען זיך מיט אייניגע יאָהרען שפּעטער אָרגאַניזירט אין לאָקאַל 163 און דער לאָקאַל עקזיסטירט שוין די גאַנצע צייט. נאכדעם זיינען געקומען די האַרלעמער אידישע בעקער ארבייטער, וועלכע האָבען זיך אָר־גאַניזירט מיט יאָהרען צוריק אין לאָקאַל 305. דיזע יוניאָן עק־זיסטירט עד היום.

אַן אינטערעסאַנטע קאַריערע האָט דורכגעמאַכט די בעקער יוניאָן לאָקאַל 34 אויף אונזער איסט סייד. דיזע אידישע בעקער יוניאָן איז געקומען אַלס אַ נאָכפאָלגערין פון לאָקאַל 31, און די־זע יוניאָן איז געבליבען באַריהמט מיט איהר קאַמף געגען דער „כל ישראל״ צייטונג, וועמען עס האָט זיך אמאָל פאַרגלוסט צו שריי־בען אַן אַרטיקעל געגען דער בעקער יוניאָן לאָקאַל 34, און צו גונ־סטען די אידישע בעקער באַלעבאַטים. מעהר האָט ניט געפעהלט. די גאַנצע איסט־סיידער אַרבייטערשאַפט איז אויפגעבראַכט גע־וואָרען געגען יענער צייטונג און אין יעדער אידישער אַרבייטער הויז האָט מען נאָר גערעדט פון דעם. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז דער בעקער יוניאָן לאָקאַל 34 זאָל ווערען מעכטיג, און ער האָט ענדליך געקראָגען פון באָסעס בעסערע קאָנדיציאָנען, און די „כל ישראל״ צייטונג האָט זיך אַנטשולדיגט פאַר די ארבייטער. דער סעטעלמענט איז געמאַכט געוואָרען דורך יוסף באַראָנדעס, וועלכער האָט דאַן געהאָלפען אָנפיהרען די פּראָטעסט־באַוועגונג פון די בעקער אַרבייטער. מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז, צוליב צוויס־טיגקייטען, אויך דער אידישער בעקער יוניאָן לאָקאַל 34 אונ־טערגעגאַנגען.

די ענטשטעהונג פון דער קעפּ מאַכער יוניאָן.

שוין אין 1879טען יאָהר האָט עקזיסטירט אַ יוניאָן פון

קאַפּען מאַכער. איהרע מיטגלידער זיינען געווען מייסטענס דייטשע יאהודים. זיי זיינען אפילו ניט געווען פון די אפּטאָונער דייטשע יאהודים, דאָך זיינען זיי געווען דייטשען. עס האָבען אויך באַלאַנגט צו דער יוניאָן א קליינע צאָהל פּוילישע אידען און א היבשע צאָהל דייטשע קריסטען.

דיזע קאַפּען מאַכער יוניאָן איז איינינע מאָל אין צייט פון סטרייקס צופאלען געווארען און נאָכדעם ווידער ארגאניזירט גע־וואָרען אונטער די „נייטס אָוו לייבאָר" און ווידער צופאלען גע־וואָרען, און דאַן איז זי ווידער ארגאניזירט געווארען אלס אַן אינדעפּענדענט (זעלבסטשטענדיגע) יוניאָן.

אין דער צייט ווען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האָבען זיך געגרינדעט און האָבען זיך גענומען ארגאניזירען נייע פאַכען ארבייט, האָט מען אויסגעפונען אז עס עקזיסטירט א קעפּ מייקערס יוניאָן, וועלכע האָט געהאט איהר הויפּט קווארטיר אין מיליטערי האָל, 193 [illegible]ערי. אלע אנדערע אידישע יוניאָנס האָבען זיי מקנא געווען: „סטייטש, זיי מיטען ניט אין העסטער סטריט".

די דאַמאָלסטיגע קאַפּען מאַכער יוניאָן האָט פיל געליטען פון דעם גייסט פון „אינדעפּענדענס". זיי האָבען פון קיין פאראיי־ניגונג מיט אנדערע יוניאָנס ניט געוואָלט וויסען. און ווען א קאָמיטע פון די פ. א. ג. איז געקומען צום מיטינג פון דער קעפּ מייקערס יוניאָן, איז די „אינדעפּענדענס" פון יענער יוניאָן געווען אַזוי גרויס, אז מען האָט די קאָמיטע ניט אריינגעלאָזען. דער שרייבער פון דיזע ציילען, זייענדיג דאַן דער סעקרעטער פון די געווערקשאפטען, האָט זיך ניט געפוילט און איז געקומען צו נאָך א פּאָר מיטינגען פון די קאַפּען מאַכער, און אלץ מיט'ן זעלבען רעזולטאַט. מען האָט איהם ניט געוואָלט אריינלאָזען.

מיר האָבען באשלאָסען צו ווארטען אויף בעסערע צייטען, ווען דער גייסט פון אָפּגעזונדערטקייט וועט ביי זיי אפּגעשוואכט ווערען. ניט זעהר לאַנג איז אונז אויסגעקומען צו ווארטען. אין יאָהר 1889 האָט ביי דער קעפּ מייקערס יוניאָן אויסגעבראָכען א סטרייק, וועלכער האָט געדויערט א פּאָר וואָכען און איז פארלאָרען געגאנגען. זייער יוניאָן איז צוליב דעם אין

גאַנצען אפּגעשוואַכט געוואָרען. א געוויסער גענאָסע גאָלדרייך, וועלכער איז דאַן געווען דער איינציגער סאָציאַליסט אין דער קאַפּען מאַכער יוניאָן, האָט פּריוואַט גערעדט בײם מיטינג פון 8טען ברענטש ס. ל. פּ., וואו ער איז אויך געווען א מעמבער — מיר זאָלען זיך נאָך אמאָל ווענדען צו דער קעפּ מייקערס יוניאָן. ער האָט אונז פאַרזיכערט, אז דעם מאָל וועט די יוניאָן זיך שוין פאַראייניגען מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און וועט דורכדעם אליין אויך פאַרשטאַרקט ווערען. איך געדענק אז די פּ. א. ג. האָבען נאָך אמאָל ערוועהלט א קאָמיטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון יוסף באַראָנדעס, מ. שאַך, פאַרטרעטער פון דער ניעפּענטס מאַכער יוניאָן, ס. ד. קופּער, און דעם שרייבער פון דיזע צייל, פאַרטרעטער פון 8טען ברענטש ס. ל. פּ.

דעם מאָל האָט מען אונזער קאָמיטע גלייך אריינגערופען צום מיטינג פון דער קעפּמייקערס יוניאָן, וואו מיר האָבען געטראָפען א 30 מאַן, וועלכע האָבען דאַן פאַרהאַנדעלט די פראַגע אויפצוגעבען זייער יוניאָן. וועגען די פאַרבליבענע פּאָר דאָלאַר פון זייער קאַסע איז געמאַכט געוואָרען ביי זיי א פאָרשלאַג אוועקצוגעבען עס פאַר א האָספּיטאַל.

אונזער קאָמיטע האָט ערקלערט דעם צוועק פון אונזער קער־פּערשאַפט, אויך וואָס מיר קענען פאַר זיי טאָן, אום זיי צו העלפען אויפבויען אַ שטאַרקע יוניאָן. אלע קעפּ מייקערס זיינען דאַן ביי זיך געווען אראָפּגעפאַלען. זיי האָבען קיין האָפנונג ניט געהאַט די יוניאָן ווידער אויפצובויען.

זייער פיהרער איז דאַן געווען א געוויסער א. מ ע נ ק ע, א קאַפּען-אָפּערייטאָר, א דייטשער יאָהודי, זעהר א קאָנסערוואַ־טיווער, אָבער ער האָט געוואוסט פאַרלאַמענטאַרישע רולס, ווייל ער איז געווען א פּרעזידענט אין איינינע לאָדזשען, ער איז געווען א גוטער רעדנער אין זיין צייט. איהם האָט זיך וואַרשיינליך שטאַרק געוואָלט, אז די יוניאָן זאָל ווידער אויפגעבויט ווערען, ער האָט דאַן געהאַלטען אַ רעדע בזה הלשון:

„מיינע ליבע ברידער! איהר ווייסט אלע, אז יעצט איז דאָס שפּאַנישע קעניגעל געפעהרליך קראַנק (דער יעצטיגער שפּאַ־

נישער קעניג איז דאָן געווען אַ אינגעל פון עטליכע יאָהר אַלט און האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. די היגע צייטונגען האָבען דאָן פיל געשריבען וועגען דעם). ער האַלט ביים שטאַרבען; ער איז דער איינציגער יורש פון שפּאַנישען טראָן. נו, מיינע ליבע ברידער, שטעלט אייך פאָר, אַז עס קומט אַ גרויסער דאָקטאָר מיט אַ נאָמען און וויל זיך אונטערנעמען צו רעטען דאָס לעבען פון שפּאַנישען קעניגעל, וואָלטען דען זיינע עלטערען ניט דערפרעהט זיך? יעצט, מיינע ברידער, קומען די הערען פון אַ קערפּערשאַפט פון ארבייטער און דערלאַנגען אונז זייער ברודער־האַנט, אין דער צייט ווען מיר זיינען באַרייט אונזער יוניאָן אויפצולעזען — ווילען זיי אונז, קאַפּענמאַכער, די פאָר פאַרבליבענע פון יענער שלאַכט, פון לעצטען סטרייק — העלפען צו ווערען ווידער אַ מעכטיגע יוניאָן. לאָמיר עס אָננעמען, ברידער, מיט דאַנק און פרייד."

די רעדעס ביי יענעם מיטינג פון דער קעפּ מייקערס יוניאָן האָבען געווירקט. די יוניאָן האָט באַשלאָסען זיך אָנצושליסען אָן די פּ. א. ג. און פּרובירען מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען צו אָרגאַניזירען אַ פעסטע קאַפּענמאַכער יוניאָן.

דער פייער פון באַגייסטערונג און די שטאַרקע אַמביציע פון די דאַמאָלסטדיגע דעלעגאַטען פון די פּ. א. ג. האָט זיי געטריבען מיט גרויס אייפער זיך אריינצוואַרפען אין דער ארבייט צו שאַפען אַ שטאַרקע יוניאָן. דער אָנפאַנג איז געמאַכט געוואָרען מיט אַ „באַנקעט" פאַר אַלע קאַפּענמאַכער, וועלכע מען האָט געקענט קריגען צום יום טוב. אויך זיינען געווען געלאַדען צו יענעם באַנקעט אַ גרויסע צאָהל דעלעגאַטען פון די פּ. א. ג., פאַר וועמען אַזאַ מאָלצייט איז געווען אַ גרויסער סורפּריז און אַ וואונדער, — ווייל דעם אמת זאָגענדיג, האָבען די גרעסטע צאָהל פון יענע דעלעגאַטען געטראַכט, אַז עס איז אַ פאַרברעכען געגען דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם צו געהן עסען אַזעלכע געריכטען אין דער צייט, ווען די ארבייטער, וועמעס פאַרטרעטער מיר זיינען, הונגערען און עסען זעלטען אַ גוטען מאָהלצייט. די קאַפּענמאַכער האָבען אונז דאָן צוגערעדט, אַז מיר זאָלען זיך צוגעוואוינען צו עסען אַ גוטען מאָלצייט.

די פּ. א. ג. האָבען געשיקט צו דעם באַנקעט זייערע בעסטע רעדנער: אב. קאהאן, מ. זאמעטקין, מ. הילקוויט, דעם דייטשען גענאָסע א. הובער און נאָך קלענערע „סטארס", צווישען וועלכע עס איז געווען אויך דער שרייבער פון דיזע ציילען. די רעדעס פון אב. קאהאן און מ. זאמעטקין האָבען געמאכט א שטארקען איינדרוק. הויפּטזעכליך האָט ביים עולם גוואלדיג אויס־גענומען די רעדע פון מ. זאמעטקין. זאמעטקינ'ס טאטע איז אין אָדעס געווען א באוואוסטער קירזשנער, וואס מען רופט דאָ א קאַפּענמאכער. איז גענאָסע זאמעטקין געווען ביי די קאַפּענמאכער ווי ביי זיך אין דער היים.

די רעדעס פון די דריי רעדנער אליין האָבען געעפענט די הערצער און געווירקט אויף די געפיהלען פון די אָנוועזענדע קאַפּען־ארבייטער. די באַגייסטערונג פון די אָנוועזענדע בין איך ניט אימשטאַנד צו באשרייבען. איך קען נאָר באמערקען, דאָס מען קען זיך פאָרשטעלען אַזא מין פאַל, ווען ארבייטער דער־הערען א סאָציאַליסטישע רעדע צום ערשטען מאָל און נאָך פון בריליאַנ־טענע און לאָגישע רעדנער, וועלכע זיינען אליין געווען באַגייסטערט פאַר'ן סאָציאַליסטישען אידעאַל און פאַר ארבייטער יוניאָנס.

אַזא סצענע ווי עס איז פאָרגעקומען ביי יענעם באַנקעט פון קעפּ מייקערס יוניאָן, נאָך גענאָסע זאמעטקינ'ס רעדע, דארף מען אליין ביייוואוינען אום זיך עס צו קאָנען פאָרשטעלען.

די רעדעס אויף יענעם באַנקעט האָבען שטאַרק אויפגעמונ־טערט די קעפּ מייקערס און די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען האָבען אַראַנזשירט פאַר זייער יוניאָן מאַסען פאַרזאַמ־לונגען אויף יעדען שבת אָווענט אכט וואָכען נאָכאַנאַנד.

דער צושטאַנד אין קאַפּען טרייד איז דאַן געווען א ביסעל בעסער ווי ביי העמדלאָך, ני פּענטס, אָדער שניידעריי, ווייל די קאַפּען מאכער האָבען געארבייט אין „אינסייד שעפּער", ניט ביי קאָנטראַקטאָרען. זייערע פאַרדינסטען זיינען געווען פיל בעסער ווי ביי אַנדערע אידישע טריידס. מען האָט אָבער געארבייט לאַנגע שטונדען און פון שטיק. און דאָס האָט געטריבען צו יאָגעניש, און דערצו נאָך פּלעגט יעדער קאַפּען מאכער מיטנעמען אהיים

א פּולען זאָך מיט ארבייט. דאָס איז געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „טראָגען דעם שווארצען זאַק". יעדער קאַפּען מאַכער האָט געמוזט האָבען אייגענע מאַשינען, נאָדלען און פאָדים, סיי אין שאַפּ און סיי אין דער היים. די סיסטעם פון אייגענע מאַשינען האָבען די קאַפּען מאַכער אָפּגעשאַפּט פיל שפּעטער ווי די ני פּענטס מאַכער.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1890, ווען די קאַפּען מאַכער האָבען מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען אויפגעבויט א מעכטיגע יוניאָן. און יענעם סעזאָן האָבען שוין די ארבייטער פאַרדינט גרויסע ווייזשעס — פון 40 ביז 50 דאָלאַר א וואָך, וואָס האָט געהייסען ווי מען זאָל היינט פאַרדינען 150 אָדער 200 דאָלאַר א וואָך. דאָס איז געווען צוליב א צופאַל, ווייל עס איז יענעם סעזאָן אריין אין מאָדע א העט, וואָס מען האָט גערופען „נעלי בליי", נאָך דער געוויסער רעפּאָרטערקע, וועלכע האָט דעמאָלט געמאַכט א רייזע איבער דער וועלט אין 72 טעג. מיס נעלי בליי האָט דאַן גע'שם'ט איבער דער גאַנצער וועלט און אַלע פרויען האָבען גע־טראָגען „נעלי בליי" העטס.

האָבענדיג א שטאַרקע יוניאָן האָבען עס די קאַפּען מאַכער אויסגענוצט און האָבען דערפאַר זעהר גוט פאַרדינט. אזוי שנעל ווי דער סטייל איז ארויס פון מאָדע האָבען די באָסעס פאַרפיהרט מיט די קאַפּען מאַכער א סטרייק, וועלכער האָט דאַן געדויערט 28 וואָכען. עס איז אייגענטליך געווען א לאָקאַוט, וואו די באָסעס האָבען אויסגעשלאָסען צוועלף הונדערט קאַפּען מאַכער. יענער סטרייק איז פאַרבליבען א היסטאָרישער קאַמף. די יוניאָן איז ווידער צופאַלען געוואָרען, אָבער ניט אויף לאַנג. זי איז באַלד ווידער אָרגאַניזירט געוואָרען און איז געוואָרען באַוואוסט אַלס די שטאַרקסטע און ערפאָלגרייכסטע יוניאָן פון אידישע ארבייטער.

די געשיכטע פון די שניידער יוניאָנס אין ניו יאָרק.

נאָך בעפאָר דער גרויסער אימיגראַציע פון רוסלאַנד, אין יאָהר 1882, זיינען פילע אידישע ארבייטער געווען באַשעפטיגט

אין שניידער פאַך פון מענער קליידער. ביי שניידעריי האָבען דאָן געאַרבייט אַ גרויסע צאָהל אידען פון עסטרייך, אונגאַרן, רוסיש־פוילען און דייטשלאַנד. פילע פון זיי זיינען געווען שניידער פון דער היים, און אַ סך האָבען זיך דאָ אויסגעלערענט די אַרבייט. דער שניידער־פאַך איז דאָן נאָך ניט באַשטאַנען אין גאַנצען פון אידישע אַרבייטער ווי איצט. איטאַליענישע אַרבייטער זיינען דאָן אין שניידער טרייד גאָר ניט געווען. ביי הויזען און וועסטען האָבען דאָן מעהרסטענס געאַרבייט קריסטען, איירישע און דייטשען. נאָך ביז היינטיגען טאָג זיינען ביי דיזע אָפּטיילונגען פון שניידעריי באַשעפטיגט קריסטליכע אַרבייטער, מענער ווי אויך פרויען.

יוניאָנס פון שניידער אַרבייטער האָבען שוין עקזיסטירט און האָבען געפיהרט סטרייקס נאָך בעפאָר דעם יאָהר 1882. אין דער „געשיכטע פון דער טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן נומער 6״, אַרויס־געגעבען פון ניו יאָרק סטייט דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר אין יאָהר 1912, ווערט באַשריבען, אַז שוין אין יאָהר 1850 איז אין ניו יאָרק די טרייד יוניאָן באַוועגונג געווען זעהר גרויס און שטאַרק און אַז די דאָמאַלסטדיגע שניידער יוניאָן, „די דזשורנימען טיילאָרס סאָסייעטי״, וועלכע איז יענעם יאָהר געגרינדעט געוואָרען און עקזיסטירט נאָך עד היום (דאָס איז די יוניאָן פון די קאָסטימער שניידער) — האָט אין יאָהר 1850 אין יענער גרויסער סטרייק־באַוועגונג — געשפּילט די גרעסטע ראָלע. דער ערשטער גענעראַל סטרייק פון די שניידער איז פאָרגעקומען אין יולי, 1850. זייערע פאָדערונגען זיינען געווען: גרעסערע פּרייזען פאַר שטיק־אַרבייט. ס׳האָבען געסטרייקט רעק־מאַכער, און מ׳האָט אויך געסטרייקט ביי וועסטען און ביי הויזען. מ׳דאַרף וויסען, אַז ניו יאָרק איז דאָן געווען דער גרעסטער צענטער און כמעט דער איינציגער, וואָס האָט פאַבריצירט מענער קליידער פאַר גאַנץ אַמעריקאַ. יענער שניידער־סטרייק פון 1850טען יאָהר האָט פּאַראַליזירט די גאַנצע שניידער־אינדוסטריע. די דאָמאַלסטדיגע צענטראַל קערפּערשאַפט פון אַלע ניו יאָרקער יוניאָנס, וואָס האָט זיך גערופען דער „אינדאָסטריעל קאָנגרעס״ האָט אין יענעם יאָהר 1850 אַרויסגערופען אַ גענעראַל סטרייק פון אַלע טריידס, און די גרעסטע צאָהל סטרייקערס זיינען

געװוען די שנײדער, װעלכע האָבען געהאט א דײטשען און אן ענגלישען ברענטש. ל י ט ש, א פיהרער פון יענעם שנײדער סטרײק אין 1850 האָט אין א רעדע, װעלכע ער האָט געהאלטען בײ א גרױסע דעמאָנסטראציע װאס האָט שטאטגעפונדען שבת בײטאָג, דעם 3טען אױגוסט, 1850 אין סיטי האָל פארק — געשילדערט די דאמאָלסטדיגע צושטענדען אין שנײדער טרײד װי פאָלגט: „מיר ארבײטען פון 5 אזײגער פארטאָג ביז 9 אזײגער בײנאכט און אלעס װאס מיר פארדינען א װאָך איז פון 4 ביז 5 דאָלאר שבירות. אונזער סטרײק געהט אָן געגען די ניו יאָרקער באָסעס, אָבער הױפטזעכליך סטרײקען מיר געגען די שנײדער־באָסעס װאָס ארבײטען פאר דער סאוטה, װעלכע קריגען גוטע פרײזען פאר די קלײדער װאָס מיר מאכען". גראד צו יענער צײט האָט זיך באװיזען אין שנײדער פאך דער „סװעטינג סיסטעם" פון קאָנטראקטאָרען. די טעטיגסטע סטרײקערס זײנען דאן געװען די דײטשע שנײדער ארבײטער, און עס װערט באשריבען, װי אזױ דיזע סטרײקערס, װען זײ האָבען ערפאהרען, אז אין דער 38טער סטריט (װאו עס האָט דאן געהײסען „חוץ לארץ" פון דער איסט סײד פון ניו יאָרק, אזױ װי עס איז איצט, די 200טע סטריט פון דאון טאון), האָט א דײטש, א קאָנטראקטאָר ארױסגענומען סקעב ארבײט און אז ער מאכט אױף קלײדער אין זײן װאױנונג מיט סקעב ארבײטער. א שטארקע קאָמיטע פון די סטרײקענדע דײטשע שנײדער זײנען אװעק דאן צום סקעב שאָפּ און האָבען דאָרטען אפגעשטעלט די סקעב ארבײט. עס איז אױך באשריבען װי אזױ די פּאָליצײ האָט נאכגעיאָגט יענע סטרײקערס, האָט זײ מכבד געװען מיט זײערע פּאָליס־קלאָבס און 39 סטרײקערס זײנען ארעסטירט געװארען און נאָכהער באשטראפט געװארען פון געריכט. די הױפּט אגיטאציע צװישען די שנײדער איז דאן געװען: צו עטאבלירען קאָאָפּעראטיװע שעפּער און קאָאָפּעראטיװע סטאָרס פון קלײדער. נאָך 8 װאָכען סטרײק האָט די שנײדער יוניאָן געסעטעלט יענעם סטרײק צו גונסטען פון די ארבײטער.

די גרױסע אימיגראציע פון יאָהר 1882 האָט געבראכט אהער א גרױסע מאסע שנײדער פון רוסלאנד. אױסער דעם האָבען פילע

פון די אריבערגעקומענע אימיגראַנטען זיך אויסגעלערענט פאַר אָפּערייטאָרס ביי מענער רעק, געארבייט האָבען דיזע ארבייטער ביי דעם ביליגסטען סאָרט שניידעריי. די אונגארישע און גאַליציאַנער ארבייטער, זייענדיג גוטע היימישע שניידער, האָבען ניט געוואָלט האָבען צו טאָן מיט די „קאָלומבוס׳עס אַרבייטער", ווי זיי האָבען גערופען די חצי בעלי־מלאכות. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די שניידער פון דעם ביליגערען סאָרט זיינען דאַן עקספּלואַטירט געוואָרען אויף דעם שרעקליכסטען אופן. געארבייט האָט מען בלויז אין סוועט שעפּער, ביי קליינע קאָנטראַקטאָרס, וועלכע פלעגען ארויסנעמען די ארבייט פון גרויסע וועהר־הייזער.

דיזע „סוועטערס" האָבען דאַן איינגעפיהרט דעם פארפלוכטען „ציל סיסטעם". דיזער סיסטעם איז באַשטאַנען פון וואָך־ארבייט, און יעדער איינער פון „סעט" אָדער פון „טים" וואָס מען האָט איינגעשפּאַנט איז באַשטאַנען פון אַ בייסטער, אַ „האַלבען" בייסטער, אַן אָפּערייטאָר, אַן ארויסהעלפער, פינישער, אַ „האַלבען" פינישער און אַ טרימערין, אויסער בושלערס און פּרעסערס. זיי האָבען אַלע געקראָגען באַצאָהלט וועכענטליך, אויב דער קאָנטראַקטאָר איז ניט אַנטלאָפען מיט דער „פּעי". דערפאַר אָבער האָט דער סעט געמוזט אויסארבייטען אַ באַשטימטע צאָהל רעק יעדען טאָג; געוועהנליך האָט דער באָס געגעבען אַ גרויסע פּאַרציע רעק. דער „לימיט" איז געווען 14 רעק אַ טאָג, פון דעם בעסערען ליין, נאָר עס איז געשטיגען ביז 18 און מעהר רעק אַ טאָג. ווען דער סעט איז ניט פאַרטיג געוואָרען מיט אַזאַ טאָג ארבייט ביז 10 אזייגער אין אָוונט האָט מען געשקלאַפט ביז 12 אזייגער ביינאכט און ביז די כחות האָבען געלאָזען. אריינקומענדיג דעם צווייטען טאָג אין שאָפּ 4 אזייגער פאַרטאָג האָט דער „סעט" געדאַרפט „פאַרענדיגען" דעם נעכטיגען טאָג ארבייט, וואָס האָט ניט זעלטען געדויערט ביז 12 אזייגער בייטאָג. אזוי פלעגען די שניידער ארבייטען אין „ביזי" צייט זעקס טעג און זעקס נעכט אַ וואָך און נאָך אויסארבייטען דריי און אַ האַלב און העכסטענס פיר טעג ארבייט אַ וואָך. אזוי ווי דעם בעסטען אָפּערייטאָר׳ס שכירות איז דאַן געווען ניט מעהר ווי 18 דאָלאַר אַ וואָך, האָט ער באַקומען

פאר פיר „ציל"־טעג און אמת'ע זעקס מעת־לעת שווערע עבודה נאר 12 דאלאר א וואך. די ארבייטער וואס האבען געקראגען 8 און 10 דאלאר א וואך פלעגען אהיים געהן מיט א „פעי" פון פינף דאלאר א וואך. די שניידער באסעס פלעגען זיך באנוצען מיט דעם, וואס עס איז ניט געווען קיין יוניאן און פלעגען אימער צולייגען מעהר רעק צום טאג ארבייט.

אין יאהר 1883 האט זיך צווישען די אידישע שניידער אנגעפאנגען א באוועגונג צו ארגאניזירען דעם פאך. אנגעפאנגען האבען דיזע באוועגונג די אונגאריש־אידישע שניידער, וועלכע זיינען געווען מייסטענס די גוטע בעלי־מלאכות. זיי האבען געגרינדעט א שניידער יוניאן, וועלכע האט זיך אנגעשלאסען אן די „נייטס אוו לייבאר". די פרעסערס האבען געגרינדעט א באזונדערען לאקאל, א געוויסער מאיבוים איז געווען דער „מאסטער וואירקמען" פון דער שניידער יוניאן, און פון די פרעסערס איז געווען דער מאסטער וואירקמען (טשערמאן) דער פארשטארבענער י ע ק ב ש ע י ן, דער סעקרעטער פון אינדעפענדענט ארדען „ברית אברהם". דיזע יוניאן פון די גוטע ליין שניידער, וועלכע האבען געארבייט שטיק ארבייט, האט עקזיסטירט א לאנגע צייט אונטער דעם נאמען „פראגרעסיוו טיילארס יוניאן", און האט געפיהרט ערפאלגרייכע סטרייקס.

אין אקטאבער 1888, אין זעלבען מאנאט ווען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען זיינען געגרינדעט געווארען, איז גערופען געווארען א מאסענפארזאמלונג צו ארגאניזירען די שניידער ארבייטער פון די ביליגערע ליינס, וועלכע האבען געארבייט ביי דעם „ציל־סיסטעם". דער פיהרער פון יענער באוועגונג איז געווען א געוויסער י ש ר א ל ב א ר ס ק י, וועלכער איז געווען א סאציאליסט און אן אינטעליגענט און דא איז ער געווארען א שניידער ארבייטער. ער פלעגט שרייבען אונטער'ן נאמען „בן עולם" אין דער דאמאלסדיגער „אידישער פאלקס־צייטונג" וועגען די שניידער ארבייטער. ער פלעגט אויך שפילען אין אידישען טעאטער אין שטיקער, וועלכע ער האט אליין פארפאסט. זיין אידעאל איז געווען צו גרינדען א שניידער פאר־

באַנד פון די דרייסיג טויזענט שניידער אַרבייטער וועלכע האָ־בען זיך געפונען אין אַמעריקא. ער פלעגט טענה'ן, אַגיטירען ניט נאָר אין האָלס נאָר אויך אויפ'ן סטריט, באַזונדערס אויפ'ן פּלאַץ, וואָס מען האָט גערופען „חזיר־מאַרק" (דאָס איז געווען אין העס־טער קאָרנער עסעקס סטריט, וואו יעצט געפינט זיך דער „סיואַרד־פּאַרק". דאַן איז נאָך קיין פּאַרק ניט געווען). יעדען שבת ביי־טאָג פלעגען זיך דאָרט פאַרזאַמלען טויזענדער „הענד" שניידערס, בייסטערס, אָפּערייטאָרס, פינישערס, פּרעסערס. די קאָנטראַק־טאָרס פלעגען דאָרט קומען זוכען הענד און סעטס פאַר די „טימס". אָפטמאָל פלעגט עס טרעפען, אַז די פּאָליציי פלעגט מאַכען אַן אָבלאַווע אויף דיזען „מאַרק" און די אָרימע שניידער אַרבייטער פלעגען אַהיים פליהען מיט צובראָכענע ביינער. אָט דאָרט פלעגט באַרסקי אַגיטירען צו זיינע צוהערער, אַז מען דאַרף אָר־גאַניזירען אַ גרויסען פאַרבאַנד פון שניידער־אַרבייטער.

דער ערשטער גרויסער מאַסס־מיטינג האָט שטאַטגעפונדען אין 98 פאָרסייט סטריט, וואו ישראל באַרסקי האָט פאָרגעלעגט זיין פּלאַן פון אַ שניידער־פאַרבאַנד. עס זיינען אויך אויפגע־טראָטען אַלס רעדנער ביי יענעם מיטינג אַב. קאַהאַן, לעוו באַנדעס, מאָרים הילקוויט און דער שרייבער פון דיזע צייל̈ען.

די רעדעס האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף דער גרויסער מאַסע אַנוועזענדע שניידער אַרבייטער און פילע פון זיי האָבען זיך פאַרשריבען צו גרינדען אַ יוניאָן. אָבער אין דער פאַרווירקליכונג פון באַרסקי'ס פּלאַן האָבען ניט פילע געגלויבט, מען האָט געצווייפעלט צי עס וועט געלינגען צו אָרגאַניזירען די דאַן אונוויסענדע שניידער אַרבייטער־מאַסע. ערשט אין מערץ, 1889 איז געגרינדעט געוואָרען די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס". די אָרגאַנייזערס פון דער „בראָדערהוד" זיינען געווען פון דעם ביי־סטערס ברענטש, ישראל באַרסקי און מ. פּערלמאַן,ביידע סאָציאַליסטען. פון אָפּערייטאָר לאָקאַל זיינען געווען אַ געוויסער סאָול דייוויס און אַ גע־וויסער העריסאָן, וועלכער איז נאכהער געוואָרען אַ פאַ־

ליסמאן; פון די פּרעסערס זיינען געווען ב. שוויצער און דער אַלטער סעם ליוויי.

ערשט דעם 12טען אַפּריל, 1891, האָט אין ניו יאָרק שטאַטגעפונדען א קאָנווענשאָן, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען די „יונייטעד גארמענט וואָרקערס אָוו אַמעריקא". דער שניידער־פאַרבאַנד פון אַמעריקא.

די קעמפּע פון די שניידער אַרבייטער געגען ציל־סיסטעם און געגען שטיק־ארבייט זיינען די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיגסטע פּאַסירונגען אין יענער צייט.

11.

דער ערשטער וואַהל־קאַמפּיין פון די ניו יאָרקער אידישע סאָציאַליסטען אין יאָהר 1888.

די ערשטע שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) — אַ סאָציאַליסטישער פּרעזידענשעל־קאַמפּיין אָהן אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. — דער ערשטער סאָציאַליסטישער אָפּען־עיר מיטינג אויף דער איסט־סייד. — ווי אַזוי די פרומע אידען האָבען געקוקט אויף די סאָציאַליסטען און די „אויפנאהמע", וואָס מיר האָבען געקראָגען פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישענס.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) האָט פון איהר גרינדונג אָן, זייט דעם יאָהר 1877, אַנטייל גענומען — אין פאַרשידענע גרויסע שטעדט פון לאַנד — אין פּאָליטישע קאַמ־פּיינס. ביז דעם יאָהר 1888 האָט די ס. ל. פּ. זעלטען אַרויסגע־שטעלט אייגענע קאַנדידאַטען, אָבער יעדעס מאָל פלעגט די ס. ל. פּ. מאַכען „פיוזשאָן", שליסען אַ וואהל אָפּמאַך מיט פאַרשיידענע רעפאָרם־פּאַרטייען. אין 1880, צ. ב. ש., האָט זיך די ס. ל. פּ. פאַר־איינִיגט מיט די זאָגענאַנטע „גרינבעקער" און זיי האָבען געמיינ־שאַפטליך געארבייט פאַר זייער פּרעזידענשעל קאַנדידאַט, ב ע ן ב אָ ט ל ע ר. אין יאָהר 1886 האָבען אין ניו יאָרק די סאָציאַ־ליסטען צוזאַמען מיט די טרייד־יוניאָניסטען, סינגעל־טעקסער און אַנדערע רעפאָרמערס געגרינדעט די זאָגענאַנטע „יונייטעד לײ־באָר פּאַרטיי". דיזע פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט אַלס איהר קאַנ־דידאַט פאַר מעיאָר אין ניו יאָרק דעם סינגעל־טעקסער ה ע נ ר י ד ז ש אָ ר ד ז ש.

אין יאָהר 1888 זיינען די סאָציאַליסטען צום ערשטען מאָל אין ניו יאָרק אַרויסגעטראָטען אונטער זייער אייגענעם נאָמען „סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי" (ס. ל. פּ.)

דאָס איז געשעהן גראדע אין יענעם יאָהר, ווען אין דער פּאַר־טיי איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג, וועלכע האָט פּאַסירט אויף פאָלגענדען אופן:

די סעקציע ניו יאָרק־ס. ל. פּ., וועלכע פלעגט וועהלען די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי, האָט דעם מאָל ארונטער־געוואָרפען די אַלטע נאציאָנאַלע עקזעקוטיווע און האָט אויף איהר אָרט ערוועהלט אַ נייע.

די ארונטערגעוואָרפענע מעמבערס פון דער נאַציאָנאַלער עק־זעקוטיווע פון דער ס. ל. פּ., אונטער דער פיהרערשאַפט פון די דאַמאָלסדיגע פּארטיי רעדאקטאָרען פון דייטשען אָרגאַן „דער סאָ־ציאַליסט" און פון דעם ענגלישען אָרגאַן „דער וואָרקמענס אַד־וואָקאַט", די גענאָסען וו. ר אָ ז ע נ ב ע ר ג און א. ב ו ש ע האָבען געוואָלט דורכפיהרען אין דער פּארטיי אַ נייע טאַקטיק בנוגע די טרייד־יוניאָנס, אַז אָנשטאָט צו „בויערען אין די יוניאָנס פון אינווייניג", זאָל מען גרינדען נייע יוניאָנס. דאָס זעלבע וואָס די „סאָשעליסט טרעיד און לעיבאָר עלאַיענס" האָט מיט זעקס יאָהר שפּעטער דורכגעפיהרט.

ד ע נ י ע ל ד ע ל י אָ ן איז נאָך דאַן געווען אַ סינגעל־טעקסער. דער רעזולטאַט פון דער אָראָפּזעצונג פון יענעם נאַ־ציאָנאַל עקזעקוטיוו קאָמיטעט איז געווען, אַז אין יאָהר 1888, ווען עס האָט געדאַרפט שטאַטפינדען אין שיקאַגאָ אַ פּארטיי־קאָנ־ווענשאָן, איז צוליב דער פּאַסירונג פון איין קאָנווענשאָן געוואָרען צוויי, ווייל ביידע, אי די ניו יאָרקער וועלכע האָט אראָפּגעזעצט די עקזעקוטיוו און אי די אראָפּגעזעצטע עקזעקוטיוו־לייטע, וועלכע האָבען געהאַט נאָכפאָלגער אין פארשיידענע שטעדט פון לאַנד, האָבען אָפּגעהאַלטען אין שיקאַגאָ באַזונדערע קאָנווענשאָנס. די ניו יאָרקער פראַקציע איז געבליבען אַלס ס. ל. פּ. די אראָפּגעזעצטע האָבען ביי זייער קאָנווענשאָן אַ נאָמען געגעבען זייער פּארטיי „די סאָשעל דעמאָקראַטיק פּארטיי" און האָבען געמאַכט זייער היים אין סינסינעטי, אָהייאָ. די גאַנצע צייט איז די פּארטיי געווען באַקאַנט אַלס די סינסינעטער פראַקציע. דיזע פּארטיי האָט עק־זיסטירט ביז דעם יאָהר 1897, ווען זי האָט זיך פארשמאָלצען מיט

דער נייער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. ד. פּ.), וועלכע יודזשין וו. דעבס האָט געגרינדעט אין שיקאַגאָ אין יאָהר 1897. די סינסי־נעטער פראַקציע האָט אין די 9 יאָהר פון איהר עקזיסטענץ גע־ענדערט איהר טאַקטיק בנוגע טרייד־יוניאָנס, ווייל פילע פון די „קעמפּער", וועלכע די ניו יאָרקער פראַקציע פון דער ס. ל. פּ. האָ־בען אָרגאַניזירט, האָבען פאַרלאָזען די סינסינעטער פּאַרטיי. דיזע פראַקציע האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ קליינע צאָהל מיטגלידער.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.), וועלכע האָט אָרגאַניזירט די אַלטע עקזעקוטיווע, האָט אויף איהר קאָנ־ווענשאָן אין שיקאַגאָ אין באַצוג צו דער טרייד־יוניאָן פראַגע אָנ־גענומען די טאַקטיק פון דער ניו יאָרקער סעקציע פון דער פּאַרטיי, וועמעס הויפּט־פיהרער זיינען דאַן געווען ס ע ר ג י י ש ע־ו ו י ט ש און אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר י אָ נ אַ ס, די רעדאַק־טאָרען פון דער „דייטשער פאָלקסצייטונג".

ווען די ניו יאָרקער דעלעגאַטען פון יענער קאָנווענשאָן אין 1888 האָבען זיך צוריקגעקערט אַהיים און האָבען אָפּגעגעבען אַ באַריכט ביי אַ מיטינג פון דער ניו יאָרקער סעקציע ס. ל. פּ., איז אויף יענעם מיטינג באַשלאָסען געוואָרען, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל די פּאַרטיי אַרויסטרעטען אין די פּאָליטישע קאַמ־פּיינס אָפען, אונטער דעם נאָמען „סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַר־טיי". אַלעקסאַנדער יאָנאַס איז איינשטימיג דאַן נאָמינירט גע־וואָרען אַלס קאַנדידאַט פאַר מעיאָר. די באַגייסטערונג ביי יע־נעם מיטינג איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך געדענק עס נאָך עד היום.

אין דער גרויסער היץ איז געגאַנגען שעוויטש אַרויף אויפ'ן פּלאַטפאָרם און האָט ערקלערט, אַז אַזוי ווי דאָס יאָהר קומט אויס אַ פּרעזידענשעל עלעקשאָן און אום אונזערע סימפּאַטייזער זאָלען ניט דאַרפען ספּליטען אונזער טיקעט, זאָל די פּאַרטיי אַרויסשטע־לען אַ פולען טיקעט — אַז מיר האָבען דאָך ניט קיין קאַנדידאַט? דאָס איז ניט וויכטיג.

אָהן נעמען פון קאַנדידאַטען פאַר פּרעזידענט און וויס פּרע־

זידענט איז די ס. ל. פּ. ארויסגעטראָטען אין פּרעזידענשעל קאמ־פּיין מיט א פולען טיקעט.

— פאר וועמען זאָלען מיר אגיטירען אלס פּרעזידענט און וויס־פּרעזידענט? — האָבען פילע געגאָסען געפרעגט.

— אגיטירט פאר די פּרינציפּען און אידעען פון סאָציאַליזם.

ביז דאַן איז די פּארטיי אין ניו יאָרק נאָך ניט געווען אָרגא־ניזירט אין דיסטריקט אָרגאַניזאציעס, ווי עס פאָדערט זיך דאָ פאר א פּאָליטישע פּארטיי, נאָר אין ברענטשעס. די אידישע סאָ-ציאַליסטען האָבען געהאט דעם 8טען ברענטש; דער רוסיש־שפּרע־כענדער איז געווען ברענטש 17; די פּוילישע און אונגארישע ברענטשעס פון דער פּארטיי האָבען דאַן עקזיסטירט אלס שפּראַך־ברענטשעס.

נאָכדעם ווי די פּארטיי האָט אויף א קאָנווענשאָן אין ניו יאָרק באשלאָסען ארויסצושטעלען קאנדידאטען פאר סיטי מעיאָר און אנדערע שטאָדטישע עמטער, האָבען די אידישע סאָציאַליס-טען, וועלכע האָבען דאַן געוואוינט מייסטענס דאון־טאון, אויך באדארפט זיך פּאָליטיש אָרגאַניזירען אין דיסטריקט אָרגאַניזאציעס.

דער 8טער ברענטש פלעגט זיך פארזאמלען אין א האָל אין 101 העסטער סטריט, וואו יעדען פרייטאָג־צו־נאכט פלעגען גע־האַלטען ווערען לעקציעס און פאָרלעזונגען איבער סאָציאַליזם. די מעמבערס פון 8טען ברענטש זיינען געווען כמעט אַלע גרינע, אויך, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, גרויסע קבצנים. דאָס איז געווען א גרויסע שטערונג פאר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, וואָרים ס'איז אימער געווען א מאַנגעל אין געלט. די מאָנאטליכע בייטרעגע פון 20 סענט, וואָס א מעמבער האָט גע־צאָהלט, פלעגען, לויט דער קאָנסטיטושאָן, געהן אין דער קאסע פון צענטראַל קאָמיטעט פון סעקציע ניו יאָרק ס. ל. פּ. עס איז פּשוט ניט געווען קיין געלט ביים 8טען ברענטש צו צאָהלען פאר דעם מיטינג לאָקאַל. מען האָט קוים גע'פּועל'ט, דאָס דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער סעקציע ס. ל. פּ. זאָל יעדע דריי מאָנאט געבען 10 דאָלאר פאר'ן מיטינג לאָקאַל פון 8טען ברענטש.

אין דער צייט, ווען די צענטראַל קאָמיטע האָט גענומען אר־

בייטען פאַר יענעם ערשטען קאַמפּיין, און האָט זיך גענויטיגט אין מזומנים, האָבען זיך די דייטשע גענאָסען גענומען קרימען, ווען מען פלעגט פאַרלאַנגען געלד פאַר׳ן האָל. זיי, די דייטשע גענאָסען, פלעגען קריגען אַ האָל פריי, ווייל זיי פלעגען טרינקען אַ סך ביער און די אידישע גענאָסען זיינען געווען קנאַפּע ביער־טרינקער און ס׳האָט זיי אויך געפעהלט דער ניקעל.

ווען די פראַגע אין דער צענטראַל קאָמיטע איז געווען צו ענדע, האָט מען דאָרט גענומען אָרגאַניזירען די דיסטריקט אָר־גאַניזאַציעס איבער ניו יאָרק. ווען עס איז געקומען צו רייד וועגען אידישען קוואַרטאַל האָט זיך געפאָדערט צו האָבען צוויי דיסטריקט אָרגאַניזאַציעס: דעם 4טען און 8טען אַסעמבלי די־סטריקטען, דאָרטען וואו עס האָבען שוין דאַן געוואוינט אידישע אַרבייטער. די מעמבערס פון 8טען ברענטש האָבען באַריכטעט אַז זיי האָבען זיך שוין איינגעטיילט אין דיזע צוויי דיסטריקט־אָרגאַניזאַציעס. נאָר דאָ איז ווידער אויפגעשוואָומען די אַלטע געשיכטע, דער מאַנגעל אין מאַטעריעלע מיטלען. אָבער דאָס מאָל האָט די צענטראַל קאָמיטע שוין באַוויליגט 8 דאָלאַר. מיט דיזער סומע און נאָך אַ פּאָר דאָלאַר, וואָס די מעמבערס פון ברענטש האָבען צווישען זיך געזאַמעלט, האָט מען אויף דעם צוויי־טען אָווענט געדונגען אַ גרויסען האָל אין 165 איסט בראָדוויי פאַר יעדען פרייטאָג אָווענט. דער האָל פון 165 איסט בראָדוויי איז צו יענער צייט געווען דער פּאָפּולערסטער און גרעסטער אין דעם געגענד.

נאָך אַ פּראָבלעם איז דאַן פאַרבליבען צו לייזען, נעמליך, ווי אַזוי מאַכט מען אַז דער עולם, וועלכער פלעגט דאַן קומען אין 101 העסטער סטריט, זאָל עס וויסען. דערביי איז ווערט צו באַ־מערקען, אַז צו קריגען צוהערער פאַר סאָציאַליסטישע מיטינגען איז דאַן ניט געווען אַזוי לייכט.

דער האָל קיפּער פון 101 העסטער סטריט האָט ניט אריינ־געלאָזען אין האָל, סיידען מען זאָל איהם געבען 10 דאָלאַר, וואָס איהם האָט געקומט פאַר׳ן קוואַרטאַל אין פאָראויס.

דער שרייבער פון דיזע צייל׳ען, זייענדיג דער סעקרעטער פון

ברענטש און אויך דער בראָשורען־פּאַרקויפער, האָט זיך אָוועקגע־שטעלט יענעם אָוונד בײַם אַרײַנגאַנג פון האָל און האָט אָפּגע־וואַרט יעדען אײנעם. ווי נאָר איך האָב דערזעהן אימיצען צוקו־מען צום האָל, האָב איך זיך גלײַך צו איהם געווענדעט מיט די ווערטער: „מיסטער, די סאָציאַליסטען האָבען געמופּט פון דאָ־נען אין אַ גרויסען האָל אין 165 איסט בראָדוויי. געהט אַהין. גענאָסע יאָנאַס לעקטשורט הײַנט דאָרטען".

דעם צווייטען און דריטען פרײַטאָג האָב איך געטאָן דאָס זעלבע. אַזוי האָבען מיר געלאָזט וויסען אונזערע סימפּאַטייזער, וואו מען קען אונז געפינען. מיר האָבען אויך אַדוועטייזט אין דער „אידישער פאָלקסצײַטונג". אָבער אין גאַנצען זיך פאַרלאָזען אויף דער צײַטונג האָבען מיר ניט געקאָנט, ווײַל דעמאָלט האָט ניט יעדערער געלעזען די וועכענטליכע צײַטונג. אונזערע אַגי־טאַציאָנס־מיטינגען אין נײַעם האָל זײַנען געוואָרען מעהר ערפאָלג־רײַך ווי אין אַלטען האָל.

דער פּאָליטישער קאַמפּיין אונזערער האָט שוין אייגענטליך געדאַרפט זײַן אין פולען גאַנג, ווײַל עס איז פאַרבליבען בלויז אַ פּאָר וואָכען צו עלעקשאָן־טאָג. עס איז אונז אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים ביז מיר האָבען געקראָגען גענאָסען סיטיזענס, וועלכע האָבען געמוזט וואוינען אין דיסטריקט, אום אַרויסצושטעלען זיי אַלס קאַנדידאַטען אין דער אַסעמבלי.

מיר האָבען באַשלאָסען אויך אָפּצוהאַלטען אַן אָפּען עיר מיטינג, ווי די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבען עס געטאָן.

איך געדענק פּונקט ווי עס וואָלט ערשט הײַנט געשעהן. עס איז געוועזן אַ פרײַטאָג אָוונט. אַ קאָמיטע פון 8טען דיסטריקט האָט באַשטעלט אַ טראָק, אײַנגעשפּאַנט מיט אַ דאַרען, געלען פערדעל. די גאַנצע קאָמיטע, אַלע קאַנדידאַטען פון די צוויי די־סטריקטען, און אַלע איבעריגע אידישע רעדנער, וואָס מיר האָבען דאַן געקראָגען, האָבען אָנגעפּאַקט דעם וואָגען, אויף וועלכען עס איז געהאַנגען אַ שילד מיט די ווערטער: „8טער אַסעמבלי דיסטריקט סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי. שטימט פאַר די סאָציאַלי־

טישע קאַנדידאַטען". צוויי גענאָסען האָבען געהאַלטען צוויי בלעכענע לעמפּלאַך איןביידע זייטען פון וואָגען.

דעם ערשטען אָפּשטעל האָבען מיר געמאַכט אויפ'ן קאָרנער העסטער און עלען סטריט.

— זייט איהר דער טשערמאַן, — האָט זיך צו מיר געווענדעט גענאָסע ספּעקטאָר, דער דאַמאָלסדיגער קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלימאַן פון 4טען דיסטריקט, ס. ל. פּ.

— אָלל־רייט! — האָב איך זיך אָפּגערופען און דערביי גענומען שרייען אויף אַ הויכען קול בזה הלשון:

„בירגער און ארבייטער!" ווי איך האָב נאָר ארויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער, האָבען אַ פּאָר חברה־לייט פון דער קופּקע מענשען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום טראָק, גענומען שרייען: „אהאַ, די ציציליסטען זיינען דאָ". איינינע אידען מיט בערד, וועלכע זיינען גראָדע אַרויס אין גאַס, האָבען גענומען שרייען: „די מיסיאָנערען זיינען שוין דאָ!" איך וויל דאָ באַמערקען, אַז די פרומע אידען פלעגען דאַן רופען די אידישע סאָציאַליסטען מיסיאָנערען, ווייל מר. שרהזאָנ'ס „אידישע גאַזעטען" פלעגען שטאַרק העצען געגען די סאָציאַליסטען, אַז זיי זיינען ניט פרום, און דערפאַר פלעגען די אונוויסענדע אידען דענקען, אַז די סאָציאַליסטען זיינען מיסיאָנערען.

מילא, דיזע באַמערקונגען האָבען שוין ניט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט. איך האָב ווייטער גערעדט. עס האָט אָבער גענומען פליהען אויף אונז אַ האָגעל מיט שטיינדלאַך. צו ווערען מאַרטירער האָבען די גענאָסען דעמאָלט ניט מורא געהאַט, אָבער דאָ האָט זיך דער פערד פון דעם וואָגען דערשראָקען, און האָט גענומען לויפען. אַלע גענאָסען אויפ'ן וואָגען זיינען איבעררואַשט געוואָרען און האָבען גענומען שרייען צום עקספּרעסמאַן: „פאָהרט צו אַן אַנדער קאָרנער". אַ ברירה האָט מען געהאַט? דער צווייטער אָפּשטעל איז געווען אויפ'ן קאָרנער עסעקס און העסטער סטריט. דאָרטען האָבען מיר נאָך געהאַט אַן ערגערען אָפּשניט ווי אויפ'ן ערשטען קאָרנער, ווייל עס זיינען זיך אַהין אָנגעלאָפען אַ גענג פון די דאַמאָלסדיגע טעמעני פּאָליטישענס, ווי אויך פון די „דזשאַני

אָ'ברייענס אַסאָסיאיישאָן" פון 8טען דיסטריקט, פון די רעפּוב־ ליקאַנער, וועלכע האָבען ניט געקאָנט פּאַרטראָגען צו זעהן, אַז „ציציליסטען" זאָלען האַלטען רעדעס אויפ'ן גאַס. דאָס איז דאַן געווען אַ נייעס. מיר זיינען קוים לעבעדיגע אַוועק מיט'ן עקספּרעס און זיינען אַביסעל ארומגעפאָהרען און דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט אויף ראַטגערס סקווער. דאָרטען האָט גענאָסע קאַהאַן געהאַלטען אַ באַגייסטערטע רעדע און אויך אַלע איבעריגע רעדנער און קאַנ־ דידאַטען האָבען גערעדט. די גענאָסען זיינען אָפּילו אַוועק מיט צייכענס פון די שטיינער, אָבער צופרידען מיט דעם ערפאָלג פון אונזער ערשטען אָפען־עיר אַגיטאַציאָנס פאַרזאַמלונג פאַר דעם סאָציאַליזם.

דער רעזולטאַט פון יענעם ערשטען קאַמפּיין פון דער סאָציאַ־ ליסטישער ארבייטער פּאַרטיי אין ניו יאָרק איז ניט געווען קיין גלענצענדער. גענאָסע אַלעקסאַנדער יאָנאַס, קאַנדידאַט פאַר מע־ יאָר, האָט דאַן געקראָגען קנאַפּע דריי טויזענד שטימען. פאַר אַן אָנפאַנג, פאַר אַ נייער פּאַרטיי, די אָנהענגער פון וועלכער זיינען געווען דאַן בלויז אויסלענדער, איז עס געווען ניט שלעכט. די פּאַרטיי גענאָסען האָבען זיך געפיהלט ענטמוטיגט, ווייל זיי האָ־ בען ערוואַרטעט אַ גרעסערע צאָהל סאָציאַליסטישע שטימען. די קאַנדידאַטען אין די אידישע דיסטריקטען האָבען באַקומען די קלענסטע צאָהל שטימען. אין 4טען דיסטריקט האָט דער קאַנדי־ דאַט פון דער ס. ל. פּ. געקראָגען 46 שטימען און אין 8טען דיסט־ ריקט האָט דער קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלי געקראָגען בלויז 26 שטימען. ס'איז געווען נאַטירליך, ווייל אַלע אָנהענגער פון די סאָציאַליסטען אין אידישען קוואַרטאַל זיינען ניט געווען קיין סיטיזענס. די פאָר וואוטס, וועלכע מען האָט דאַן געקראָגען אין דיזע צוויי דיסטריקטען, זיינען געווען פון אייניגע דייטשע גע־ נאָסען, וועלכע האָבען צו יענער צייט געוואוינט דאָרט, וואו יעצט איז דער אידישער געגענד אין ניו יאָרק.

12.

דער קאמף צווישען די אנארכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראטען און דער אָנפאנג פון דער אידישער אַרבייטער־פרעסע.

„לינקע" און „רעכטע" אין די אַמאָליגע יאָהרען. — די טענות פון די אַנאַרכיסטען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האַלטען אָפּ די „סאָציאַלע רעוואָלוציע". — די „פּאַרטייאישע" און די „פּאַרעווע לאָקשען". — דער פּאַרזוך צו גרינדען אַ בשותפות׳דיגע ארבייטער־צייטונג פון אַנאַר־כיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען. — די באַוועגונג אין באָסטאָן און אין פילאַדעלפיא.

די אַגיטאַציע, וואָס די אידישע סאָציאַליסטען האָבען אין אָנפאַנג פון די 80-גער יאָהרען אָנגעפיהרט צווישען די אידישע אַרבייטער, איז געווען אויסשליסליך אַ מינדליכע. קיין סאָציאַ־ליסטישער פּרעסע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. דער רעזולטאַט פון יענער אַגיטאַציע איז געווען, אַז די אידישע אַרבייטער, וועל־כע האָבען סימפּאַטיזירט מיט דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם, פלע־גען זיך אָנשליסען אָן די פּראָפּאַגאַנדא פאַראיינען און מיטהעלפען צו פיהרען די אויפקלערונגס־אַרבייט צווישען די ברייטע מאַסען אידישע אַרבייטער, וועלכע זיינען דאַן געשטאַנען אויף אַ זעהר ניד־ריגער שטופע פון אנטוויקלונג.

אין יענע צייטען איז געווען זעהר שווער צו קריגען אַ פּוב־ליקום צו אַ מיטינג, און דערפאַר זיינען די גענאָסען, וועלכע פלע־גען זיך אונטערנעהמען צו טראָגען סירקולאַרס צו אַ מיטינג, באַ־טראַכט געוואָרען פאַר וויכטיגע טוער אין דער אַרבייטער־באַוועגונג. אידישע הענדבילס צו אַ מיטינג פלעגט מען טיילען אין אידישען קוואַרטאַל אויף די גאַסען, אין די אידישע רעסטאָראַנען, אין די באַרבער־שעפּער און הויפּטזעכליך אין די טענעמענט־הויי־

זער. מען פלעגט פשוט געהן פון הויז צו הויז, אנקלאפען אין די טירען און דארט וואו מען האט גערעדט אידיש, פלעגט מען אי־בערלאזען א הענדביל, און נאך פערזענליך איינלאדען די אידען צום מיטינג.

די הייניטיגע מוער פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג קענען זיך גאר ניט פארשטעלען ווי שווער עס איז אמאל אנגעקו־מען צוזאמענצורופען אן עולם צו א פארטיי־מיטינג. היינט, אז מען וויל רופען א פערזאמלונג, שטעלט מען אריין א נאטיץ אין צייטונג, און דער אידישער עולם קומט צוגעהן. דאן איז אין ניו יארק געווען נאר איין אידישע צייטונג — די „אידישע גאזעטען". ווי אזוי די דאזיגע צייטונג האט זיך באצויגען צו די אידישע סאציאליסטען און צו זייער קולטורעלער טעטיגקייט קען מען זעהן פון דעם פאלגענדען פאקט:

אין יאהר 1882 האט א גרופע פון אידישע אינטעליגענטען־סאציאליסטען, וואס זיינען נאר־וואס אריבערגעקומען פון רוסלאנד, זיך געקליבען צו רופען א פארזאמלונג אום צו געניסען צום ער־שטען מאל אין זייער לעבען פון דער פרייער רעדע, און אום דורכ־צורעדען זיך וועגען סאציאליזם. דערוויסענדיג זיך אז אין ניו יארק איז דא א אידישע צייטונג, וועלכע ווערט וואהרשיינליך גע־לעזען פון די „געלע" און אויך פון די „גרינע" אידען, איז א קא־מיטע פון די איינבארופער פון יענעם מיטינג אוועקגעגאנגען צו די „אידישע גאזעטען" בעטען מען זאל באקאנט מאכען דעם מאסס־מיטינג פון די אידישע אימיגראנטען, וואו עס וועט גערעדט ווע־רען אין דער רוסישער שפראך וועגען דעם אידעאל פון סאציא־ליזם. ווען דער בעל־הבית פון יענער צייטונג האט געקראגען די געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט די אריבערגעקומענע רוסיש־אי־דישע „ציציליסטען", „מחלל שבת'ניקעס", איז ער ארויפגעפאלען אויף די „גרינע" מיט אזעלכע זידלערייען, אז די קאמיטע איז קוים אנטלאפען פון דארט. דער בעל הבית פון יענע „גאזעטען" איז נאך ניט געווען אינגאנצען צופרידען מיט דעם ברוך־הבא וואס ער האט געגעבען די גרינע „ציציליסטען" ביי זיך אין אפיס, האט ער נאך אפגעדרוקט אין די „גאזעטען" א באריכט פון יענעם

אַגיטאַציאָנס־מיטינג, וועלכער האָט זיך געלעזען אונגעפעהר אַזוי:

„די גאַזעטען" מאַכען אויפמערקזאַם זיינע לעזער, אַז זיי זאָלען וויסען, אַז צווישען די גרויסע צאָהל נייע אידישע אימי־גראַנטען, וועלכע זיינען אַהער ניט לאַנג געקומען, געפינען זיך אַ צאָהל „ניהיליסטען", „ציצילים טען" אָדער פליינער געזאָגט, „מי־סיאָנערען", וועלכע זיינען דאָ אין אַמעריקא. זיי זיינען עס די ערשטע אידען, וואָס האָבען מחלל שבת געווען, אַ פּאַסירונג וואָס האָט געטראָפען אין אַמעריקא צום ערשטען מאָל מיט אידען, אַז זיי זאָלען זיך האָבען פאַרזאַמעלט אום פרייטאָג־צו־נאַכט, דאַן ווען אידען דאַרפען באַגעגנען זייער היילינגען שבת, האָבען זיי גאָר געהאַלטען אַ מיטינג אין 56 אָרטשאַרד סטריט, און דאָרטען זיינען די „משומדים" געזעסען מיט די הוילע קעפּ אָהן היטלען. מענער, ווייבער און יונגע בתולות זיינען געזעסען צוזאַמען, האָבען גע־רעדט אויף „גוי'איש" און אַלע האָבען זיי גערויכערט אום שבת סיגאַרעטלאַך, ימח שמם, די ליפּען און די מיילער זאָל זיי אָפּנעה־מען, ונאמר אָמן!"

מיט אַזאַ מענה־לשון האָבען די אַרויסגעבער פון די „אידי־שע גאַזעטען" באַגעגנט די נייע אידישע קולטור־טרעגער, וועלכע זיינען געווען די ערשטע דאָ אין אַמעריקאַ צו שאַפען אַ אידישע ליטעראַטור און די ריכטיגע אידישע פּרעסע, וואָס מיר זעהען יעצט אין אַמעריקא.

ווי אַזוי די אידישע אַנאַרכיסטען האָבען געוואָלט אַרויסגעבען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אַן „אומפּאַרטייאישע" אַרבייטער צייטונג.

ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל, האָ־בען די אידישע אַנאַרכיסטען די ערשטע צייט פון זייער פּראָפּאַ־גאַנדאַ אין 1887טען יאָהר געהאַט אַ סך סימפּאַטייזער. זייערע אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פלעגען באַזוכט ווערען פון אַ גרויסער צאָהל אידישע אַרבייטער, און אין יאָהר 1889 איז זיי געלונגען אַרויס־צוגעבען אַן אייגענע צייטונג אונטער דעם נאָמען די „וואַרהייט", וועלכע איז געווען אַ ריין־אַנאַרכיסטישע בלאַט. יענע „וואַרהייט"

האָט אָבער עקזיסטירט בלויז 6-7 מאָנאַטען צייט און איז אונטער־געגאַנגען, ווייל איהרע ארויסגעבער, די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּי־אָנירע דער פרייהייט" האָבען ניט געהאַט גענוג געלד־מיטלען דיזע צייטונג אויפצוהאַלטען.

די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען באַלאַנגט צו דעם 8טען בּרענטש סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, האָ־בען דאַן פיל מיטגעארבייט מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען אין דער ארבייט פון גרינדען יוניאָנס אין פאַרשידענע טריידס.

ביי דער גרינדונג פון אידישע יוניאָנס פלעגען זיך גלייך ארויס־צייגען די צוויי ריכטונגען: די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די אַנאַרכיסטען. די גרעסטע צאָהל דעלעגאַטען צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטען. אין פילע יוניאָנס זיינען אָבער אויך געווען אַ מאַסע אַנאַרכיסטען, וועלכע פלעגען אין די יוניאָנס אַטאַ־קירען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די טאַקטיק פון פּאָליטישען קאַמף.

ווי באַוואוסט, האָבען דאַן די אידישע אַנאַרכיסטען ניט שטאַרק געהאַלטען פון טרייד־יוניאָנס, זייער טאַקטיק איז געווען געבויט אויף דעם כּלל, אַז „וואָס ערגער איז בעסער". זיי האָבען באַהויפּטעט, אַז ווען די ארבייטער וועלען קנאַפּ פאַרדינען, וועלען זיי שנעל מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. דאַגעגען האָבען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען גע'טענה'ט, אַז „וואָס בעסער איז בעסער", דאָס מיינט, אַז ווען ארבייטער וועלען בעסער פאַרדינען און אַר־בייטען קירצערע שטונדען, וועלען זיי שנעלער אויפגעקלערט ווע־רען און זיי וועלען האָבען קרעפטען און לוסט אימער מעהר צו קעמפען, סאַי פאַר די טאָג־טעגליכע פאַרבעסערונגען, סאַי פאַר זייער ענדליכער באַפרייאונג פון קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי.

אין אַלע אידישע יוניאָנס פלעגען ביי די מיטינגען פאָר־קומען היציגע דעבאַטען וועגען „אַנאַרכיזמוס" און „סאָציאַליזמוס". אין דיזע דעבאַטען פלעגען זיך באַטייליגען די הויפּט-רעדנער פוןביידע ריכטונגען.

יעצט איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלען, ווי אַזוי עס האָבען דאַן געקאָנט פאָרקומען אַזעלכע פייערדיגע דעבאַטען. דעמאָלט אָבער איז דיזע פראַגע געווען די ברענענדסטע ביי אַלע פאַרזאַמלונגען פון די יוניאָנס און פון דאָרטען פלעגען די דעבאַטען זעהר אָפט אַריבערגעטראָגען ווערען אויף די זיצונגען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

דער נומער 56 אָרטשאַרד סטריט איז געווען זעהר שטאַרק פּאָפּולער צווישען די אידישע אַרבייטער, ווייל יענער מיטינג־האָל פלעגט יעדען פרייטאָג אווענט זיין געפּאַקט מיט אידישע אַרבייטער. צו יענער צייט, ווען צו אַ מיטינג פלעגען קומען 300 באַזוכער, האָט עס געהייסען אַ גרויסער ערפאָלג. די גרעסטע מיטינגען פלעגען דאָרט פאָרקומען, ווען י אָ ה אַ ן מ אָ ס ט, איינער פון די הויפּט־לעהרער פון דעם אַנאַרכיזם־קאָמוניזם פלעגט לעקטשורען (ער האָט גערעדט אין דייטש). די אָרגאַניזאַציעס זייערע פלעגען די אַנאַרכיסטען אָנרופען „גרופּען”. אַזוי האָט די ניו יאָרקער גרופּע פון די אידישע אַנאַרכיסטען זיך גערופען „פּיאָנירע דער פרייהייט”, אין פילאַדעלפיא האָט די גרופּע געהייסען „ריטער דער פרייהייט”. אויסער די גרופּען, האָבען די אידישע אַנאַרכיסטען געהאַט איבעראַל געגרינדעט בילדונגס-פאַראיינען, וואו זיי פלעגען האַלטען פאָרלעזונגען און דיסקוסיאָנען; די אַנאַרכיסטען פלעגען זייערע מיטינגען רופען „פאָלקס” פאַרזאַמלונגען, און ווען זיי פלעגען שיקען אַ קאָמיטע, האָט עס געהייסען, אַז דאָס קאָמיטע קומט פון „פאָלק”. וועמען וואָלט עס יעצט געקענט איינפאַלען, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק שטאַמט פון 56 אָרטשאַרד סטריט?

געוועהנליך איז די פּראָפּאַגאַנדאַ פון די דעמאָלסדיגע אידישע אַנאַרכיסטען געווען זעהר אַ „רעוואָלוציאָנערע”. דער אידישער עולם, וואָס פלעגט קומען צו יענע אַנאַרכיסטישע מיטינגען, פלעגט זיין אונטער דעם איינדרוק, אַז מען שטעהט שוין אויפ׳ן שוועל פון דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע” און די אויסזיכטען זיינען, אַז דער „אַנאַרכיזם-קאָמוניזם” וועט גלייך איינגעפיהרט ווערען. נאָר איין צרה איז דאָ, וואָס איז אַ גרויסע שטערונג דערצו, און דאָס איז, וואָס עס זיינען פאַראַן אַזעלכע מינים באַשעפענישען,

וואָס רופֿען זיך „סאָציאַל־דעמאָקראַטען", וועלכע גלויבען אין דעם פּאָליטישען קאַמף פֿון אַרבייטער־קלאַס, און זיי האַלטען עס צוריק די גאַנצע „סאָציאַלע רעוואָלוציע". איהר קענט זיך שוין פֿאָר־שטעלען, ווי שטאַרק די דעמאָלסדיגע איינפֿאַכע אידישע אַרביי־טער, וואָס פֿלעגען באַזוכען יענע אַנאַרכיסטישע מיטינגען, זיינען געוועזן אויפֿגעבראַכט אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטען מיט זייער „שטים־קעסטעלע".

„פֿאַרוואָס לאָזען די פֿאַרדאַמטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען ניט צו די סאָציאַלע רעוואָלוציע?" — פֿלעגט דער אידישער עולם שרייען ביי די אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פֿון די אידישע אַנאַרכיסטען, צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע פֿלעגען קומען דעבאַטירען מיט זיי. ביי אַזאַ געלעגענהייט פֿלעגען די אַנאַרכיסטישע רעד־נער מיט גרויס „מוט" אָפּזאָגען דאָס „רעוואָלוציאָנערע וואָרט" און יעדען מאָל געבען אַ שטאָך די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אויפֿ'ן זעלבען שטייגער, ווי דאָס טוען איצט די אידישע „קאָמוניסטען".

די דעבאַטען פֿלעגען הויפּטזעכליך פֿאָרקומען אין דער שוירט־מאַכערס יוניאָן, צו וועלכער עס האָבען באַלאַנגט די מערהסטע אינטעליגענטען, די אָנפֿיהרער פֿון די אידישע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס. יעדען פֿרייטאָג אָוונט, ביי די מיטינגען פֿון דער שוירטמאַכער יוניאָן (אין אַ גרויסען האָל אין 125 ריווינגטאָן סטריט), פֿלעגען פֿאָרקומען דעבאַטען צווישען אַב. קאַהאַן און אַנאַרכיסטישע רעדנער. אָבער דעם גרעסטען ער־פֿאָלג פֿלעגט האָבען מ. זאַמעטקין, וועלכער איז דאַן אַליין געוועזן אַ שוירט־מאַכער און אַ מעמבער פֿון דער שוירט־מאַכער יוניאָן. אַזוי שנעל ווי ער פֿלעגט אַרויף אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, פֿלעגט ווערען לעבעדיג, פֿרעהליך, און זיינע אַרגומענטען פֿאַר דעם סאָ־ציאַליזם און נעגען אַנאַרכיזם האָבען וואונדערבאַר געווירקט. ער פֿלעגט רעדען דאָרטען אַ וואָך איבער אַ וואָך, און ווען געגנאָסע קאַהאַן פֿלעגט קומען צו די שוירט־מאַכער, פֿלעגט ווידער ווערען פֿרעהליך. די דעבאַטען פֿלעגען אָנהאַלטען ביז 2 פֿאַרטאָג, ביז דער האָל־קיפּער פֿלעגט אויסלעשען די גאַז (קיין עלעקטרישע באַ־לייכטונג איז נאָך דאַן אין אונזערע איסט־סייד האָלס ניט געוועזן).

לעבעריג פלעגט אויך ווערען ביי די אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פון די אַנאַרכיסטען אין 56 אָרטשאַרד סטריט, ווען געגאָסע מ. זאַמעטקין פלעגט קומען אַ וואָך איבער אַ וואָך צו דעבאַטירען מיט די אַנאַרכיסטען; דאַן פלעגען אַריבערקומען פון איסט בראָדוויי די חסידים פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען אויך געהאַט אַזעלכע אַגיטאַציאָנס־מיטינגען יעדען פרייטאָג צו־נאַכט, אַפריהער אין 101 העסטער סטריט, און נאָכדעם אין 165 איסט בראָדוויי און דאָרט פלעגט עס געהן ביז טאָג, ווייל דער אייגענטימער פון 56 אָרטשאַרד סטריט האָל האָט דאַן אַליין, ווי עס האָט געשיינט, געהאַט דרך ארץ פאַר די אַנאַרכיסטען.

דער רעזולטאַט פון דיזע אַלע דעבאַטען איז געווען, דאָס די זייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט צוגעקראָגען אַלע מאָל מעהר סימפּאַטייזער. די שוואַך־באַזוכטע אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פון דעם 8טען ברענטש ס. ל. פּ. האָבען אָנגעפאַנגען מאַסענהאַפט באַזוכט ווערען. די לעקטשורס פון אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, שע־וויטש, יאָנאַס, הילקוויט און מילער זיינען דאַן געוואָרען די פּאָ־פּולערסטע ביי די אידישע מאַסען, וועלכע האָבען שטאַרק גענומען סימפּאַטיזירען מיט די סאָציאַליסטישע אידעען און ספּעציעל מיט דער טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

אין 1889טען יאָהר האָט עקזיסטירט בלויז איין פּראָגרעסי־ווע אידישע צייטונג, אונטער דעם נאָמען „דער מאָרגען־שטערן", דער אַרויסגעבער פון וועלכער איז געווען געגאָסע מאיר לאָנדאָנ'ס פאָטער. דער רעדאַקטאָר איז געווען ד ר. ב ר ע ס ל א ו (דער פריהערדיגער רעדאַקטאָר פון דער „אידישער פאָלקס־צייטונג").

אויף קריסטמעס פון 1889טען יאָהר האָט די גרופּע „פּיאָ־נירע דער פרייהייט" גערופען אַן אַלגעמיינע קאָנווענשאָן, צו וועל־כער זיי האָבען איינגעלאַדען אַלע אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַ־ציאָנען פון אַמעריקא: אַנאַרכיסטישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, בילדונגס־פאַראיינען און יוניאָנס. אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג פון דער קאָנווענשאָן איז געשטאַנען די פראַגע וועגען אַרויסגעבען אַן „אומפּאַרטייאישע" אַרבייטער־צייטונג פון סאָציאַל־דעמאָקראַ־טען און אַנאַרכיסטען צוזאַמען.

עס איז ווערט צו באמערקען, דאס צו יענער צייט האבען שוין עקזיסטירט אין פארשידענע שטעדט פון לאנד, ווי ניו יארק, פילא־דעלפיא, באלטימאר, ניו הייווען, הארטפארד, ניו בריטיין, שי־קאגא, א. ז. וו. אידישע סעקציעס פון דער סאציאליסטישער אר־בייטער פארטיי, אנארכיסטישע אידישע גרופען, בילדונגס־פאראיי־נען און אויך אידישע יוניאנס, מייסטענס פון נאדעל טריידס. אלע דיזע ארגאניזאציעס, אהן אויסנאהמע, האבען געשיקט דעלע־גאטען צו יענער קאנווענשאן — 32 ארגאניזאציעס זיינען געווען דארטען פארטראטען. די קאנווענשאן איז אפגעהאלטען געווארען אין די קלאב רומס פון די „פיאנירע דער פרייהייט", וועלכע האבען זיך געפונען אין דער גרויסער געביידע פון עסעקס מארקעט, וואו עס איז דאן געווען א קאזארמע פאר סאלדאטען (יעצט געפינט זיך דארט די פאבליק־סקוהל).

יענע קאנווענשאן האט געדויערט גאנצע זעקס טעג און זעקס נעכט. דער האלל, וואו די קאנווענשאן איז אפגעהאלטען געווארען, איז געווען א צימליך גרויסער, וואו עס האבען געקענט אריינקומען איבער 200 מענשען און עס איז געווען געפאקט מיט באזוכער. אום צו קענען וויסען ווער עס זיינען די דעלעגאטען און ווער עס זיינען די געסט, האט מען דעם פלאץ וואו די דעלעגאטען זיינען געזעסען, ארומגענומען ארום און ארום מיט גראבע שטריק, כדי די געסט זאלען זיך ניט אויסמישען מיט די דעלעגאטען. דער רויך פון די סיגארעטען און דער טומעל פון עולם האט ניט געשטערט די „הייסע" רעדעס, וועלכע זיינען ביי יענער קאנווענשאן געהאלטען געווארען.

די אנארכיסטען האבען דאן גוט פארשטאנען, אז זיי אליין וועלען ניט זיין אין שטאנד ארויסצוגעבען און אויפהאלטען אן אייגענע צייטונג. זיי האבען גערעכענט, אז ארויסגעבענדיג א צייטונג צוזאמען מיט די סאציאל־דעמאקראטען, וועט זיי געלינגען צו קריגען אין דער צייטונג די אויבערהאנד און דערמיט געווינען דעם עולם פאר'ן אנארכיזם. דאס קאמישסטע פון אלעם איז געווען, וואס וועלענדיג זיך פאראייניגען מיט די סאציאל־דעמאקראטען אין דער אויסגאבע פון אן „אומפארטייאישער" צייטונג,

האָבען די אַנאַרכיסטען ניט אויפגעהערט זייערע „גוואַלדיגע" אטאַקעס אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. זיי האָבען נאָך אַלץ געשריען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האַלטען צוריק די „סאָציאַלע רעוואָלוציע". רעדנערס האָבען די אידישע אַנאַרכיסטען געהאַט אַ גאַנץ היבשע צאָהל: ר. לואיס, דר. זאָלאָטאַראָוו, מ. גירזשדאַנסקי, ש. יאַנאָווסקי, ש. פּרענער, דר. שטאַהלער, צוויי גאַרדאָנס, צוויי וויינבערגס,ביידע פון פילאַדעלפיא. זיי און פילע אַנדערע אַנאַרכיסטישע רעדנער האָבען גערעדט און נאָך אַלע זייערע אַטאַקעס אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען זיי געשלאָסען זייערע רעדעס, אַז מ'מוז אַרויסגעבען אַן „אומפּאַרטייאישע" צייטונג. סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעדנער זיינען אויך געקומען און זיינען אויך ניט שולדיג געבליבען קיין ענטפערס, אויפווייזענדיג די אַנאַרכיסטען ווי לעכערליך ס'וואָלט געווען אַרויסצוגעבען אַ געמיינשאַפטליכע צייטונג פון ביידע פּאַרטייען, וועלכע וועט אונטער אַזעלכע אומשטענדען ניט קאָנען עקזיסטירען און וועט אויף קיין פאַל קיין נוצען דער אַרבייטער־באַוועגונג ניט ברענגען.

דער אינטערעס אָבער צו יענער קאָנווענשאָן איז געווען אַ גרויסער. די רעדעס און די אַרגומענטען פון די דעבאַטאַנטען זיינען געווען היציגע. דער גרויסער האָלל איז די גאַנצע צייט געווען געפּאַקט מיט מענשען. די זיצונגען האָבען זיך געצויגען בייטאָג און ביינאַכט, מען איז בלויז אַ פּאָר מאָל אין מעת־לעת אַרויס כאַפּען אַ ביס, ווייטער איז מען געזעסען אין האָלל. די דעלעגאַטען זיינען מיד געוואָרען און זיינען אויף די שטוהלען געשלאָפען. אָבער מיט אַמאָל פלעגט ווערען אַ טומעל — דאָס האָט געהייסען אַן אַרגומענט פון אַן אַנאַרכיסט מיט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. עס איז געווען אַ שווערער דזשאַב צו האַלטען אָרדנונג אויף יענער באַריהמטער קאָנווענשאָן. עס זיינען דאָרטען געווען צוויי סאַרדזשענט־עט־אַרמס, אָרדנונג־האַלטער, איינער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אַ צווייטער פון די אַנאַרכיסטען. זיי האָבען געהאַט דעם שווערסטען דזשאַב אויף יענעם „פּאַרטיי־טאָג". דער אָרדנונגס־היטער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען איז געווען אַ יונגער חברה־מאַן, אַ הויכער, מען האָט איהם גערופען דער „לאַנ־

גאַץ״, און מ׳פלעגט פאַר איהם דרך־ארץ האָבען. ער איז געווען אַן אַדעסער און אַלע האָבען געשוויגען, אַז ער האָט געוואָלט. דער אַנאַרכיסטישער אויפּפּאַסער איז געווען אַ קלײנטשיקער, אַ דאַרער, מען האָט איהם גערופען „טוט-פּיק״. מיט זיין חכמה האָט ער געווירקט אויף אַלעמען און מען האָט איהם געפאָלגט. ער האָט זיך אימער באַריהמט, אַז ער קומט פון ווילנע, וואו עס זיינען פאַראַן נאָר חכמים...

אב. קאַהאַן איז צו יענער קאָנוועגשאָן געקומען בלויז אַלס גאַסט, ער האָט זיך אָבער אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די פאַרהאַנדלונגען וועגען דער פראַגע פון ארויסגעבען אַן ארבייטער־צייטונג, אַז ער איז די גאַנצע צייט פון יענער קאָנוועגשאָן ניט אָפּגעטראָטען פון די זיצונגען. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קאַהאַן האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט ארויסצו־געבען אַן ארבייטער־צייטונג. ער איז געוואָרען דער טעטיגסטער מענש און האָט געטאָן אַלע נויטיגע ארבייט אום שנעל צו פאַר־ווירקליכען דעם וואונש צו האָבען אַ קהל׳שע צייטונג פאַר די ארבייטער.

אויף׳ן זעקסטען טאָג פון יענער היסטאָרישער קאָנוועגשאָן איז עס געקומען צו אַ שפּאַלטונג פון ביידע פּאַרטייען. די סאָצי־אַל־דעמאָקראַטען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער קאָנוועגשאָן. מיט זיי זיינען מיטגעגאַנגען אַלע אידישע יוניאָנס.

פון איין קאָנוועגשאָן איז געוואָרען צוויי, און ביידע קאָנ־וועגשאָנס האָבען באַשלאָסען ארויסצוגעבען אייגענע ארבייטער־צייטונגען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די יוניאָנס מיט די פאַראיי־ניגטע אידישע געווערקשאַפטען, וועמען מען האָט גערופען די „פּאַרטייאישע״, האָבען באַשלאָסען ארויסצוגעבען אַ סאָציאַליס־טישע און טרייד־יוניאָניסטישע וועכענטליכע צייטונג אונטער דעם נאָמען די „ארבייטער צייטונג״.

די אַנאַרכיסטישע גרופּען מיט די בילדונגס־פאַראיינען, וועל־כע מען האָט גערופען „פּאַראָווע לאָקשען״, האָבען באַשלאָסען

ארויסצוגעבען אַ וועכענטליכע „אומפּאַרטייאישע" צייטונג, אונ־טער דעם נאָמען די „פרייע ארבייטער שטימע".

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען גלייך אַראָפּגעבראַכט פון לאָנדאָן פיליפּ קראַנצ'ען, אַלס רעדאַקטאָר, און דער ערשטער נומער פון „ארבייטער צייטונג" איז ערשינען אין ניו יאָרק דעם 7טען מערץ, 1890.

„די פרייע ארבייטער שטימע" איז ערשט ערשינען אין מאָ־נאַט יולי, 1890, מיט צוויי רעדאַקטאָרען. אַלס אַנאַרכיסטישען רעדאַקטאָר האָבען זיי ערוועהלט ר. ל ו א י ס, און אַלס סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישען רעדאַקטאָר — י צ ח ק א י י ז י ק ה ו ר־ו ו י ט ש ' ע ן.

מילא, ניו יאָרק איז שוין געווען אַלל־רייט, מען האָט גע־מאַכט אַן ערפאָלג מיט דער אַגיטאַציע פאַר'ן סאָציאַליזם. וואָס איז אָבער געווען מכּה די אַנדערע שטעדט? מען האָט דאָך גע־דאַרפט דאָרטען עפּעס אויך אָנפאַנגען. אמת, עס האָבען זיך אין אַלע גרויסע און קלענערע שטעדט פון לאַנד אָרגאַניזירט סעק־ציעס פון דער „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי". דיזע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען אָבער אין קיין שטאָדט ניט געהאַט קיין אידישע רעדנער, פלעגט די ניו יאָרקער אידישע סעקציע ס. ל. פּ. זיי שיקען רעדנער פון ניו יאָרק.

דער שרייבער פון דיזע צייל̈ען איז געווען דאַן סעקרעטער און אָרגאַנייזער פון דער אידישער סעקציע. איך געדענק נאָך, ווי עס וואָלט געווען נעכטען, ווי די ערשטע שטאָדט אויסער ניו יאָרק, וואו איך האָב געשיקט אַ סאָציאַליסטישען רעדנער, איז געווען ב אָ ס ט אָ ן. דאָס איז געווען אין ענדע פון יאָהר 1889. דאָרט איז געווען אַ אידישע סעקציע ס. ל. פּ., זיי האָבען געוואָלט אַ רעדנער און איך האָב געשיקט גענ. אב. קאַהאַנ'ען. ער האָט דאָרט געהאַלטען אַ סאָציאַליסטישע רעדע און האָט שטאַרק אויס־גענומען ביי די דאָרטיגע אידישע ארבייטער.

פילאַדעלפיא איז דעמאָלט געווען די גרעסטע פעסטונג פון די אידישע אַנאַרכיסטען. זייער גרופּע „ריטער דער פרייהייט" האָט אויך געהאַט אַ סך אידישע רעדנער: ד ר. ש ט א ה ל ע ר,

ה. װײַנבערג, י. גרעץ, נאָך װײַנבערג און דר. גאָרדאָן. די אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פֿון פֿילאַ־דעלפֿיאַ פֿלעגן זײַן שטאַרק באַזוכט און די ניו יאָרקער אַנאַר־כיסטישע רעדנער פֿלעגן דאָרט אויך ריידען יעדע וואָך, מייסטענס זונטאָג בייטאָג. אויך אין פֿילאַדעלפֿיא פֿלעגן די סאָציאַל־דע־מאָקראַטען ביי זייערע אַגיטאַציאָנס־מיטינגען אַרייננכאַפּען אַ פּאַר־ציע דערפֿאַר, וואָס זיי דערלאָזען ניט קומען די „סאָציאַלע רע־וואָלוציע".

די פֿילאַדעלפֿיער אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען אויך געהאַט, ווי שוין געזאָגט, אַ סעקציע פֿון דער ס. ל. פּ. די אָרגאַ־ניזאַציע איז אָבער געווען זעהר אַ שוואַכע. קיין אידישע רעדנער זיינען ניט געווען, פֿלעגן אַהין קומען די ניו יאָרקער אַב. קאַ־האַן, מ. זאַמעטקין, מ. הילקוויט, לואי מילער, ב. זאַלצמאַן און אַנדערע. עס פֿלעגט אויך זיין זעהר פֿרעהליך ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַגיטאַציאָנס־מיטינגען אין פֿילאַדעלפֿיא, ווייל די אידישע אַנאַרכיסטען און זייערע סימפּאַטייזער פֿלעגען אָנפּאַקען די סאָציאַליסטישע מי־טינגען און פֿלעגען דערגעהן די יאָהרען די סאָציאַליסטישע רעד־נער, שטעלענדיג פֿראַגען אין מיטען דער לעקטשור. צוליב דעם פֿלעגען פּאַרקומען סקאַנדאַלען, ווייל די בלינדע אָנהענגער פֿון אַנאַרכיזם פֿלעגען פּרוּווען צושטערען די סאָציאַליסטישע מי־טינגען. עס האָט אָבער אויך ניט גענומען לאַנג ביז, אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פֿון דער „אַרבייטער צייטונג", האָבען די פֿילאַדעלפֿיער סאָציאַל־דעמאָקראַטען אויך געוואונען אַ היבשע צאָהל אָנהענגער און סימפּאַטייזערס פֿאַר דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל, און די אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער אידישער סעקציע ס. ל. פּ. זיינען שוין געוואָרען זעהר ערפֿאָלגרייך. קיינע שטערונ־גען פֿלעגען שוין מעהר ניט פּאַרקומען.

די סאָציאַליסטישע גענאָסען אין פֿילאַדעלפֿיא, דאָס רוב אַר־בייטער פֿון שניידער־טרייד, האָבען זיך גענומען אָרגאַניזירען אי־דישע יוניאָנס אין זייערע פֿאַכען אַרבייט, און וועלענדיג נאָכ־פֿאָלגען די טעטיגקייט פֿון זייערע ניו יאָרקער גענאָסען, האָבען זיי

באַשלאָסען צו גרינדען אַ „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען" אין פילאַדעלפיא. פאַר דעם צוועק איז דאַן געקומען אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון פילאַדעלפיער גענאָסען אין ניו יאָרק פאַר אַ באַראַטונג. אין דער קאָמיטע זיינען געווען צוויי פון די דאַמאָלסדיגע פילאַדעלפיער גענאָסען: טשעמבערליין און גרינבערג. נאָך פילע באַראַטונגען איז באַשטימט געוואָרען צו פאַראייניגען די פילאַדעלפיער אידישע יוניאָנס אין אַ „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, און כדי צו קענען מאַכען אַן ערפאָלג אויף דעם טרייד יוניאָן געביט, און אויך פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, איז מען געקומען צום שלוס, אַז פילאַדעלפיא דאַרף האָבען אַ שטענדיגען גוטען אידישען רעדנער. מיר האָבען באַוואויגען גענאָסע מ. זאַמעטקין, אַז ער זאָל מיט זיין פאַמיליע באַזעצען זיך אין פילאַדעלפיא. דאָס איז געווען אין ענדע פון יאָהר 1890. און אַ דאַנק איהם איז פילאַדעלפיא אין גיכען געוואָרען אַ פעסטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג.

.13

די גרינדונג פון דער „ארבייטער צייטונג" אין מערץ, 1890.

ווי אַזוי מיר האָבען געשאַפען די ערשטע קהל'שע אידישע אַרבייטער־צייטונג אין אַמעריקאַ. — אב. קאַהאַן און יאָזעף באַראָנדעס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די שעפּער פאַרקויפען טיקעטס פאַר די אונטער־נעהמונגען פון דער „ארבייטער־צייטונג". — פיליפּ קראַנץ, דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער „ארבייטער־צייטונג". — די היסטאָרישע נאַכט, ווען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג איז אַרויס פון דרוק.

מיט דער גרינדונג פון דער ערשטער קהל'שער „ארבייטער צייטונג" אין אמעריקא, וואס איז פארגעקומען אין מערץ, 1890, איז אייגענטליך געלייגט געווארען דער ערשטער פעסטער פונדא־מענט פאר דער סאָציאַליסטישער און ארבייטער באוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער פון אמעריקא.

מען דארף ניט פארגעסען, אז די ארימע אידישע מאסען, וואס זיינען געקומען פון רוסלאנד אהער, אין די 80ער יאָהרען, און וועלכע האָבען דאָ, אין דער פרייער אמעריקא, אנגעפילט די ניו יאָרקער סוועט־שעפּער, זיינען דאָ געשטאַנען אויף אַ זעהר נידע־ריגער שטופע פון אַנטוויקלונג. בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון די דאַמאָלסדיגע אידישע אימיגראַנטען האָבען געהאַט בילדונג פון דער היים און דערפאר איז דער נייער געשריבענער ווארט אין דער קהל'שער סאָציאַליסטישער צייטונג געווען זעהר ווערטפול פאר די דאַמאָלסדיגע אידישע אַרבייטער אין אַמעריקאַ. יעדעס וואָרט, וואָס זיי האָבען געלעזען אין יענער „ארבייטער צייטונג" איז ביי זיי גע־ווען הייליג און טייער. די „ארבייטער צייטונג" קלערט אויף דעם עולם, אז מען דארף זיין אָרגאַניזירט אין יוניאָנס, האָבען די אידישע ארבייטער לעזער געפאָלגט. די „ארבייטער צייטונג" שרייבט, אז עלטערען דארפען אַ משכן פארזעצען און געבען זייערע קינדער אַ גוטע בילדונג, טוען עס אַלע אידישע פרעסער, אפּערייטאָרס און

אַנדערע אַרביימער. די „אַרבייטער ציימונג" דרוקט רעגעלמעסיג אַרטיקלען וועגען נאַטור־וויסענשאַפט, ווערען פלוצלונג די בלינדע און אומוויסענדע אָרימע מענשען זעהענדיג און אויפגעקלערט, און זיי שטעהען צו צו די סאָציאַליסטען. די אויפקלערונג פון „זייער ציימונג" מאַכט די אידישע אַרבייטער זאָלען אָנפאַנגען פריי צו דענקען און עס ווירקט. איך פיהל אין מיר ניט די קראַפט איבער־צוגעבען אַלעס וואָס די ערשטע קהל'שע אידישע אַרבייטער פרעסע האָט אויפגעטאָן פאַר די אידישע אַרבייטער בפרט און פאַר אַלע אידען בכלל.

אין דעם קאַפּיטעל וועל איך נאָר דערצעהלען אַ פּאָר עפּיזאָדען פון דער גרינדונג פון דער „אַרבייטער ציימונג".

אויף אַרויסצוגעבען די „אַרבייטער ציימונג" האָבען די סאָציאַליסטען און טרייד יוניאָניסטען געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען „אַרבייטער ציימונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן". די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען אַזוי שנעל ווי די „אַרבייטער ציימונג" איז ערשינען גלייך באַשלאָסען צו אינדאָר־סירען די ציימונג אַלס זייער אָפיציעלען אָרגאַן.

ווען עס איז באַשלאָסען געוואָרען, ביי דער היסטאָרישער קאָנווענשאָן, פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אידישע יוניאָנס זיך אָפּצורייסען פון די אַנאַרכיסטען און ניט אַרויסצוגעבען אין שותפות מיט זיי אַן אומפּאַרטייאישע „פּאַרעווע־לאָקשען"־אַרבייטער־ציימונג, נאָר אַ ריינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און טרייד־יוניאָניסטישע ציימונג האָבען די סאָציאַליסטען קיין געלט פאַר דעם נאָך ניט געהאַט. מען האָט ערשט געדאַרפט קריגען געלט. איין זאַך האָבען מיר יאָ געהאַט, — אַן אויסזיכט צו קריגען אַ רעדאַקטאָר, און דאָס איז געווען געוועזענע פ י ל י פּ ק ר א נ ץ, געוועזענער רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". ער האָט פאַרשפּראָכען צו קומען צו אונז אין פעברואַר פון יענעם יאָהר. די געלט איהם צו ברענגען אַהער האָבען מיר געקליבען צווישען די גענאָסען צו דאָלאַר און האַלבע דאָלאַרס. דער שרייבער פון דיזע צייל'ען איז געווען דער קאַסירער און קאָלעקטאָר פון דיזע פּאָר דאָלאַר, וועלכע האָבען געגעבען אַ מעגליכקייט גענ.

קראנצ'ן צו קומען פון לאנדאן אהער. מיר האבען אבער געדארפט האבען געלט צו קויפען א דרוקעריי פאר דער „ארבייטער צייטונג". צו דינגען א פלאץ פאר דער רעדאקציע און דרוקעריי, צו קויפען פאפיר פאר דער צייטונג און אנדערע נויטיגע זאכען. וואו נעהמט מען אבער דאס געלט? די גענאסען אליין זיינען אלע געווען פראלעטאריער. דער איינציגער פלאץ, וואו מען האט געקענט קריגען א ביסעל געלט איז געווען ביי די יוניאנס, וועלכע זיינען געווען מיט אונז פאר דער צייטונג. האט מען גלייך ביי יענער היסטארישער קאנווענשאן ערוועהלט א קאמיטע פון א גרויסער צאהל מעמבערס אויף צו שאפען געלט. געוועהנליך ווען מען וואלט געדארפט האבען א פאנד פון פופציג טויזענט דאלאר, וואלטען די אידישע ארבייטער קיין מאל נישט געקענט האבען קיין אייגענעם ארבייטער ארגאן. דענסטמאל האט מען אבער באדארפט נישט מעהר ווי א צוויי טויזענט דאלאר; האט מען ערוועהלט א קאמיטע פון אב. קאהאן, יאזעף בעראנדעס, מ. הילקוויט, ל. מילער, א געוויסען אידיש־דייטשען גענאסע קאפענהיים, דעם שרייבער פון דיזע צייל׳ען און נאך איינינע, וועמענס נעמען איך קען זיך ניט דערמאנען.

מען האט זיך צוטיילט אין פארשיידענע קאמיטעס: איין קאמיטע איז געגאנגען פארקויפען טעאטער טיקעטס אין די שעפער, (מען האט גלייך געקויפט א טעאטער בענעפיט אין „רומעניען אפערא הויז", דער דאמאלסדיגער אידישער טעאטער). די אינטערעסאנטסטע טייל פון יענעם עפיזאד איז געווען, וואס די קאמיטע צו פארקויפען די טיקעטס אין שעפער איז באשטאנען פון אב. קאהאן און יאזעף בעראנדעס. געגאנגען איז די קאמיטע אין די איסט-סייד סוועטינג שעפער, וואו עס האבען געארבייט שניידער, קלאוקמאכער, פענטס, ניע־פענטס און שוירטמאכער. זיי זיינען געגאנגען אין די שעפער אויף הענרי, מעדיסאן, מאנראו און די זייטיגע גאסען, וועלכע זיינע געווען געפאקט מיט שעפער. געגאנגען זיינען זיי יעדען טאג פון דער וואך. דער שרייבער פון דיזע צייל׳ען האט די קאמיטע ניט פארגונען, וואס זיי האבען אזא אינ־טערעסאנטע מיסיע, בין איך איין טאג זיי נאכגעגאנגען פון שאפ

צו שאַפ, זיי זיינען אריין אין שאַפ און איך שטעה אין דרויסען; איין מאָל איז די קאָמיטע פון קאהאן און באראַנדעס ארויסגעקומען פון א שאַפ און זיי קריגען זיך. „וואָס איז געשעהן?" — פרעג איך ביי זיי, רופט זיך אָפּ גענאָסע קאהאן: „הערט א געשיכטע, אז אן ארבייטער אין שאַפ וויל ניט קויפען קיין טעאטער טיקעטס, נעמט באראַנדעס און שילט איהם גאָר. אָבער אלץ הייסט קללות. מילא, מיר האָבען געמאכט אן אסיפה פון גענאָסען, וועלכע איך האָב צוזאמענגעפיהרט גלייך אויפ'ן שטעל און מען האָט געמאכט שלום צווישען די צוויי קאָמיטע לייט. און, וואָס דענקט איהר, איז געווען דער רעזולטאט? דער בענעפיט האָט אונז אריינגע־בראכט ביז 400 דאָלאר, א גוואלדיגע סומע פאר יענע צייטען. עס איז געווען באלד א דריטעל פון קאפיטאל, מיט וועלכען מיר האָבען אָנגעפאנגען ארויסצוגעבען די „ארבייטער צייטונג".

די הויפט סומע פון אונזער קאפיטאל, מיט וועלכען מיר האָבען געשאַפען די צייטונג האָט מען אונז געגעבען אין די דייטשע ארבייטער יוניאָנס. ווי איך האָב שוין געשריבען, זיינען די יוניאָנס פון די דייטשע ארבייטער מיט 30 יאָהר צוריק געווען זעהר שטארק און די פיהרער זייערע זיינען געווען אלע סאָציאליסטען. דייטש האָבען מיר, אלע אידישע גענאָסען, דאָך גערעדט ווי א וואסער... דאָך האָט מען אונז ניט פארשטאַנען קיין ווארט. האָבען מיר גע־שיקט דעם דייטש־אידישען גענאָסע קאַפּענהיים, וועלכער האָט גע־רעדט דעם ריכטיגען דייטשען לשון און דעם שרייבער פון דיזע צייל‏ען, וועלכער האָט געוואוסט, וואו די דייטשע יוניאָנס פארזאמ־לען זיך, און האָט זיך געקענט מיט די פיהרער פון יענע יוניאָנס. נו, זיינען מיר ביידע געגאנגען. מיר זיינען אריין צו די דייטשע בריקלייער יוניאָן, געג. קאַפּענהיים גיט זיי אַ דייטשע רעדע, און מען באשליסט צו געבען א פופציגער; מיר געהען ווייטער, מען גיט געלט! די דייטשע גענאָסען האָבען געוואָלט, אז מיר זאָלען האָבען א אידישע ארבייטער צייטונג. אין פינף וואָכען צייט האָט מען געזאמעלט אין די דייטשע און אין איינינע ענגלישע יוניאָנס איבער א טויזענט דאָלאר קעש פאר דער „ארבייטער צייטונג". עס זיינען געגאנגען נאָך גענאָסען פון דער קאָמיטע צו דיזע דייטשע

יוניאָנס. אויך ביי אונזערע אידישע יוניאָנס האָט מען גענעבען געלט און אין זעקס וואָכען צייט האָבען מיר געהאַט ביז צוויי טויזענט דאָלאר קעש.

ווי שוין געזאָגט, איז גלייך ווי מען האָט נאָר באשלאָסען ארויסצוגעבען א וועכענטליכע ארבייטער ציימונג, באשטימט גע־וואָרען איינצולאַדען גענאָסע פיליפּ קראַנץ אלס רעדאקטאָר פון דער צייטונג. קראַנץ איז אונז געווען גוט באקאַנט פון דעם לאָנ־דאָנער „ארבייטער פריינד", וועלכען ער האָט דאַמאָלסט רעדאק־טירט.

אויף מיין מזל איז מיר אויסגעקומען צו שיקען נאָך גענאָסע פיליפּ קראַנץ, ער זאָל קומען גלייך צו אונז, צו ווערען דער רעדאַק טאָר פון דער „ארבייטער צייטונג". עס האָט גענומען בלויז איין מאָנאַט. דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון מאָנאַט פעברואר, 1890, ווען מיר האָבען ערהאַלטען א טעלעגראַמע, אז ער איז דאָ. ס'האָט מיר ניט גענומען לאַנג און איך בין שוין אין „קעסטל־גאַרדען" און איך שטעה שוין לעבען גענ. קראַנץ. איך האָב איהם גלייך דער־קענט, פון דעם ווי לאָנדאָנער גענאָסען האָבען מיר איהם אפּגע־מאָהלט. איך האָב פאר זיך דערזעהן א שעהנעם יונגען, הויכען מאַן, ניט זעהר רייך אבער עלעגאַנט געקליידעט, מיט א ווייכע פעדאָרא העט.

מיר האָבען זיך באַגריסט.

איך, אַן אמת'ער „רענק און פיילער", א פּראָסטער חי וקים, א שאָפּ מענש; ער, א געבילדעטער מאַן. אָבער איך זעה ער איז איינפאַך, ער איז א סאָציאַליסט, ער מאַכט אויף מיר א וואונ־דערבארען איינדרוק, איך קלעפּ זיך צו צו איהם.

— ווייסט איהר, גענאָסע קראַנץ, אז עס איז נאָך פארבליבען בלויז דרייסיג טעג ביז אונזער „ארבייטער צייטונג" דארף זעהן די ליכטיגע שיין, — זאָג איך.

— האָט איהר שוין א דרוקעריי? — פרעגט קראַנץ.

— מען זאָגט, אז איהר קענט איינאָרדנען א דרוקעריי — זאָג איך צו קראַנצ'ען.

— האָט איהר געלד? — פרעגט קראַנץ.

— „פלענטי“ — ענטפער איך.

מיר געהען אַרויס פון קעסטל־גאַרדען. איך צייג איהם אַבי־סעל פון אונזער ניו יאָרק, און מיר זעצען זיך אויף אַ צווייטע עוועניו עלעוויימעד, און מיר פאָהרען אַריין אין עלען סטריט, קאָר־נער גרענד, און מיר „וואַקען“ ביז מיר קומען צו קלינטאָן סטריט. אויפ׳ן וועג באַגעגענען מיר אַ פּאָר גענאָסען, וועלכע זיינען אַרונ־טער פון די שעפּער עסען מיטאָג. ס׳איז געווען מיטאָג־צייט. איך שטעל זיי פּאָר, זיי פרעהען זיך, זיי האָבען שוין זייער רעדאַקטאָר.

מיר געהען ווייטער, אַלץ אין די שאָפּ דיסטריקטען, פון די אַמאָליגע סוועט שעפּער פון דער איסט סייד.

פילע אַרבייטער האָבען שוין געוואוסט אַז קראַנץ קומט. קיין צייטונג האָבען מיר נאָך ניט געהאַט, אַבער הענדבילס האָ־בען מיר אַלע געטיילט, און באַקענט געמאַכט אַז מיר געהען אַרויס־געבען אַ צייטונג און אַז אונזער רעדאַקטאָר וועט זיין פיליפּ קראַנץ. מיר האָבען עס באַקאַנט געמאַכט אויף אַלע סאָציאַליס־טישע מיטינגען, ביי אַלע יוניאָן מיטינגען, אין אַלע קאַפע־סאַלונס און וואו איהר ווילט נאָר.

מיר געהען אַזוי אויף קלינטאָן סטריט. עס קומען אָן גענאָ־סע קאַהאַן מיט באַראָנדעסען, די קאָמיטע צו פאַרקויפען טעאַ־טער טיקעטס. איך שטעל זיי פּאָר גענאָסע קראַנצ׳ן, און עס ווערט היימליך. מיר געהען אַריין אין אונזער דאַמאַלסדיגער „קיבע־צאַרניע“ אויף ברום סטריט. אהין זיינען שוין אָנגעלאָפען אַלע גענאָסען, און — פרעגט שוין גאָר ניט, עס איז געווען ליהודים! מען האָט געמאַכט אַ סעודה, מען האָט געגעסען, געטרונקען און פאַרבראַכט.

דעם זעלבען אָבענד האָבען מיר גענומען קראַנצ׳ען און איהם געפיהרט אויף אַלע מיטינגען. דער עולם פרעהט זיך, קיין רעד־נער איז ער ניט, אָבער שרייבען, ווייסען מיר, קען ער. מיר האָ־בען איהם געלעזען אין „אַרבייטער פריינד“.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָבען מיר זיך ביידע, איך און קראַנץ, איינגעשפּאַנט. מיר האָבען גלייך געדונגען אַ „סטופּ“ אויף הענ־רי סטריט, נומער 31, פאַר אַ רעדאַקציע און דרוקעריי פאַר אונ־

זער צײַטונג. דער אָפּיס איז באַשטאַנען בלויז פון צוויי גרויסע צימערען. מיר זײַנען אַוועק אין די שריפט־גיסערייען און האָבען באַשטעלט אַלע נויטיגע שריפטען (דעמאָלט זײַנען נאָך ניט געווען קיין זעץ־מאַשינען). עס איז געווען אַ שווערע אַרבייט אַרויסצוקריגען אין צייט די שריפט, ווייל די שעהנע סאָרטען אידישע שריפט זײַנען ניט געווען קיין פּאַרטיגע. מיר האָבען געוואָלט האַלטען אונזער וואָרט, אַרויסצוגעבען די צײַטונג אין דעם אַנאָנסירטען טאָג, האָב איך מיט גענאָסע קראַנץ'ען באַשלאָסען, אַז מיר מוזען האָבען די שריפט אין צייט. מיר פלעגען יעדען טאָג אין דער פריה אַוועקגעהן אין דער שריפט־גיסערײַ און זיצען דאָרט ביז מען האָט אונז געגעבען אַביסעל שריפט. דאָס איז געווען אויף טשעמבערס סטריט. עס איז מיר ניט געווען ווייט צו לויפען מיט די שריפט און ברענגען עס אין אונזער היים, אויף הענרי סטריט. און אַזוי האָבען מיר אין צוויי און אַ האַלב וואָכען צוזאַמענגעטראָגען דעם גאַנצען שריפט. מיר זײַנען אַרומגעלאָפען אָפּצוקויפען אַלטע שריפט־קאַסטענס, ווייל קראַנץ האָט אויסגערעכענט, אַז מיר האָבען ניט צופיל געלד, מיר מוזען לאָזען אַביסעל געלד, אויף אַרויסצוגעבען די צײַטונג. דעם 21טען פעברואַר, 1890, האָבען מיר שוין געהאַט אײַנגעאָרדענט די גאַנצע דרוקערײַ און אויך אַ קליינע פּוס־פּרעס צו דרוקען הענדבילס און באַלטיקעטס אויף אָנצוהאַלטען די צײַטונג.

גאַנצע נעכט זײַנען אַלע גענאָסען, די שרײַבער, די רעדנער, און די „רענק און פאַילערס”, געגאַנגען פון יוניאָן צו יוניאָן, צו אידישע, דײַטשע, ענגלישע און וואו מען האָט נאָר געקאָנט ערוואַרטען צו קריגען געלד פאַר אונזער צײַטונג. מיר האָבען מיטגענומען מיט זיך גענאָסע קראַנץ, איהם פאָרצושטעלען אַלס אונזער רעדאַקטאָר.

די לעצטע טעג פון פעברואַר האָט אונזער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבײַטער צײַטונג” גענומען צוזאַמענשטעלען אַרטיקלען פאַר'ן ערשטען נומער. גענאָסע קראַנץ לעזט פאַר אונזער ליטעראַרישען שטאַף דעם פּראָגראַם פון אונזער אַרבײַטער צײַטונג. ער לעזט דאָס אין דער הויך, און מיר, די פּראָסטע „רענק און פאַילערס”,

זיצען אויך דאביי און הערען זיך צו. מיר הערען ווייטער: מען לעזט דעם פּראָגראם פון אונזער צייטונג, נאָך אַ סאָציאַליסטישען אַרטיקעל. מיר, די טעטיגע „רענק און פאַילערס", זיינען מלא שמחה. יעדער איינער פון אונז טראַכט זיך: ווי דערלעבט מען שוין צו זעהן די ארבייטער צייטונג אַ געדרוקטע מיט די אלע אר־טיקלען?

מען האָט גענומען ארבייטען בייטאָג און ביינאכט; אונזערע יוניאָן שריפטזעצער האָבען געזעצט, מען האָט געלעזען די קארעקטור און ענדליך, דאָנערשטאָג פאַרנאַכט, דעם 6טען מערץ, זיינען די פיידזשעס מיט'ן זאַץ געשלאָסען געווארען. דעם טאָג איז אויס־געפאלען אַ גרויסער שניי. מיר, די „רענק און פיילערס", האָבען געבראכט אַן עקספּרעס און מען האָט ארויפגעלעגט די פאַרמעס מיט'ן זאַץ פון אונזער „אַרבייטער צייטונג" און מיר האָבען עס אוועקגעפיהרט אין דער דרוקעריי. דאָס איז געווען אין דער „פאָלים גאַזעט" אונטער דעם אַלטען ברוקלין ברידזש. אַלע שרייבער און אַ סך גענאָסען זיינען אוועק אין דער דרוקעריי און מיר האָבען אלע גענומען ווארטען ביז מען וועט אונזער ערשטע צייטונג נעמען דרוקען.

עס האָט גענומען לאנג. ענדליך, ארום צוויי אזייגער ביינאכט, האָט מען אריינגענומען אין פּרעס אונזער „ארבייטער צייטונג" און אין אַ האַלבער שעה ארום האָבען מיר דערזעהן אַ „לעבעדיגע" אָפּגעדרוקטע צייטונג. מיר האָבען גענומען לעזען, קוועלען און קוקען אויף אונזער ערשטער „ארבייטער צייטונג" ביז עס האָט גענומען טאָגען.

אַלע „אַרבייטער צייטונגען" זיינען שוין אָפּגעדרוקט. מיר כאַפּען צייטונגען און לויפען פעדלען. דעמאָלט זיינען נאָך כמעט ניט געווען קיין אידישע „ניוס-באָיעם" ווי היינט. אזוי האָבען מיר געפּעדעלט אַ גאַנצען טאָג, און פרייטאָג צו נאַכט ביי די פילע מיטינגען. מיר האָבען גענומען צייטונגען אין אונזער רעדאקציע, מיר האָבען „געמאכט די מעיל", געשיקט אונזער „ארבייטער צייטונג" צו די אַגענטען, צו אַלע סובסקרייבער אין אַלע שטעדט פון לאנד, צוטראגען אונזערע צייטונגען צו די „סטענדס".

אום צו געבען דעם לעזער א באגריף װעגען דעם, װי גרויס עס איז דאן געװען דער ענטוזיאזם פון די גענאָסען, װעל איך בלויז זאָגען, אז פילע יונגע לײט, אַנשטאָט צו זוכען דערגרײכען א קאריערע, אַנצופילען די קאלעדזשעס און „פריפערעטאָרי סקולס", אָדער צו געהן אין ביזנעס, האָבען פארקעהרט, אװעקגעשמיסען זײער ארבײט, און האָבען אפּגעגעבען זײער גאנצע פרײע צײט פאר דער ארבײטער־באװעגונג. ארבײט, איז װי איצט, געװען איבער געננוג. מען האָט געפּלאַנעװעט, גערופען מאסמיטינגען, ארגאניזירט יוניאָנס, געפיהרט סטרײקס, געפּעדעלט מיט בראָשורען, געלערענט דעם סאָציאַליזם און געארבײט ערנסט, מיט א טיפער איבערגע־בענהײט, װי אמאָל אין רוסלאנד. אויב מען װאָלט געװאָלט יאָ געפינען אן אונטערשײד, װאָלט מען קײן אנדערען ניט געפונען אויסער פאָלגענדען: װעהרענד אין רוסלאנד האָבען פילע גענאָסען געלעבט אויפ'ן רעכענונג פון דער באװעגונג, האָבען דאָ, אין אמעריקא, די גענאָסען ניט געריהרט קײן סענט פון דער באװעגונג. אַ פּאָר דאָלאר צו פארדינען, אויב מען שעמט זיך נאָר ניט, פון אַבי װאס פאר אן ארבײט, איז אין אמעריקא געװען לײכטער, װי ס'איז געװען אין רוסלאנד. און די גענאָסען האָבען דארום גערע־כענט, אז עס איז ניט רעכט צו נעמען געלט פון דער באװעגונג. אין יענע צײטען זײנען נאָך געװען װײניג באַצאָהלטע עמטער, און װען אײנער איז געװען געצװאונגען אפּצוגעבען זײן גאנצע צײט פאר דער באװעגונג, האָט ער געקראגען, װי דער ערשטער רעדאקטאָר פון דער „ארבײטער צײטונג", װעמען מען האָט אימ־פּאָרטירט פון ענגלאנד, גאנצע זיבען דאָלאר א װאָך. גענאָסע מאָריס הילקװיט, דער ערשטער געשעפטס־פארװאלטער פון דער „ארבײטער צײטונג", האָט אויך געקראגען זיבען דאָלאר א װאָך. דער סעקרעטאר פון די פאראײניגטע אידישע געװערקשאפטען, האָט פאר זײן באשעפטיגט גאנצע טעג און גאנצע נעכט, געקראגען זעקס דאָלאר אַ װאָך, און די שכירות פלעגט ער קריגען אײן מאָל אין 6 חדשים, װײל עס איז ניט געװען קײן מזומנים. אב. קאהאן, װעלכער איז געװען דער הויפּט־מיטארבײטער פון דער „ארבײטער צײטונג" און האָט געשריבען אַ פיר־פינף ארטיקלען א װאָך, האָט

איינגאַנצען געאַרבייט אָהן געצאָהלט. א געוויסע צאָהל געגאָסען פלעגען אַרבייטען א שטיקעל צייט, אָפּשפּאָרען א פּאָר דאָלאַר, כדי צו קענען א געוויסע צייט לעבען אָהן דעם שאָפּ און אַרבייטען אין גאַנצען פאַר דער באַוועגונג. זעהר אָפט האָבען געגאָסען פּראָסט געהונגערט, ניט געהאַט וואו צו שלאָפען, דאָך איז זיי די אַרבייט געווען טייער, דער לעבען אַזוי אנגענעם, דאָס קיין קרבן איז פאַר זיי ניט געווען צו שווער, אום צו זיין טעטיג אין דער באַליבטער אַרבייטער-באַוועגונג.

די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דער „אַרבייטער צייטונג" מיט די קלאָרע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, האָט אַריינגעבראַכט ליכט אין די מוחות פון די אידישע אַרבייטער, נים די אַרטיקלען אַליין, נאָר אויך די טעטיגקייט פון די אידישע סאָציאַליסטען צו גרינדען יוניאָנס פון אידישע אַרבייטער און זיי פאַראייניגען אין א צענטראַלער קערפּערשאַפט — די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען", וועלכע האָט אָנגעפיהרט אַלע סטרייקס פון די אידישע אַרבייטער און האָט זיי געהאָלפען צו געווינען זייערע סטרייקס. אָט די אַלע פאַסירונגען האָבען אַלץ געוואונען מעהר אָנהענגער צווישען די אידישע אַרבייטער פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. דאַן פלעגען שוין די רעדנער פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען איבעראַל אויפגענומען ווערען מיט פיל איני־טערעס. דער ענטוזיאַזם פאַר'ן סאָציאַליזם איז געוואָרען וואס ווייטער אַלץ שטאַרקער ביי די אידישע אַרבייטער. ביי א מיטינג, וואו עס פלעגען ריידען די סאָציאַליסטישע רעדנער, אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, מ. הילקוויט, לואי מילער, אַלעקסאַנדער יאָנאַס און אַנדערע, פלעגען די האָלס סיי די קלענערע, סיי די גרעסערע, ווי קופּער יוניאָן, זיין געפּאַקט מיט מענשען. דער גרעסטער מיטינג פון אידישע אַרבייטער, וואָס איך געדענק פון דאַן, איז געווען אין מערץ, 1891, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער ערשטער יאהרעס־פעסט פון דער „אַרבייטער צייטונג" אין קופּער יוניאָן. טויזענטער אַרבייטער זיינען געקומען צום האָל, עס איז געווען פרייער איינ־טריט. פילע האָבען אבער געמוזט אַוועקגעהן, ווייל דער קופּער יוניאָן האָל האָט ניט געקענט אַלעמען אַריינגעמען.

.14

די צוויי גרויסע סטרייקס פון אידישע ארבייטער אין יאהר 1890.

דער סטרייק פון די 900 ניע פּענטס מאַכער און דער ערשטער גענעראַל סטרייק פון די קלאָוקמאַכער. — ווי אַזוי די ערשטע קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען. — יאָזעף באַראָנדעס און די קלאָוקמאַכער. — באַראָנדעס'עס אַרעסט און זיין פּראָצעס.

די געשיכטע פון דער ני פּענטס מאכער יוניאָן.

פון אַלע וויכטיגסטע און פּיקאַנטע סטרייקס פון אידישע ארבייטער, וועלכע האָבען שטאַטגעפונדען אין יאָהר 1890, איז דער אינטערעסאַנטסטער און כאַראַקטעריסטישסטער געווען דער ני־פּענטס מאַכער סטרייק.

ניין הונדערט ניע־פּענטס מייקערס זיינען אַרויס אין אַן אַלגעמיינעם סטרייק מיט די פאָדערונגען, אַז די באָסעס און די קאָנטראַקטאָרען זאָלען געבען מאַשינען צו דער ארבייט. ביז דאַן האָט יעדער ניע-פּענטס מאַכער געדאַרפט מיטברייגנען צו דער ארבייט אַ חוץ זיינע אייגענע... פּיס און הענט, אויך זיין אייגענע „קאַטערינקע" (דאָס מיינט אַ נייה־מאַשין), מיט נאָדלען, פאָדים, א. ז. וו. געארבייט האָט מען אין סוועטינג שעפּער ביי קליינע קאָנטראַקטאָרלאַך, וועלכע פלעגען ארויסנעהמען די אַר־בייט ביי גרויסע קליידער פאַבריקאַנטען. כמעט יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג איז דער דאָזיגער אפּערייטאָר געווען געצוואונ־גען צו בייטען זיין באָס, און דאַן האָט דער אפּערייטאָר געדאַרפט נעהמען זיין „קאַטערינקע" און איהר טראָגען אויף די פּלייצעס פון איין באָס צום צווייטען. האָט זיך עס די ארבייטער שרעקליך צוגעגעסען. און אום צו מאַכען אַ סוף צו דעם, זיינען

זיי אַרויס אין סטרייק. מען האָט דאַן אָרגאַניזירט אַ „סטרייק קאָמיטע" פון די טיכטיגסטע מעמבערס פון דער יוניאָן. די פאַר־איייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט פון איהרע דעלעגאַטען ערוועהלט אַ הילפס סטרייק־קאָמיטע פון די ברידער מ. און א. הילקוויט, ל. מילער, מ. זאַמעטקין און דעם שרייבער פון דיזע ציילען.

די הויפּט־קוואַרטיר פון סטרייק איז געווען אין קעלער פון 165 איסט בראָדוויי. מען האָט גלייך אַראַנזשירט אַ גרויסע דע־מאָנסטראַציע אין מיטען טאָג, אין וועלכער עס האָבען זיך באַ־טייליגט אַלע 900 ניע־פּענטס מאַכער, אויסער אַרבייטער פון אַנ־דערע פאַכען, וועלכע האָבען דאַן געסטרייקט, און מען האָט דורכ־געמאַרשירט אַלע סטריטען פון דער אידישער געגענד. די אויפ־שריפטען זיינען געווען זעהר שטאַרקע און ווירקענדע. די מאַר־שירענדע אַרבייטער זיינען פון אַלעמען ווארים באַגריסט געוואָרען.

די ניע־פּענטס קאָנטראַקטאָרען, וועלכע זיינען אַליין ניט געווען קיין גרויסע גבירים, האָבען נאָך דער ערשטער וואָך פון סטרייק גענומען סעטלען. ביי די סעטעלמענטס זיינען פאָר־געקומען טראַגי־קאָמישע סצענעס. אין גאַנצען זיינען געווען אַריבער הונדערט באָסעס, ביי וועלכע די אַרבייטער האָבען דאַן געסטרייקט. די באָסעס זיינען געקומען אויף אַמאָל. מען פלעגט זיי אַריינלאָזען צו דער סטרייק־קאָמיטע איינציגווייז, און ווען דער באַלעבאָס פלעגט איינווילינגען אונטערצושרייבען דעם יוניאָן־אַגרימענט, פלעגען זיי, די אָרימע באָסעס, זייענדיג עם־הארצים, פיל שוויצען, ביז זיי האָבען אונטערגעשריבען דעם פּאַפּיר.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה:

ווען די סטרייק־קאָמיטע האָט געהאַלטען אין מיטען פאַר־האַנדלען מיט אַ באָס, איז אַריינגעקומען אַ מיידעל אַן אַפּרייטערקע און האָט זיך געווענדעט צו דער סטרייק־קאָמיטע בזה הלשון:

„פּליעז, ברידער פון סטרייק־קאָמיטע, לאָזט מיין באָס ניט אונטערשרייבען דעם אַגרימענט, ביז ער וועט אויך ניט אונטער־שרייבען, אַז די מיסעס זאָל מיך ניט שלאָגען מיט'ן בעזים".

עס זיינען געווען זעהר פילע עהנליכע אַזעלכע פאָדערונגען,

וועלכע האָבען געצייגט, אין וואָס פאַר א טרויעריגער לאַגע די
אַרבייטער פון יענעם טרייד און פון אַלע אַנדערע טריידס האָבען
זיך דאַן געפונען. די באָסעס זיינען אָבער דאַן געווען געצוואונגען
איינציגוויז נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון זייערע אַרבייטער.
בלויז א קליינע צאָהל פון די ניע־פענטס שעפּער זיינען פאַר־
בליבען אַלס סקעב־שעפּער. עס איז דערביי וויכטיג צו באַמער־
קען, אַז די רייכע מאַנופעקטשורערס פון קליידער האָבען די גאַנצע
אַרבייט פון קינדער־העיזקעס אַרויסגעגעבען צו קאָנטראַקטאָרס
אין סוועט־שעפּער, און אינסייד, אין די ווערהייזער, פלעגט נאָר
די וואַרע געשניטען ווערען. די סוועט־שעפּער פלעגען אויך זיין
די פלעצער, וואו די באָסעלאָך מיט זייערע פאַמיליעס האָבען גע־
וואוינט. אייניגע אַפּרייטאָרס פלעגען דאָרטען אויך זיין באָרדערס,
און זיי האָבען געגעסען און געשלאָפען אין די זעלבע שעפּער,
וואו מען פלעגט גאַנצע טעג און נעכט מאַכען די העיזקעס.

ווען דיזער סטרייק איז געווען צו ענדע, איז די ניע־פענטס
מייקערס יוניאָן געוואָרען שטאַרק. די אַרבייטער האָבען אויפ־
געלעבט. זיי האָבען ניט געדאַרפט שלעפּען אויף זייערע פּלייצעס
אַלע מאָל די מאַשינען. עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און די
ניע־פענטס מאַכער האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז מאַשינען גיבען
שוין די באָסעס, אָבער די פּרייזען פאַר מאַכען א דאָזען העיזקעס
זיינען זעהר קליין און אַז מען קאָן פאַרדינען בלויז 6—7 דאָלער
א וואָך. געאַרבייט האָט מען שטיק־אַרבייט. דער רעזולטאַט איז
געווען, אַז מיט 4 מאָנאַטען שפּעטער, אין מאָנאַט יולי, 1890,
האָט אויסגעבראָכען ביי די ניע־פענטס מאַכער א צווייטער דזשע־
נעראַל סטרייק. דער סטרייק איז שוין געווען פאַר גרעסערע
פּרייזען.

עס זיינען אַרויס אין סטרייק איבער א טויזענט אַרבייטער.
דער קאַמף איז דיזען מאָל געווען א שווערער, ווייל די ניע־פענטס
מאַכער האָבען געוואָלט אָפּשטאָפּען די יוניאָן־ און ניט־יוניאָן־
שעפּער, און עס איז געווען שווער אַרונטערצונעמען די אַרבייטער
פון די אָפען־שעפּער. די באָסעס האָבען דעם מאָל זיך שוין ניט
געאיילט צו קומען סעטלען, ווי זיי האָבען עס געטאָן לעצטען מאָל

ביים סטרייק צו געבען מאַשינען פאַר דער ארבייט. די קאָנטראַקטאָרס האָבען ערוואַרטעט, אַז די מאַנופעקטשורערס וועלען העכערען די פרייזען, זיי האָבען עס אָבער ניט געטאָן. פאַרקערט, זיי האָבען נאָך אונטערגעהעצט די קאָנטראַקטאָרס צו טרייען קריגען סקעבס. אייניגע קאָנטראַקטאָרס האָבען גענומען סקעבס, מיט וועלכע זיי האָבען געאַרבייט אין די סוועט־שעפער, און ווען די סטרייקער פלעגען זיך צוזאַמענקומען מיט די סקעבס, פלעגט קומען צו געשלעגען. דער קאַמף איז געווען אַ ביטערער.

אַ שבת ביינאַכט האָבען דיזע סטרייקער אָפגעהאַלטען אַ מאַס מיטינג אין 165 איסט בראָדוויי. דער האָל איז געווען געפאַקט און דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט די רעדנער. פלוצלונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ליאַרם און אַ גוואַלד, עס האָבען זיך גענומען שטופען אין האָל פאַרשיידענע מענשען און פאָליסלייט נאָך זיי, מיט זייערע קלאָבס אין דער לופטען. עס איז באַלד געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה. די פאָליסלייט האָבען געאַרבייט מיט זייערע קלאָבס רעכטס און לינקס. אַ מוטיגע סטרייקערין האָט מכבד געווען אַ פאָליסמאַן מיט אַ קלינגענדיגען פאַטש, וועלכער האָט נאָכהער אָנגעמאַכט אַ גערודער אין אַלע ניו יאָרקער צייטונגען. די פאָליסלייט האָבען איהר גלייך אַרעסטירט צוזאַמען מיט דעם סעקרעטאַר פון דער יוניאָן, לעווין, און נאָך אַ מעמבער.

די מהומה איז אַרויסגעקומען צוליב דעם, וואָס אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן איז געקומען אין אַ שאַפ און אויפגעפאָדערט די סקעבס זיי זאָלען געהן אין דער יוניאָן אריין. דער באָס האָט אָנגעגרייט פאָליסלייט, און ווען די סטרייקער האָבען זיי דערזעהן, זיינען זיי געלאָפען אין האָל און די פאָליסלייט נאָך זיי, און אַזוי איז עס געקומען צום צוזאַמענשטויס ביי דעם מאַס מיטינג. די אַרעסטירטע אַרבייטער האָבען געהאַט אויף זיך אַ שווערען טריעל, וועלכער האָט זיך געצויגען אַ צייט. דער סטרייק איז דעמאָלט פאַרלאָרען געגאַנגען און די יוניאָן איז צופאַלען געוואָרען.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיגען די דריי אַרעסטירטע אַרבייטער. דער פּראָצעס האָט אָפגעקאָסט פיל געלט. די ערשטע פּראָצעסירט

צו ווערען איז געווען די סטרײַקערין אײַדאַ גינזבורג. די דזשורי האָט זי ערקלערט „ניט שולדיג" און זי איז אַרויס פרײַ. די אַנדערע צוויי, לעווין און שערעשעווסקי, זײַנען גע'משפט געוואָרען מיט אַ יאָהר שפּעטער און זײַנען געפונען געוואָרען פון אַ דזשורי שולדיג אין „עסאָלט אָף פּאָלים". זיי האָבען געדאַרפט קריגען פון דזשאַדזש אַ פּאָר יאָהר פּריזאָן. דער דזשאַדזש האָט אָבער, נאָכדעם ווי די צוויי אומשולדיגע אַרבייטער זײַנען אָפּגעזעסען זעקס וואָכען אין די טומס, זיי געגעבען „סוספּענדעט סענטענס" און זיי זײַנען אַרויס פרײַ.

די ניע־פּענטס מאַכער יוניאָן האָט נאָכהער ווידער אויפגעלעבט דורך דער הילף פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

דער ערשטער גרויסער קלאָוקמאַכער סטרייק אין יאָהר 1890

דאָס איז געווען אין יאָהר 1890. יענעם יאָהר האָבען שוין עקזיסטירט איינינע שטאַרקע אידישע יוניאָנס, ווי די שוירטמייקערס, ניע־פּענטס־מייקערס, פּענטס־מייקערס און נאָך אַנדערע יוניאָנס פון שניידער פאַך. אַלע דיזע יוניאָנס האָבען אין דעם מאָנאַט פעברואַר אַרויסגערופען גענעראַל סטרייקס. עס איז געווען אַ נייעס אויף דער איסט סייד און די קליינע צאָהל טוער פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג האָבען געהאַט אַרבייט איבער'ן קאָפּ. די אָרגאַניזירונג פון אַלע אידישע יוניאָנס, ווי אויך אַלע זייערע סטרייקס, זײַנען אָנגעפיהרט געוואָרען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, וועלכע האָבען שוין פיל מאָל געטרייעט צו אָרגאַניזירען די קלאָוקמאַכער אין אַ יוניאָן. דאָס איז אָבער אָנגעקומען זעהר שווער. וויפיל מאָס מיטינגען מען האָט ניט גערופען פאַר קלאָוקמאַכער, זײַנען די גרויסע מאַסען ניט געקומען.

אין קלאָוק טרייד איז איינינע מאָל יאָ אָרגאַניזירט געוואָרען אַ יוניאָן, נאָך איידער די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען עקזיסטירט. די יוניאָן אָבער האָט עקזיסטירט ניט מעהר

ווי א פּאָר מאָנאַטען. יעדען אָנפאַנג פון סיזאָן פלעגען פילע קלאָוק שעפּער אָרגאַניזירען — ניט קיין יוניאָן, נאָר א סטרייק פּאַר פּרייזען. און אָפטמאָל פלעגט געלינגען די קלאָוקמאַכער צו באַקומען בעסערע פּרייזען, אָבער קיין יוניאָן האָבען זיי נאָך אַלץ ניט געהאַט. געאַרבייט האָבען די קלאָוקמאַכער מעהרסטענס אין סוועט־שעפּער, און ווען דער ביזי־סיזאָן פלעגט אָנקומען, פלעגען קלאָוקמאַכער פּראַצעווען פון 18 ביז 20 שטונדען אין מעת־לעת. עס איז אמת, אז די קלאָוקמאַכער פלעגען אין די וואָכען, וואָס זיי האָבען געאַרבייט, פאַרדינען מעהר ווי די אַרבייטער פון אַנדערע פאַכען, אָבער די קלאָוקמאַכער האָבען געהאַט די לענגסטע סלעקס און זיי פלעגען אָפטמאָל מאָנאַטען־לאַנג אַרומגעהן אָהן אַרבייט.

אין מאָנאַט פעברואַר פון יאָהר 1890 איז מיט אמאָל אויסגעוואַקסען א שטאַרקע באַוועגונג פון קלאָוקמאַכער, וועלכע איז באַשטאַנען, ווי געוויינליך, פון שאַפּ סטרייקס פאַר פּרייזען. די מעהרסטע אַרבייטער פון קלאָוקס פלעגען זיך פאַרזאַמלען אין 92 העסטער סטריט, וואו כמעט אַלע אידישע יוניאָנס זיינען צו יענער צייט געבאָרען געוואָרען.

מיט דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז פאַרבונדען די קאַריערע פון י אָ ז ע ף ב אַ ר אָ נ ד ע ס, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט א באַדייטענדע ראָלע אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. און ווען מען וויל שרייבען וועגען יענער באַוועגונג, מוז מען אויך שרייבען וועגען באַראָנדעס'עס טעטיגקייט ביי די קלאָוקמאַכער אין יענער צייט, ווייל ביז דאַן האָבען באַראָנדעס'ן א זעהר קליינע צאָהל אַרבייטער געקענט, — נאָר פּילייכט די מעמבערס פון דער ניו־יאָרקער פּענטס מאַכער יוניאָן, פון וועלכער באַראָנדעס איז געווען א מיטגליד און אויך א דעלעגאַט צו די געווערקשאַפטען. אויך האָבען איהם געקענט די מעמבערס פון דעם 8טען בראַנטש סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי, צו וועלכער באַראָנדעס האָט באַלאַנגט. אָבער די גרויסע מאַסען אַרבייטער האָבען נאָך דאַן באַראָנדעס'ן ניט געקענט.

עס איז געווען א מאָנטאַג אָוועגט. צו די געווערקשאַפטען

איז געקומען א קאָמיטע פון קלאָוקמאכער און האָט געבעטען זיי העלפען צו גרינדען א יוניאָן און אויך צו העלפען זיי פיהרען די גרויסע צאָהל שאפ־סטרייקס.

ווי געוויינליך, האָבען די געווערקשאפטען געוועהלט א קאָמיטע זיי צו העלפען. אין דער קאָמיטע זיינען ערוועהלט געוואָרען יאָזעף באראָנדעס, א געוויסער שאד, וועלכער איז געווען א פיהרער פון די ניע־פּענטס מאכער און דער שרייבער פון דיזע צייל,ען, וועלכער איז דאן געווען דער סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען.

אונזער קאָמיטע איז דעם זעלבען אָווענט אוועק צו די קלאָוקמאכער. קומענדיג אהין, האָבען מיר געפונען מיטינגס פון קלאָוקמאכער אויף אלע פינף פלאָרס. עס איז שוין געווען 11 אזייגער ביינאכט. עס האָט דאָרטען געקאָכט ווי אין א קעסעל.

ווען אונזער קאָמיטע האָט ערקלערט אין אלע צעהן האָלס באזונדער, אז דער צוועק פון אונזער קומען איז זיי צו העלפען גרינדען א שטארקע יוניאָן, ווי אויך מיטצוארבייטען אין זייערע סטרייקס, איז די קאָמיטע אויפגענומען געוואָרען פון די מאסען מיט גרויס יובעל.

די ערשטע ארבייט פון דער קאָמיטע איז געווען צו באזאָרגען איייניגע ערפאהרענע מענשען צו ארבייטען ביי זיי שטענדיג, און אלס אַן אָנפאנג האָבען מיר די קלאָוקמאכער איבערגעלאָזען באראָנדעס׳ן, ווייל די אנדערע צוויי קאָמיטע לייט זיינען געווען פארנומען מיט פיהרען די סטרייקס אין אנדערע טריידס.

יענעם סיזאָן איז געווען, ווי מען רופט עס, א שטארקע ביזי ביי קלאָוקס. די דאמאָלסדיגע רייכע פאבריקאנטען האָבען געהאט גרויסע אָרדערס צוצושטעלען, און דאָ פלוצלונג האָבען זיך אלע ארבייטער פון טרייד, פון די אינסייד שעפּער און ביי די קאָנטראקטאָרס זיך אויף אמאָל, ווי איין מאן אויפגעהויבען און גענומען סטרייקען אויף אַן אמת, און האָבען געשריען: „מיר ווילען א יוניאָן, א שטארקע יוניאָן! מיר ווילען גוטע פרייזען, גוטע באהאנדלונג!" א מאסע פון זיבען טויזענט מאן זיינען ארויס אין א גענעראל סטרייק. גאנץ דאון־טאון האָט געקאָכט, גערוישט

מיט יענעם סטרייק, און דערצו האָבען דאן נאָך געסטרייקט כמעט אַלע אנדערע אידישע טריידס. גראדע איז צו יענער צייט ער־שינען די „ארבייטער צייטונג", די ערשטע וועכענטליכע סאָציאַ־ליסטישע צייטונג, וועלכע האָט ענערגיש אַגיטירט פאר יוניאָנס און פאר סאָציאַליזם.

אַלע ענגלישע צייטונגען האָבען גענומען פיל שרייבען וועגען קלאָוקמאַכער סטרייק. יעדער וואָס האָט געקאָנט ריידען, איז געווען „ביזי" און הייזעריג.

דיזע שטארקע סטרייק באַוועגונג פון די קלאָוקמאַכער האָט געדויערט זעקס־זיבען וואָכען. אויף דער דריטער וואָך האָבען די קלאָוק באָסעס גענומען קומען אין 92 העסטער סטריט סעטלען מיט דער סטרייק קאָמיטע, אונטערשרייבען יוניאָן אגרימענטס, אז זיי אנערקענען א קלאָוקמאַכער יוניאָן מיט געוויסע רולס און זיי האָבען אויך נאָכגעגעבען די פּרייז־ליסטען אויף דער ארבייט.

דער אינטערעסאנטסטער מאָמענט איז געווען, ווען אין א גע־וויסען פרייטאָג איז ארונטערגעקומען אין 92 העסטער סטריט דער צו יענער צייט גרעסטער און רייכסטער קלאָוק־פאבריקאנט, וועל־כער האָט באשעפטיגט אינסייד און אויטסייד איבער צוויי טויזענט קלאָוק מאַכער, מאיר דזשאנסאָן, א דייטשער יהודי. דער רייכער באָס האָט זיך פריהער קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אז ער וועט דארפען קומען אין העסטער סטריט צו זיינע ארבייטער, זיי נאָכגעבען זייערע פאדערונגען.

ווען אַלע באָסעס האָבען שוין געהאט געסעטעלט מיט די קלאָוק מאַכער, דאן ערשט האָט זיך אָנגעפאנגען די ארבייט צו אָרגאניזירען די יוניאָן. זייער גרויסען זיג האָבען די קלאָוק מאַכער געפייערט מיט פאראדען, וועלכע האָבען אויפגערידערט דעם גאנצען קווארטאַל און אַלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט די קלאָוק מאַכער.

ווי איך האָב שוין פריהער באַמערקט, האָט די קאָמיטע פון די געווערקשאַפטען איבערגעלאָזען בעראנדעס'ן ביי די סטרייקענדע קלאָוק מאַכער. בעראנדעס האָט גערעדט צו די סטרייקערס טאָג און נאַכט. ער איז דאָרטען געשלאָפען אין האָל, געטרונקען טיי און

מען פֿלעגט איהם אין האַל אריין ברענגען עפּעס צוצובייסען. ער איז געוואָרען דער „גאָט” פֿון די קלאָוק מאכער, און די קלאָוק מאכער האָבען איהם ערוועהלט אלס „גרענד מענעדזשער” פֿון דער יוניאָן. און דאָ האָט פּאַסירט מיט באַראָנדעס׳ן די פֿאָלגענדע געשיכטע.

ווי איך האָב שוין אָנגעדייטעט, איז באַראנדעס אָנקומענדיג צו די קלאָוקמאכער געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ מעמבער פֿון 8טען בר. ס. ל. פּ. צו יענער צייט, ווי איך האָב שוין געשריבען אין אַ פֿאָריגען קאַפּיטעל, האָבען די אידישע אַנאַרכיסטען געהאַט אַ סך אָנהענגער אין אַלע אידישע יוניאָנס און אויך ביי די קלאָוקמאַכער. גראַדע זיינען אַ היבשע צאָהל פֿון די פֿיהרער פֿון יענעם קלאָוקמאַכער סטרייק, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט באַראָנדעס׳ן געפֿיהרט דעם סטרייק, געווען אַנאַרכיסטען, און זיי האָבען „איבערצייגט” באַראָנדעס׳ען, אז דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז „ריכטיגער” ווי דער סאָציאַליסטישער. אָפּזייענדיג אַ פּאָר מאָנאַטען ביי די סטרייקענדע קלאָוק מאכער, איז באַראָנדעס געוואָרען אַן אַנאַרכיסט. עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ קאַמף צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און באַראָנדעס׳ען. באַראָנדעס איז געווען שטאַרק אין כעס אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גענאָסען, וואָרום זיי האָבען אַזוי שטאַרק קריטיקירט זיינע האַנדלונגען אין יענעם קלאָוק מאכער סטרייק.

איינע פֿון די שטאַרקסטע עולות, וואָס די גענאָסען האָבען געפֿונען געגען באַראַנדעס׳ען, איז געווען וואָרום ער האָט דערצעהלט די רעפּאָרטערס פֿון די ענגלישע צייטונגען משונה׳דיגע געשיכטעס וועלכע זיינען געווען ניט געשטויגען און ניט געפֿלויגען. ער האָט גערופֿען צו די מיטינגען זיינע נייע גענאָסען, די אַנאַרכיסטישע רעדנער. די קלאָוק מאכער אָבער פֿלעגען נאָר וועלען הערען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעדנער: אַב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, און אַלעקסאַנדער יאָנאַס. אַלס הויפּט אַרויסהעלפֿער אין סטרייק, האָט באַראָנדעס גענומען אַ געוויסען פּראָפֿעסאָר גאַרסייד, אַן אַנאַרכיסט, און אַ געוועזענעם מעמבער פֿון דער ס. ל. פּ. אויף וועמען די סאָציאַליסטישע גענאָסען האָבען אויסגעפֿונען אַז ער איז ניט

עהרליך געגוג צו זיין אַ סאָציאַליסטישער אגיטאטאָר. דער גארסייד איז געווען דער פּובליסיטי־מען אין קלאָוק מאכער סטרייק. די דאמאָלסטדיגע אידישע אַנארכיסטען האָבען געדענקט, אז מיט באראָנדעס'עס הילף וועלען זיי באַקעהרען אַלע קלאָוקמאכער צום אַנאַרכיזם. ביי די וואהלען פאר באַאמטע און עקזעקוטיווע מיט־גלידער פון דער קלאָוק מאכער יוניאָן פלעגען כסדר פארקומען רייסערייען צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראטען און אנארכיסטען. די גרויסע מאסען קלאָוקמאכער אָבער האָט זעהר ווייניג געוואוסט פון אַנאַרכיזם, טראָץ דעם וואס זיי האָבען פיל מאָל ערוועהלט אַנאַרכיסטען פאר זייערע באַאמטע. דאָס פלעגען זיי צוליב טאָן באראָנדעס'ען, וועלכער האָט סוף כל סוף ניט געקענט אפּשוואכען דעם איינפלוס פון די דאמאָלסטדיגע סאָציאַליסטישע יוניאָן צענט־ראל קערפּערשאפט „די סענטראל לייבאָר פעדערייזשאָן" און די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. דער רעזולטאט איז געווען דאָס אַלע טעטיגע דעלעגאטען פון די דייטשע, און ענגלישע יוניאָנס האָבען געהאָלפען אויפבויען די דאן מעכטיגע קלאָוק מאכער יוניאָן, וועלכע איז באשטאַנען פון זיבען טויזענד גוטשטעהענדע מעמבערס.

דער ערשטער גרויסער אידישער ארבייטער פּראָצעס.

אין אַ פאָריגען קאפּיטעל האָב איך שוין באשריבען, ווי אזוי עס איז אין יאָהר 1890 געגרינדעט געוואָרען די ערשטע גרויסע קלאָוקמאכער יוניאָן.

די דאמאָלסטיגע שטארקע קלאָוק מאכער יוניאָן, אונטער באראָנדעס'עס פיהרערשאפט האָט גלייך צום קומענדען „ביזי"־סעזאָן, ווידער אמאָל געהאט סטרייקס ביי די דאמאָלסטיגע רייכסטע און גרעסטע קלאָוק מאנופעקטשורערס, ווי ביי: בענדזשאמין קאספּארי, בלומענטאלס, פּאפּקין און מארקס און פילע אַנדערע. ארויסגעקומען זיינען יענע סטרייקס צוליב דעם, וואָס יענע קלאָוק מאכער יוניאָן האָט יעדען נייעם סעזאָן געשטעלט נייע פאָדערונגען. די רייכע קלאָוק מאַנופעקטשורערס זיינען דאָן פּשוט ניט געווען

צוגעוואוינט דערצו, ווייל אין די פריהערדיגע יאָהרען, ווען די קלאָוק באַלעבאַטים האָבען געהאַט ביי זיך א סטרייק פלעגען זיי איהם סעטלען נאָכגעבענדיג א ביסעל בעסערע פּרייזען די ארבייטער און צום ענדע פון סעזאָן גלייך עס צוריקנעמען ווידער. דעם מאָל ווען די קלאָוק מאכער האָבען שוין געהאַט א שטאַרקע יוניאָן, האָבען זיי אָנגעהאַלטען דעם אַלטען געווינס און יעדען מאָל געפאָדערט אַלץ מעהר. צוליב דעם האָבען אויסגעבראכען סטרייקס ביי אַלע גרויסע ווער־הייזער פון קלאָוקס, וועלכע פלעגען דאַן אפּגעבען מאכען זייער ארבייט צו קלאָוק קאָנטראַקטאָרס.

ווען די קלאָוק מאכער יוניאָן האָט געשיקט פּיקעטס צו די שעפּער וואו מען האָט געסטרייקט, האָבען די קלאָוק קאָנטראַקטאָרס גענומען טאָן דאָס, וואָס די בעלי־בתים טוען אויך איצט: זיי פלעגען אַנטלויפען אין די אַרומיגע שטעדטלאַך, אָבער ניט ווייט פון ניו יאָרק.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1891 ווען די קלאָוק מאכער יוניאָן איז געווען פאַרוויקעלט אין פילע סטרייקס. האָט די פּיקעט קאָמיטע פון דער יוניאָן אוועקגעשיקט עטליכע מענשען נאָך דזשעמייקא, לאָנג איילאַנד, צו א קלאָוק קאָנטראַקטאָר, וועלכער האָט געמאַכט „סקעב"־אַרבייט, איהם אויפצופאָדערען ער זאָל אויפגעבען די סקעבעריי. עס איז געקומען צו א געשלעגג צווישען די סקעבס און די מיטגלידער פון דער פּיקעט-קאָמיטע. אקוראַט וואָס דאָרט האָט פּאַסירט ווייסט מען עד היום ניט, אָבער די באַשולדיגונגען זיינען געווען, אַז די פּיקעטס האָבען שטאַרק צושלאָגען דעם קאָנטראַקטאָר, באַגאָסען די וואַרע מיט וויטריאָל און דערביי אומגעוואָרפען אַן אויוון מיט'ן פייער און אַז דעם קאָנטראַקטאָר'ס א קינד איז שטאַרק צוברענט געוואָרען.

די פּיקעטס פון די קלאָוק מאכער האָבען זיך גלייך אפּגע־טראָגען און זיינען אוועק צוריק אין ניו יאָרק. נאָר איין קלאָוק מאכער, א געוויסען ריינגאָלד, האָט מען געכאַפּט אין דזשעמייקא, ווען ער האָט געוואָלט אַרויף אויף א טראַמוואַי צוריקצופאָהרען אין ניו יאָרק.

אַלע ענגלישע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, וועלכע האָבען ביי

דער גרינדונג פון דער קלאָוק מאכער יוניאָן געשריבען סימפּאַטישע אַרטיקלען פאר די קלאָוק מאכער, זיינען גלייך נאָך דעם פאַל ארויס מיט שאַרפע אַרטיקלען געגען די „פרעמדע אימיגראַנטען פון דער קלאָוק מאכער יוניאָן און פון אַלע אידישע טרייד יוניאָנס, וועלכע באַנוצען זיך מיט גוואַלד־מיטלען." עס איז געוואָרען א טומעל. די מיטגלידער פון עקזעקוטיוו באַארד, יאָזעף באַראָנדעס און אַלע אַנדערע טוער פון דער יוניאָן האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען.

אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דער פּאַסירונג אין דזשעמייקא, האָט יאָזעף באַראָנדעס, וועלכער איז א צייט געשטאַנען ווייט פון די געווערקשאַפטען און פון דער ס. ל. פּ., זייענדיג א סימפּאַטייזער פון די אַנאַרכיסטען, געקומען צו לויפען אין דעם בילדינג פון דער „אַרבייטער צייטונג", וואו אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַני־זאַציעס און דער אָפיס פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפ־טען האָבען זיך דאַן געפונען, און האָט געפאָדערט הילף.

נאָך דעמזעלבען אבענד איז ביי א מיטינג פון דער עקזעקוטי־ווע פון דער קלאָוק מאכער יוניאָן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 389 בויערי, געקומען א גרויסע קאָמאַנדע פון דעטעקטיוום צוזאַ־מען מיט יענעם דזשאַמייקער קלאָוק־קאָנטראַקטאָר, און אויף ווע־מען דער קאָנטראַקטאָר האָט אָנגעצייגט, האָבען די דעטעקטיוום אַרעסטירט. דעם לעצטען האָבען זיי גענומען באַראָנדעסען אליין, צוזאמען מיט 12 אדער 15 קלאָוק מאכער, בעאמטע פון דער יו־ניאָן. מען האָט זיי אַלעמען אוועקגעפיהרט אין דזשעמייקאר געפענגנים. דאָס האָט אָנגעמאַכט א גוואַלדיגען רושם ניט נאָר אין אידישען קוואַרטאַל אליין. אַלע ענגלישע קאַפּיטאַליסטישע צייַ־טונגען זיינען באַלד ארויס מיט „גרויסע קעפּ": „באַראָנדעס ענד קריו אַרעסטעד."

דריי טעג זיינען די אַרעסטירטע געזעסען אין דזשעמייקאר תפיסה. אזוי ווי מיר האָבען געהאַט בלויז א וועכענטליכע צייַ־טונג האָט מען די דריי טעג געדרוקט יעדען טאָג א בלעטעל און דערצעהלט אַלעס וואס עס האָט דאָרט אין דער אמת'ן פּאַסירט. אויפ'ן פערטען טאָג איז פאָרגעקומען דער פאַרהער אין דזשאַמיי־קער פּאָליציי געריכט און דער ריכטער האָט אַלעמען באַפרייט,

ווייל עס זיינען קיינע באווייזע ניט געווען געגען זיי. דער איינ־ציגער וואס מען האט פארהאלטען איז געווען ריינגאלד, וועלכען מען האט ארעסטירט אין דזשעמייקא אויף א קאר.

און דא האט פאסירט א נייע סענסאציע. ווי נאר דער פא־ליס־ריכטער פון דזשעמייקא האט באפרייט אלע ארעסטירטע קלאוקמאכער און זיי האבען אנגעפאנגען ארויסגעהן מיט טרי־אומף פון הינטער די גראטעס פון געריכט, זיינען צוגעקומען צוויי דעטעקטיווס פון ניו יארק און צייגענדיג בארענדעס'ען א פאפיר, האבען זיי איהם ערקלערט: „יו אר אור פריזאנער" (איהר זייט אונזער ארעסטאנט). די דעטעקטיווס האבען איהם אוועקגע־פיהרט אין „טומבס", אויף סענטער סטריט.

די געשיכטע איז געווען אזוי: בארענדעס האט געסעטעלט א סטרייק ביי א פירמע „פאפקין און מארקס" פון קאנעל סטריט, און ער האט ביי די באסעס גענומען אויף זיין נאמען א טשעק אויף פינף הונדערט דאלאר, פאר בעק פיי, אדער פאר דער צייט, וואס די קלאוק מאכער האבען געסטרייקט. זיינען געקומען די קלאוק מאנופעקטשורערס און האבען פארפיהרט ביים דיסטריקט אטוירני א קרימינעלען פראצעס געגען בארענדעס'ען פאר א פאר־שווערונג אויסצופרעסען ביי די קלאוק מאנופעקטשורערס געלד. פון טעות מיט'ן נאמען אויפ'ן טשעק איז געווארען א „קייס".

אין אונזער ארבייטער וועלטעל פון ניו יארק איז געווארען נאך דער לעצטער פאסירונג נאך א גרעסערער קאך. מילא, מען האט בארענדעס'ען געביילט, עס האט גענומען א וואך צייט, ווייל די בייל איז געווען א צוואנציג טויזענד דאלאר, וואס האט גע־הייסען זעהר א גרויסע סומע פאר די פראלעטאריער פון יענער צייט.

אין דער צייט איז פארגעקומען דעם ארעסטירטען ריינגאלד'ס טרייעל פאר דער דזשאמייקער געשיכטע, און א דזשורי האט איהם פאראורטיילט צו פינף יאהר סינג־סינג, וואו מען האט איהם פאר־שיקט. די קלאוק מאכער יוניאן האט געשטיצט די גאנצע צייט זיין פאמיליע און האט שטארק געארבייט דאפיר אויסצואווירקען ביים גאווערנאר, אז ער זאל איהם באגנאדיגען. ענדליך האט גא־

ווערנאַר דייוויד ב. הילל איהם באַגנאַדיגט נאָך דעם, ווי ער איז אָפּגעזעסען א 6-7 מאָנאַטען אין פּריזאָן.

באַראָנדעס'עס קיים האָט זיך געצויגען לענגער, איבער א יאָהר צייט. די קלאוק מאכער יוניאן איז דאן אָפּגעשוואכט גע־ווארען צוליב די שווערע סטרייקס. יאזוף באַראָנדעס האָט דער־וויילן גאר ניט געטאָן, ער האָט געוואַרט אויף זיין טרייעל. ענד־ליך איז איהם מיאוס געווארען דאָס ארומגעהן לעדיג און איהם איז אריין אין קאָפּ א געדאנק צו פארלאָזען אמעריקא און פאָהרען נאָך ענגלאַנד. געזעדט און געטאָן, באַראָנדעס איז פּלוצלונג אוועק אין מאָנטרעאַל, קענעדע.

אין א שעהנעם פארנאכט איז געקומען אין אפיס פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, אין 81½ לודלאָוו סטריט, דער האָל־קיפּער פון „גאָלדען־רול" האָל, פון 125 ריווינגטאָן סטריט, א געוויסער מר. פרידמאַן, וועלכער האָט פאַרזיכערט באַ־ראָנדעס'עס בייל, און זאָגט צו אונז, אז ער האָט געהערט, אז באַ־ראָנדעס איז יעצט אין מאָנטרעאַל, און ער פאָהרט אָפּ נאָך ענג־לאַנד. מיר זיינען אריין צו גענאָסע קראַנץ אין צימער. גענאָסע קראַנץ איז רויט געוואָרען, דערהערענדיג די געשיכטע. געוועזן איז עס דערפאר, וואָס קראַנץ האָט יענעם טאָג געקראָגען א בריף פון מאָנטרעאַל, וואו מען האָט איהם דערצעהלט וועגען באַראָנדעס'ען, אז ער איז דאָרטען און ער פאָהרט אָפּ נאָך אייראָפּא.

עס איז גלייך באַשלאָסען געווארען אז גענאָסע קראַנץ זאָל מיט מר. פרידמאַנ'ען פאָהרען מיט'ן ערשטען צוג נאָך מאָנטרעאַל.

קומענדיג אין מאָנטרעאַל האָט גענאָסע קראַנץ און מר. פריד־מאַן שוין באַראָנדעסען דאָרטען ניט געטראָפען. זיי האָבען ער־פאהרען, אז ער איז אָפּגעפאהרען מיט א נאכט פריהער מיט א קליי־נער שיפעל, — וואו ער איז געווארען א מאַטראָז — נאָך קוויי־בעק, קענעדע, און אז מאָרגען לאָזט זיך דיזע פראכט־שיף נאָך ענגלאַנד.

די צוויי שלוחים זיינען גלייך אוועק נאָך קוויבעק. אנקומענ־דיג אהין אין דער פריה האָבען זיי געטראָפען די פראַכט־שיף, מיט באַראָנדעס'ען, פארטיג אָפּצופאָהרען איבער'ן אָקעאן. עס

האט גענומען קראנץ׳ען א פּאָר מינוטען איבערצוריידען באַראָנ־דעס׳ען ער זאָל זיך גלייך צוריקקעהרען קיין ניו יארק.

קומענדיג צוריק אהער האָבען די ביילערס צוריקגעצויגען באַ־ראָנדעס׳עס בייל און ער איז איינגעשפּארט געווארען ווידער אין די טומבס פּריזאָן ביז זיין טרייעל, וואו ער איז געפונען געוואָ־רען שולדיג אין באגעהן א פארשווערונג און איז פאראורטיילט געוואָרען אויף א יאָהר און א האלב סינג־סינג.

די קלאָוקמאכער יוניאָן, צוזאמען מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, האָבען אָנגעפיהרט אַן ענערגישען קאַמ־פּיין אויסצואווירקען די באפרייאונג פון באַראָנדעס׳ן און ענדליך איז עס זיי אויך געלונגען.

די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, די דאמאָלסטדיגע „סענטראל לייבאָר יוניאָן״, מיט זייער דאמאָלסטדיגען פיהרער דזשימי ארטשיבאלד, האָבען זיך געווענדעט מיט א פּעטיציע צו גאָווערנאָר פלאוער, און ער האָט באַראָנדעס׳ן באגנאדיגט.

דאָס איז געווען אין ענדע פון יאהר 1892.

.15

די אידישע אַרבייטער באַוועגונג און דער אָנפאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקא.

די ערשטע אַרבייטער פּאָעטען מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט און יוסף באָוושאָווער. — זייער ווירקונג אויף דער אַרבייטער מאַסע. — ווי אַזוי יעקב גאָרדין איז געוואָרען אַ אידישער דראַמאַטורג. — ז. ליבין און ל. קאָברין.

רעדענדיג וועגען דער ווירקונג פון דער אַרבייטער פּרעסע אויף דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, מוז מען אויך דערמאָנען די ערשטע אידישע אַרבייטער־פּאָעטען און סקיצען־שרייבער. זייערע געדיכטען און סקיצען האָבען פיל געהאָלפען צו וועקען דעם אידישען אַרבייטער צום קאַמף.

איך וויל אָנפאַנגען מיט די פּאָעטען. די ערשטע יאָהרען פון דער באַוועגונג, דאָס מיינט אין די 80גער יאָהרען, פלעגט קיין אַרבייטער־בלאַט ניט ערשיינען אָהן אַ געדיכט, אָדער אַ ליד, וואָס זאָל וועקען דעם אידישען אַרבייטער צום קאַמף. יעדע פּראָקלאַמאַציע אפילו אָדער פּאַמפלעט, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אָדער די אַנאַרכיסטען פלעגען פון צייט צו צייט אַרויסגעבען, איז אימער באַצירט געווען מיט אַן „אַרבייטער־געדיכט“.

איך דערמאָן זיך ווי איך האָב אין אמעריקא, דאַכט זיך, עס איז געווען אין יאָהר 1883, צום ערשטען מאָל געקויפט אויף אַ צייטונגס־סטענד אַ לאָנדאָנער צייטונג וואָס האָט זיך גערופען „דער פּוילישער אידעל“, אַרויסגעגעבען פון אַ פּריוואַטע פּערזאָן. איך האָב דאָרט געפונען צום ערשטען מאָל מאָריס ווינטשעווסקי'ס אַ געדיכט. איך האָב דאָס בלעטעל אַ צייט מיט יאָהרען אַרומגעטראָגען ביי זיך אין פּאַקעט, ביז די פּאַפּיר איז צוריבען געוואָרען. אַזוי טייער איז ער מיר געווען.

מיט א יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1884, איז אין לאָנדאָן ערשינען צום ערשטען מאָל די קהל'שע ארבייטער בלאַט, דער לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד". דאָרטען פלעג איך שוין געפינען כמעט יעדע וואך אין יעדען נומער א געדיכט פון מאָריס ווינטשעווסקי'ן, דעם „זיידען" פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באוועגונג. אַלע לידער זיינען געווען וועגען פּראָלעטאריער און וועגען רעוואָלוציע. איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען דעם איינדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאכט „די ליד פון דער העמד", געשריבען פונ'ם ענגלישען פּאָעט טאָמאַס הוד און איבערזעצט אין אידיש פון מ. ווינטשעווסקי אין „ארבייטער פריינד". איך געדענק נאָך היינט אויף אויסווייניג די פאָלגענדע סטראָפען פון דעם געדיכט:

„מיט מאָגערע פינגער און איינגעדאַרט,
מיט אויגען וואָס זיינען פון ארבייט שוין בלינד;
אַ ווייבעלע זיצט זיך אין לומפּען געקליידט,
און וואַרפט מיט'ן נאָדעל און פאָדים געשווינד,
שטעך, שטעך, שטעך!
נעה, פּראַצעווע, האָרעווע, נעה!
ביז איך קאָן מיין קאָפּ ניט דערלאנגען א דרעה,
ביז מיינע געשוואָלענע אויגען טוט וועה;
די מערלע, דער זוים און דער באנד,
די באנד, און די מערלע, דער זוים!"

די גענאָסען פלעגען דיזע „ליד פון דער העמד" פאָרלעזען ביי אונזערע סאָציאַליסטישע אגיטאַציאָנס מיטינגען. אייניגע פון זיי זיינען צוליב יענע לידער דאן געוואָרען גאנצע דעקלאמאטאָרס.

דער „אידישער ארבייטער פאראיין" האָט דאן געגרינדעט א קאָמיטע (איך בין געווען איינער פון דער קאָמיטע), וואָס פלעגט פעדלען מיט די „ארבייטער פריינדס" אין די הייזער און אויך מאכען קאָלעקשאָנס ביי די מיטינגען פאר'ן „ארבייטער פריינד".

יעדע וואך, ווען מיר פלעגען קריגען א פרישען „ארב. פריינד" און געפינען דאָרט ווינטשעווסקי'ס א געדיכט איז עס ביי אונז געווען אן אמת'ער יום טוב. אַלעס וואָס מיר האָבען זיך דאן גע־

וואונשען איז צו האָבען דאָס גליק צו זעהן דעם פּראָפעסאָר מאָריס ווינטשעווסקי׳ן פּערזענליך.

שפּעטער אַביסעל האָבען מיר געטראָפען אין „אַרב. פריינד״ מאָררים ראָזענפעלד׳ס געדיכטע. זיינע אַרבייטער־געדיכטע אין „אַרבייטער פריינד״ האָבען אונז אַלעמען דאָ, אין דער באַוועגונג שטאַרק באַגייסטערט. איך געדענק נאָך, ווי עס וואָלט געווען ניט לאַנג צוריק, ווי איך האָב אין איינעם פון די נומערען פון „אַרבייטער פריינד״, וועלכען מיר פלעגען קריגען פון לאָנדאָן, געפונען מאָררים ראָזענפעלד׳ס אַ געדיכט מיט׳ן נאָמען „דער מאַשינער״ (אויף אַמעריקאַניש—דער „אָפּערייטאָר״). פרעגט שוין גאָרניט, מיר האָבען די געדיכט געלעזען צווישען די גענאָסען, וועלכע פלעגען דאַמאָלסט זיך צוזאַמענקומען אין פיליפ זאַקס קאַפע, אויף עלדרידזש, ניט ווייט פון גרענד סטריט. צו יענער צייט זיינען נאָך די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען גע־ווען צוזאַמען מיט די אידישע אַנאַרכיסטען, מען האָט נאָך דאַן צוזאַמען באַלאַנגט צום באַריהמטען „אידישען אַרבייטער פאַראיין״. אַהין פלעגען אָנקומען פון לאָנדאָן אַלע נומערען פון „אַרבייטער פריינד״.

די געדיכט „דער מאַשינער״ איז אונז אַלעמען אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען, אַז איינער פון אונז האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז ביי דער נעקסטער אַגיטאַציאָנס־פאַרזאַמלונג, וועלכע מיר וועלען האָבען, זאָל מען דעקלאַמירען דאָרטען דעם „מאַשינער״ פון מאָררים ראָזענפעלד. פרעגט שוין גאָרניט, אַלע גענאָסען האָבען זיך אונטערנומען צו דעקלאַמירען די געדיכט. איך האָב זיך דאַן געשטימען אויף אַ „רעדנער״, האָב איך אויף מיין געלעגער גאַנצענע נעכט שטודירט דעם „מאַשינער״, און דאָס איינענע האָבען געטאָן נאָך אַנדערע גענאָסען. און מען האָט עס טאַקע דעקלאַמירט אויף אַ מיטינג פון שניידער. ביי דער מאַסע שניידער פון יענעם מיטינג האָט דער „מאַשינער״ זעהר שטאַרק אויסגענומען און מען האָט דעם דעקלאַמאַטאָר שטורמיש אַפּלאָדירט.

ענדע זומער פון יאָהר 1886 איז מאָררים ראָזענפעלד אָנ־

געקומען פון לאָנדאָן קײן אַמעריקאַ. איך האָב זיך באַקענט מיט איהם אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך זײן אָנקומען אין דער רעדאַקציע פון דער ניו יאָרקער אידישער „פאָלקס־צײטונג". ער האָט נאָך דאַן אויסגעקוקט זעהר יונג. אַזאַ אײנפאַכער, אַ שאַפּ־אַרבײטער, וואָס דאָס גופא איז בײ אונז געווען פאַררעכענט פאַר אַ שטיקעל יחוס. ער איז געווען אַ בײסטער (שנײדער) בײם פאַך און האָט אויך געאַרבײט אַלס פּרעסער בײ רעק. עס איז געווען אַן אָווענט, איז ער געקומען אַ פאַרשמירטער פון שאַפּ. ער האָט געבראַכט אַן אײנגעוויקעלטען פּעקעלע מיט געדיכטע צום דרוקען. דער דאַמאָלסדיגער רעדאַקטאָר פון יענער צײטונג, מאָזעס מינטץ, האָט ליב געהאַט, אַז אַן אַרטיקעל אָדער אַ ליד פאַר זײן צײטונג זאָל פאַרנעמען אַ גאַנצע זײט אָדער גאָר צוויי זײטען פון דער „פאָלקס־צײטונג". מאָררים ראָזענפעלד האָט דאַן ניט געטראָפען דעם רעדאַקטאָר, האָט ער פאַר אונז, אַ פּאָר אײגענע מענשען אין רעדאַקציע, פאָרגעלעזען זײנע נײע געדיכטע. און געלעזען האָט ער זײ מיט אַ זעלטענער התלהבות. מיר, אַלע צוהערער, זײנען אײנפאַך אַנטציקט געוואָרען פון זײנע געדיכטע. ראָזענפעלד האָט דאָס פּעקעל געדיכטע איבערגעלאָזען פאַר'ן רעדאַקטאָר, און איך האָב איהם אײנגעלאַדען צו געהן מיט אונז אין דער קיבעצאַרניע, אין זאַקס קאַפע. ער האָט מיר אויפ'ן וועג דער־צײלט, אַז ער איז אין אַמעריקאַ ערשט אַ פּאָר וואָכען. ער האָט זיך שוין געטראָפען מיט אײניגע גענאָסען וועלכע ער האָט געקענט פון „בערנער סמריט קלוב" פון לאָנדאָן.

איך האָב מײן נײעם פרײנד פאָרגעשטעלט פאַר אַ סך גע־נאָסען, וועלכע מיר האָבען דאָן געטראָפען אין יענעם קאַפע. כמעט אַלע האָבען שוין פריהער געהאַט געלעזען אין „אַרבײטער פרײנד" זײנע געדיכטע. מיט אַ פּאָר אַנאַרכיסטישע גענאָסען האָט ער זיך שוין פריהער געטראָפען. ער איז דאַן אין גאַנצען געווען אַ פּאָר וואָכען אין לאַנד, אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ פּלאַץ אין אַ שנײדער־שאַפּ. ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון זײנע רײד, האָט ער דאַן סימפּאַטיזירט מיט'ן אַנאַרכיזם.

אײניגע פון אונז האָבען געבעטען ראָזענפעלד'ען, אַז ער זאָל

פאַרלעזען פאַר אונז זיינע גערדיכטע. ער האָט זיך ניט געלאָזט פיל בעטען — און האָט ביים טיש פאַר אונז גלייך פאַרגעלעזען דעם „סוועט־שאָפּ", וואס ער האָט מיטגעבראכט פון לאָנדאָן. אזוי האָבען מיר מיט איהם פארבראכט עטליכע שטונדען.

פון דאַן אָן פלעגט מאָריס ראָזענפעלד כמעט יעדע וואָך דרוקען א ליד אין דער ניו יארקער אידישער „פאָלקסצייטונג". דערנאָך האָט ער רעגעלמעסיג געשריבען אַרבייטער גערדיכטע אין דער „ווארהייט", די ערשטע אַנארכיסטישע אַרבייטער־צייטונג, וועלכע איז ערשינען אין יאָהר 1888. ער האָט אויך געשריבען אין דעם אידישען „מאָרגענשטערען", אַן אַרבייטער־צייטונג, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון אַ פּריוואַטע פּערזאָן. פאַר זיינע אַרבייטער־לידער האָט אָבער מאָריס ראָזענפעלד גאָר ניט געקראָגען געצאָהלט, און ער האָט אימער געדאַרפט אַרבייטען אין שאָפּ, פריהער אַלס בייסטער און דערנאָך אַלס אַ פּרעסער פון רעק.

מיט דער ערשיינונג פון דער „אַרבייטער צייטונג" איז מאָריס ראָזענפעלד געווארען דער אָפיציעלער פּאָעט פון דער „אַרבייטער צייטונג". כמעט אין יעדען נומער האָט ער געהאט א גערדיכט. אין „אַרבייטער צייטונג" זיינען ערשינען זיינע בעסטע אַרבייטער־לידער. זיינע גערדיכטען פלעגען די אַרבייטער זינגען אין די שעפּער, אין די טענעמענט־הייזער, און ביי פאַרזאַמלונגען און אַרבייטער קאָנצערטען. אין גיכען האָבען מיר אויסגעפונען, אַז מאָריס ראָזענפעלד איז ניט נאָר אַ פּאָעט, נאָר אויך אַ וואונדערבארער דעקלאַמאַטאָר, און פון דאַן אָן פלעגט ניט פאַרבייגעהן קיין איין אונטערנעמונג פון די סאָציאַליסטען אָדער פון אַ יוניאָן, וואו דער גרויסער אַרבייטער־פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד זאָל ניט דעקלאַמירען זיינע סוועט־שאָפּ־לידער.

נאָך עד היום קלינגען מיר אין מיינע אויערען די ווערטער פון זיין געריכט, וועלכע ער פלעגט אָפט דעקלאַמירען:

„איך ווייס ניט,
מיך אַרט ניט,
איך בין אַ מאַשין".

ביי יעדער אונטערנעמונג פלעגט דער עולם בעטען ראָזענ-

פעלד'ען צו דעקלאַמירען דעם „בלײכער אַפּעריײטאָר", וואָס איז געוועזען עהנליך צום לאַנדאַנער „מאַשינער", דעם „סוועט שאַפּ" און נאָך און נאָך. אַבער מאָריס ראָזענפעלד האָט ניט דעקלאַמירט בלויז בײ ארבײטער־אונטערנעמונגען אין ניו יאָרק.

אין יעדער שטאָדט אין אמעריקא, וואו עס איז געוועזען אַ אידישער ארבײטער־פּאַראײן, א סאָציאַליסטישע סעקציע, פלעגען זײ אנגאַזשירען מאָרים ראָזענפעלד'ען צו קומען דעקלאַמירען. אין פילאַדעלפיא איז מאָרים ראָזענפעלד געוועזען זעהר פּאָפּולער אַלס אַן ארבײטער־דיכטער און זעהר באַליבט אַלס דעקלאַמאַטאָר. צו יענער צײט האָט שוין מאָרים ראָזענפעלד געהאַט אויפגעגעבען די ארבײט אין שאַפּ, און ער פלעגט מאַכען א קלאָגעדיגען לעבען אַלס דעקלאַמאַטאָר בײ ארבײטער־אונטערנעמונגען.

מאָרים ראָזענפעלד פלעגט זיך אימער קלאָגען נאָך אין יענע יאָהרען, אז ער פיהלט זיך קראַנק, דאָך האָט ער דאַן געמוזט ווידער צוריק אװעקגעהן אין שאַפּ ארבײטען, ווײל ער האָט פון די אונטערנעמונגען ניט געקאָנט מאַכען קײן לעבען.

מיט יאָהרען שפּעטער האָט די „בראָדערהוד אָוו טײלאָרס", די שנײדער יוניאָן, וועלכע איז דאַן געווען אונטער די „יונײטעד גאַרמענט וואָרקערס" מאָרים ראָזענפעלד'ען ערוועהלט אַלס וואָקינג דעלעגאַט (ביזנעס-אײדזשענט), ער זאָל ארומגעהן אַטענדען אין די שנײדער שעפּער. מאָרים ראָזענפעלד איז אָבער בלויז אַ פּאָר מאָנאַטען געוועזען אַ באַצאָהלטער באַאַמטער אין דער שנײדער־יוניאָן, אין וועלכער ער האָט דאַן גענומען אַן אקטיווען אנטײל. ער האָט ניט ליב געהאַט דעם דזשאָב און האָט איהם אין גיכען אויפגעגעבען.

מאָרים ראָזענפעלד, דער ערשטער און גרעסטער אידישער ארבײטער דיכטער, האָט זיך זײן גאַנצען לעבען געמאַטערט אַ לעבען צו מאַכען.

ער האָט באַזונגען די נויט און דעם עלענד, פון וועלכע ער אַלײן האָט אַלע זײנע יאָהרען געליטען.

במעט אין דער זעלבער צײט מיט ראָזענפעלד'ען האָט זיך באַוויזען אין דער אידישער ארבײטער פּרעסע אַ צווײטער דיכ־

טער. דוד עדעלשטאדט, דאָס איז געווען א זעלטענע נאָבעלע פּערזענליכקייט, און טראָצדעם וואס ער איז געווען לויט זיינע איבערצייגונגען אן אַנאַרכיסט, האָבען איהם אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטען שטארק געאַכטעט און רעספּעקטירט.

דוד עדעלשטאַט'ס ארבייטער און רעוואָלוציאָנערע לידער פלעגען ארויסרופען די העכסטע באגייסטערונג צווישען די אידישע ארבייטער. זיין באַריהמטע ליד:

„מיר ווערען געהאסט און געטריבען;
מיר ווערען געפּלאגט און פארפאָלגט;
און אַלעס דערפאַר וואָס מיר ליבען
דאָס ארביימער שמאכטענדע פאָלק."

ווי אויך פילע אנדערע לידער זיינע פלעגען די ערשטע יאהרען דעקלאמירט ווערען ביי אלע ארבייטער־פארזאמלונגען, אונטערהאַלטונגען און אין די היימען פון די אַרבייטער.

דוד עדעלשטאַדט פלעגט שרייבען לידער און אויך פּראָזע אין דער אַנאַרכיסטישער אידישער ארבייטער צייטונג, די „וואָרהייט", וועלכע, ווי שוין דערמאָנט, איז ארויסגעגאנגען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1889. עדעלשטאַדט איז אויך געווען אייניגע מאָנאַטען דער רעדאַקטאָר פון דער דערמאָנטער צייטונג און כמעט אין יעדען נומער פלעגען זיין געדרוקט זיינע געדיכטע.

מיט אייניגע יאָהר שפּעטער איז דוד עדעלשטאַט געשטאָרבען פון דער „פּראָלעטאַרישער קראנקהייט", ווי מען רופט עס דאָ, קאָנסאָמפּשאָן, פון וועלכער ער האָט א לאַנגע צייט געליטען.

נאָך איינער צווישען די גרויסע אידישע דיכטער פון ארבייטער און רעוואָלוציאנערע לידער איז געווען דאָ אין ניו יארק, דער פּאָעט יוסף באָווש אָווער. אויך ער האָט געשריבען אין אלע ארבייטער צייטונגען, סאָציאַליסטישע און אנארכיסטישע. אליין אָבער האָט ער זיך געהאלטען פאר אן אַנאַרכיסט. זיינע געדיכטען פלעגען זיין געווידמעט די ארבייטער און די רעוואָלוציאָנערען. אָט זיינען א פּאָר פערזען פון זיינעם א געדיכט:

„הויב אויף דיינע אויגען, אָ פּאָלק, וואָס דו ביסט אזוי עלענד און אָרים;
הויב אויף דיינע אויגען צו מזרח, צו מערב, צו צפון, צו דרום;
און זעה די באהאלטענע אוצרות, און זעה פון דיין ארבייט די פּירות,
און זעה דעם געבליבענעם רייכטום פון פריהער געוועזענע דורות.
הויב אויף דיינע אויגען און זעה די געמויערטע גרויסע פאבריקען,
וואו אַרבייטער זעגען און הובלען און וועבען און נעהען און שטריקען;
און שמידען, און פיילען, און מאַקען און שניצען און גלעטען און פוצען
און שאַפען די וואַרע, און שאַפען דעם רייכטום צום מענשליכען נוצען".

באַוושאָוער איז, ליידער, נאָך גאַר א יונגער פארלאָרען גע־גאנגען פאר דער ליטעראטור. ער איז ארונטער פון זינען און האָט א סך יאָהרען פארבראכט אין אן אנשטאַלט פאר משוגעים, וואו ער איז מיט א פאַר יאָהר צוריק געשטארבען.

אויסער די פיער גרויסע ארבייטער פּאָעטען, וואס פלעגען שרייבען אין אנפאנג פון די 80־ער און 90־ער יאהרען אין דער אַרבייטער פּרעסע, איז ווערט דערמאָנט צו ווערען נ י י ט ה ע ן לעמפּערט, וועלכער איז געוועזען מאָרים ראזענפעלד'ס א תלמיד. דער יונגער דיכטער האָט געליטען פון שווינדזוכט און איז געוועזען א גרויסער ארימאַן. זיינע געפיהלפולע לידער, אין וועלכע ער האָט באזונגען די ליידען און די נויט פון די אומגליק־ליכע ארבייטער, זיינען געווען זעהר ריהרענד.

נייטהען לעמפּערט איז געשטארבען זעהר יונג.

עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען א יונגען פּאָעט, נ. באַ־באד, וועמעס געדיכטע מען פלעגט שטענדיג דעקלאמירען.

אביסעל פריהער פאר דער שפּאַלטונג אין „אבענד־בלאַט" האָט י. אַ ד ל ע ר געדרוקט דארטען ארבייטער לידער, וועלכע מען פלעגט אָפט אויך דעקלאַמירען ביי פארזאמלונגען.

אין דער „ארבייטער צייטונג" האָבען זיך אויך געדרוקט פילע געדיכטע פון י. ל. פּ ר ץ. די גרויסע מאַסע אָבער, וועל־כע איז נאָך דעמאָלט געשטאנען אויף א גאָר נידעריגער שטופע פון ענטוויקלונג, האָט ליידער נאָך ניט געקענט אפּשאצען דעם ווערטה פון דעם גרויסען טאלאנט.

די לידער און די דעקלאַמאציע פון די אַרבייטער פּאָעטען

אין אַמעריקא האָבען פיל מיטגעהאָלפען צו שאפען דאָ די ארביי־טער באוועגונג.

*　*　*

די סקיצען און ערצעהלונגען שרייבער אין די אידישע אר־בייטער בלעטער האָבען ניט ווייניגער געהאָלפען צו וועקען און אויפצוקלעהרען די אידישע ארבייטער מאסע אין אַמעריקא.

די ערשטע צייט וואָס די „ארבייטער צייטונג" איז ערשינען פלעגט זי דרוקען נאָר א ראָמאן. קורצע ערצעהלונגען האָט זי געדרוקט זעהר זעלטען, ווייל אַזוינע זיינען פּשוט ניט געווען. נאָר אזוי ווי די „ארבייטער צייטונג" איז געווען א וועכענטליכע צייטונג בלויז פון 8 זייטען, האָט עס ניט אויסגעמאכט אָהן ערצעהלונגען. דער רעדאַקטאָר פיליפּ קראַנץ פלעגט זוכען שרייבער פון קורצע סקיצען צווישען די וואָס פלעגען צושיקען עפּעס, אָבער ווייניג האָבען זיך געפונען אין יענע צייטען צווישען דער מאסע אזעלכע שרייבער, וואָס זייערע ערצעהלונגען זאָל מען קענען דרוקען אין „ארבייטער צייטונג". אזוי האָט א געוויסער ני־פּענטס אָפּרייטאָר, וועלכער איז איצט אַן ערפאָלגרייכער דאָקטאָר מעדיצין אָפּגעדרוקט אין דער „ארבייטער צייטונג" א פּאָר ערצעהלונגען. אויסער איהם זיינען געווען נאָך א פּאָר שאפּ-ארבייטער וואָס האָבען פון צייט צו צייט געשריבען סקיצען.

דער ערשטער וויכטיגסטער אידישער סקיצען־ און ערצעהלונג־שרייבער אין אמעריקא איז געווען י ע ק ב ג אָ ר ד י ן. גאָרדין איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1892. איידער ער איז געקומען אהער, האָט ער געדרוקט פעליעטאָנען אין דער אָדעסער רוסישער צייטונג „אָדעסקי ליסטאָק". קומענדיג אין אמעריקא האָט יעקב גאָרדין געזוכט א צייטונג, וואו מיטצואַרבייטען. זייענדיג א פּראָגרעסיווער מענש האָט ער ניט געוואָלט געהן צו די יארמולקעס פון „טאָגעבלאַט". האָט איהם זיינער א פריינד, נאָך פון זיין געבורטס־שטאָדט יעליזאַוועטגראַד, געבראכט צו דער „ארבייטער צייטונג". דאָס איז געווען זומער צייט פון יאָהר 1892.

איך געדענק, עס איז געווען אין א הייסען זונטאָג אין דער פריה, ווען אַלע מיטאַרבייטער פון „אַרבייטער צייטונג" זיינען גע־

ווען אין אונזער רעדאַקציע. גענאַסע קראַנץ, דער ר׳עדאַקטאָר, האָט מיך אַרײַנגערופֿען אין זײַן צימער און פֿאָרגעשטעלט פֿאַר יעקב גאָרדין. אַ שעהנער אינטעליגענטער מאַן, מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט קלוגע אויגען, מיט אַ שמייכעל, פֿון וועלכען מען האָט געקענט זעהן, אַז דער מאַן באַזיצט אַ ברייטע מענשליכע האַרץ. גאָרדין האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעל מאַנוסקריפּטען און האָט פֿאַר אונז פֿאָרגעלעזען אייניגע פֿון זיי. אין איינער פֿון דיזע סקיצען, געדענק איך, האָט ער געשילדערט ווי אַזוי אַ איד, אַן אָרימער שניידער, וועלכען מען האָט גערופֿען „נפתלי פֿאַלגע״ („פֿאַלגע״ מיינט אין אוקרייאינער געגענד אַ שניידער) קומט פֿאַר׳ן בית־דין של מעלה, אויף יענער וועלט, און דער מלאך וויל אויסגעפֿינען וואו ער דאַרף דעם „פֿאַלגע״ פֿאַרשיקען — צי אין גיהנום, צי אין גן-עדן. נעמט דער מלאך נפתלי׳ן אויספֿרעגען, דערצעהלט איהם דער שניידער, אַז אַזוי ווי זײַן גאַנצען לעבען אויף ד ע ר וועלט, האָט ער אימער אַזוי שווער געאַרבייט, אַז ער האָט קיין מאָל קיין צייט ניט געהאַט גענוג אויסצורוהען זיך, בעט ער דאַרום דעם מלאך, ער זאָל איהם שיקען דאָרטען וואו ער וועט זיך אמאָל קענען אויסרוהען.

גאָרדין האָט עס פֿאַרגעלעזען אַזוי שעהן, אַז מיר אַלע וואָס זיינען דערביי אָנוועזענד געווען זיינען געבליבען פֿאַרגאַפּט.

— איהר ווייסט וואָס, — רופֿט זיך אָפּ צו איהם קראַנץ, — קומט לאָמיר אַריבערגעהן צו דער אידישער טעאַטער קאָמפּאַניע, זיי דאַרפֿען אייך האָבען, זיי האָבען ניט קיין פּיעסען צום שפּילען. איהר זייט דער איינציגער, וואָס קאָנט מאַכען אַ רעוואָלוציע אויף דער אידישער ביהנע...

געזעגענענדיג זיך מיט אונז האָט יעקב גאָרדין איבערגעגעבען קראַנצען אַ אידישע סקיצע פֿאַר דער „אַרבייטער צייטונג״. דער נאָמען פֿון דער סקיצע איז געווען „די אָבלאַווע״.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און יעקב גאָרדין האָט פֿאַרפֿאַסט זיין ערשטע אידישע דראַמע, „סיביריא״, אין וועלכער יעקב אַדלער און זיין פֿרוי סאַראַ אַדלער האָבען געשפּילט די הויפּט־ראָלען.

יעקב גאָרדינ׳ס סקיצען און ערצעהלונגען אין די אַרבייטער־בלעטער האָבען פֿיל ביינעטראַגען צו דער אויפֿקלערונג פֿון די

אידישע מאסען. די ראָלע וואס גאָרדינ'ס פיעסען האָבען געשפּילט אין דער געשיכטע פון דעם אידישען טעאטער איז אַלעמען באַקאַנט. ער האָט די אידישע ביהנע ארויסגעשלעפּט פון דעם זומפּ אין וועלכען זי האָט ביז דאַן געשטעקט.

אביסעל שפּעטער ווי יעקב גאָרדין האָט גענומען שרייבען סקיצען אין דער „ארבייטער צייטונג" איז אויפגעקומען א נייער טאַלאַנט — ז. ל י ב י ן. ליבינ'ס סקיצען האָט מען גענומען דרוקען אין דער „ארבייטער צייטונג" דורך א נס, וועלכען איך וועל דאָ אין קורצען דערצעהלען.

אין יאהר 1892 איז געגאָסע קאהאַן געוואָרען דער רעדאַק־טאָר פון דער „ארבייטער צייטונג". דאַן איז ער נאָך געווען א לעהרער אין דער שטאָדטישער אבענד־שול אויף קריסטי סטריט. די שכירות וואס די „ארבייטער צייטונג" האָט געצאָהלט דעם רעדאקטאָר — 8 דאָלאר א וואָך — איז ניט געווען גענוג צום לעבען. קיין אנדערע באַצאָהלטע מיטארבייטער אין דער צייט־טונג זיינען דאַן נאָך ניט געווען. פלעג איך פרייוויליג ארויס־העלפען געגאָסע קאהאַנ'ען צו טאָן די שווארצע ארבייט אין דער רעדאַקציע: אמאָל עפּעס אָנשרייבען, איבערזעצען, און אויך מאַכען דעם „בריפקאסטען".

איך געדענק ווי מיר זיינען אמאָל געקומען שפּעט ביי נאכט פון א מיטינג אין דער רעדאַקציע פון „ארבייטער צייטונג". דאס איז שוין געווען אין 91 דעלענסי סטריט, און איך האָב גענומען פאַרלעזען פאר קאהאַנ'ען די צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטען. אזוינע זאַכען פלעגען אָנקומען גאַנצע בערג. זעהר ווייניגע פון זיי זיי־נען געווען דרוקבאַר, ווייל, ווי איך האָב שוין אין די פריהערינגע קאַפּיטלען געזאָגט, איז צווישען דער אידישער מאַסע דאַן געווען בלויז א קליינע צאָהל אינטעליגענטע מענשען וואס זאָלען קענען שרייבען פאר א צייטונג. געג. קאהאַן האָט מיר אָנגעזאָגט, אז ווען א מאַנוסקריפּט איז געשריבען לא יוצלח'דיג, זאָל איך עס גאָר ניט לייענען. „לעזט נאָר די, וואָס איהר זעהט פון אָנפאַנג אָן, אז דאָס געשריבענע האָט עטוואָס א זין", האָט ער מיר געזאָגט. זיץ איך אזוי יענעם אָבענד, שלעפּ פון זאַק די מאַנוסקריפּ־

טען, און לעז. עס איז שוין געווען זעהר שפּעט און מיר זיינען ביידע געווען זעהר מיד און שלעפעריג. איך לעז אלץ, און לעז און ווארף איין מאנוסקריפּט נאָכ'ן צווייטען אין פּאַפּיר־קאָרב. מיט אמאָל פאנג איך אָן צו לעזען א סקיצע, געשריבען מיט א שווידערליכער האנדשריפט. איך לעז און לעז, און די סקיצע געפעלט מיר אלץ מעהר און מעהר.

— אָט האָב איך געפונען — זאָג איך צו קאהאנ'ען — א סקיצע. די האנדשריפט זעהט אויס ווי קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, אבער עס לעזט זיך א מחיה. אָט הערט — זאָג איך — און איך לעז איהם פאָר. קאהאן הערט זיך צו אויפמערקזאם צו יעדען וואָרט. אונטערגעשריבען איז געווען „ז. ליבען".

— אויסגעצייכענט! — שרייט אויס גענאָסע קאהאן אויף זיין הויכער שטימע. — שרייבט אריין אין בריפקאסטען — זאָגט ער צו מיר — „ז. ליבין, קומט אריין אין אונזער רעדאקציע וועגען אייער סקיצע וואס איהר האָט צוגעשיקט."

— איהר ווייסט, — זאָגט קאהאן צו מיר, — מיר געפעלט ניט דער שלום פון דער סקיצע, איך וויל מיט דעם שרייבער איבעררייד ען וועגען ענדערען עס. די שלעכטע האנדשריפט מאכט ניט אויס. עס טרעפט אָפט, אז די בעסטע שרייבער האָבען די ערגסטע האנדשריפט.

אין א טאָג ארום געהט צו מיר צו א יונגער מאן, וועלכען איך האָב איינינע מאָל באגעגענט אין אונזער לייבאָר לייסעאום, אין 91 דעלענסי סטריט. זיין נאָמען אָבער האָב איך ניט געוואוסט, נאָר אז ער איז א קאפּענמאכער ביים טרייד האָב איך יא געוואוסט. ער פרעגט מיר ווען ער קען זעהן דעם רעדאקטאָר קאהאנ'ען. אזוי ווי קיין נודניקעס האָבען דאן אויך ניט אויסגעפעהלט, און איך האָב געמיינט, אז ער איז אויך איינער פון זיי, האָב איך איהם געענטפערט, אז איך וויים ניט. דער איד איז אבער ניט פויל, ער נעהמט ארויס פון קעשענע א נומער „ארבייטער צייטונג" און צייגט מיר, אז מען רופט איהם אין רעדאקציע.

— אזוי גאָר, — זאָג איך, — זייט איהר דאָס ז. ליבין, טאָ קומט זשע טאַקע צום רעדאקטאָר.

איך פיהר איהם, אָט דעם קליינטשינקען יונגען מאַן, און שטעל איהם גלייך פאַר פאַר קאַהאַנ׳ען.

פון דאַן האָט ער אָנגעפאַנגען שרייבען כמעט אַלע וואָך אין דער „אַרבייטער צייטונג”. ליבינ׳ס סקיצען און דראַמען האָבען געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף די אידישע אַרבייטער מאַסען פון אַמעריקאַ.

שפּעטער האָבען מיר צוגעקראָגען נאָך אַ וויכטיגען בעלעטריסט אין דער פּערזאָן פון ל ע אָ ן ק אָ ב ר י ן. קאָברין האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען זיינע סקיצען און ערצעהלונגען אין אונזער טעגליכען „אָבענד־בלאַט”, אין יאָהר 1894 אָדער 1895.

איך געדענק נאָך ווי גענאָסע קראַנץ האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר קאָברינ׳ען, דאָס איז געווען אין רעדאַקציע פון „אָבענד־בלאַט”. קאָברין איז דאַן ערשט געקומען פון פילאַדעלפיא, וואו ער האָט אַ צייט געאַרבייט ביי ציגאַרען. איינינע פון קאָברינ׳ס סקיצען האָבען דאַן געמאַכט אַ „היט”, מען פלעגט זיי לעזען און פאַרלעזען. עס האָט ניט גענומען לאַנג ווי קאָברין איז אויך געוואָרען אַ דראַמאַ־טורג. זיין ערשטע פּיעסע וואָס מען האָט אויפגעפיהרט האָט געהייסען „די איסט סייד געטאָ”. מען האָט זי דאַן אויפגעפיהרט אין „טאַליאַ טעאַטער”. דוד קעסלער האָט זיך שטאַרק אויסגע־צייכענט אין דיזער פּיעסע. מען האָט די פּיעסע געשפּילט אַ לאַנגע צייט.

אָבער צו יענער צייט זיינען שוין צוגעקומען אַ גאַנצע רייע יונגע סקיצען־שרייבער וועמעס ערצעהלונגען פלעגען זיך דרוקען אין די אַרבייטער־צייטונגען.

די אַרבייטער־פּאָעטען און סקיצען־שרייבער האָבען פיל ביי־געטראָגען צו דער אַנטוויקלונג פון דעם באַוואוסטזיין פון די אידישע אַרבייטער־מאַסען אין אַמעריקאַ.

.16

דער ערשטער ליבאָר לייסעאום און די ערשטע „גענאָסענשאַפטליכע קיבעצארניע" אין ניו יארק.

די ראָלע, וואָס די קאַפע־סאַלונס האָבען געשפּילט אין דער באַוועגונג. — דער ערשטער קאָאָפּעראטיווער קאפע־סאלון און די גרינדער פון דעם ערשטען לייבאָר לייסעאום אין יאָהר 1892.

די ערשטע צייט, ווען די אידישע סאָציאַליסטען האָבען אין ניו יאָרק געגרינדעט די ארבייטער באַוועגונג, האָבען מיר פיל געליטען פון דעם, וואָס מ'האָט ניט געהאט קיין שטענדיגען פּלאַץ, וואו זיך צוזאמענצוטרעפען, אום צו באשפּרעכען די טעטיגקייט און אין אַלגעמיין די באַוועגונגס־אַנגעלעגענהייטען. עס האָט זיך געפאָדערט צו אַטענדען פארשידענע קאָמיטע ארבייט; אויסער דעם האָט זיך די גענאָסען געוואָלט גלאַט אזוי זיך אָפט צוזאמענטרעפען, צו דעבאַטירען וועגען די הויכע אידעאַלען, וועגען סאָציאַליזם, אנארכיזם און וועגען די צוקונפטיגע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. מען דארף ניט פארגעסען, אז צו יענער צייט איז דער ענטוזיאַזם און די באַגייסטערונג פאר'ן סאָציאַליזם צווישען די באַוואוסטזיניגע אידישע ארבייטער געווען אוגמעהויער גרויס. ווי ערהאָבען עס האָט זיך דאַן געפיהלט א גענאָסע, ווי גליקליך ער האָט זיך געפיהלט פון געדאַנק, אז ער איז א טרעגער פון דעם הייליגען אידעאַל, וועלכען מען רופט סאָציאַליזם — דאָס קאָנען פארשטעהן בלויז די יעניגע, וועלכע האָבען עס אליין איבערגעלעבט.

איך אליין געדענק ניט אין מיין גאַנצען לעבען נאָך אזא צייט, ווען איך זאָל זיך האָבען געפיהלט אזוי גוט, אזוי אַנגענעם, אזוי גליקלאַך, ווי דאַן, אין יענער צייט, ווייל איך האָב געהאט דאָס גליק א מעהר אָדער ווייניגער טעטיגען אנטייל

צו נעמען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און דאָס באַהויפּטען אויך פילע פון מיינע נאָהענטע קאַמעראַדען.

די גענאָסען האָבען געפיהלט אַ נויטווענדיגקייט צו האָבען אַ שטענדיגען אייגענעם פּלאַץ. מען האָט געזוכט פּלעצער, וואו זיך צו טרעפען, מען פּלעגט זיך צוזאַמענקומען אויף די פּריוואַטע קוואַרטירען פון די גענאָסען. דאָס איז אָבער ניט געווען באַקוועם. מען האָט זיך דערפרעהט, אז אַ גענאָסע האָט ערעפענט אַ קאַפע־סאַלון, וואו מען האָט זיך געקענט טרעפען צו יעדער צייט.

מען קאָן זאָגען מיט רעכט, דאָס די קאַפע־סאַלונס האָבען דאָן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ערשטער פּעריאָדע פון דער גאַנצער אידישער אַרבייטער באַוועגונג.

דער ערשטער קאַפע־סאַלון, וואו עס פּלעגען זיך טרעפען אידישע אַנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען, איז געווען דער קאַפע־סאַלון פון אַ געוויסען איזידאָר זאַקס, אַן אַנאַרכיסט. זיין קאַפע־סאַלון האָט זיך געפונען אין עלדרידזש סטריט לעבען גרענד. דיזער קאַפע־סאַלון האָט זיך געעפענט אין יאָהר 1888. דאָס איז געווען די ערשטע „גענאָסענשאַפטליכע קיבעצאַרניע" אויף דער איסט־סאַיד.

אין יענעם קאַפע האָט מען געקענט געפינען צו יעדער צייט סאַי בייטאָג, סאַי ביינאַכט, גענאָסען, וועלכע פלעגען טרינקען טהעע, קאַפע, אָבער מעהר פאַר אַלץ פלעגט מען דאָרטען גאַנצע טעג און נעכט דעבאַטירען און ריידען וועגען דער באַוועגונג.

עס איז ווערט צו באַמערקען דאָס אין יענעם קאַפע האָב איך זיך באַקענט מיט אַלעקסאַנדער בערקמאַן, וועלכער האָט דעמאָלסט געאַרבייט ביי שוירטס. עמאַ גאָלדמאַן איז אויך געווען אַ באַזוכערין פון יענעם קאַפע, זי איז אָבער נאָך געווען גאַנץ אומבאַקאַנט.

אין זאַקס' קאַפע פּלעגען אריינקומען מעהר אַנאַרכיסטען, ווי סאָציאַל־דעמאָקראַטען, דאָך פּלעגען קומען אַלע פּראָמינענצען פוןביידע לאַגערען און זיי האָבען אימער דיסקוטירט. וואָס גרעסער די באַוועגונג איז געוואָרען, אַלץ שטאַרקער פּלעגט די

קאפע באזוכט ווערען פון גענאָסען, און די קאפע האָט געמופט אין א גרעסערען פלאַץ, אין 31 נאָרפאָלק סטריט. די רייסערייען צווישען די אַנאַרכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען ביי דער קאָנווענשאָן אין יאַנואר, 1890, וועגען דער אַרויסגאַבע פון אַן אומפּאַרטייאישער ארבייטער צייטונג, האָבען געבראַכט דערצו, אַז יעדער לאַגער האָט שוין נאכהער געהאַט א באַזונדערען קאפע־סאַלון, וועלכען זיי פּלעגען באַזוכען. דער ערשטער קאפע־סאַלון, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גענאָסען האָבען געגומען צוזאַמענקומען זיך נאָך דער אַנאַרכיסטישער קאָנווענשאָן, איז געווען אין 107 אָרטשאַרד סטריט, ביי א געוויסען גענאָסע סאקאל. דער פּלאַץ איז אָבער ניט געווען גרויס גענוג, האָט גענאָסע זוסמאַן, דער דאַמאָלסדיגער פּיהרער פון דער שוירט מאכער יוניאָן, געעפענט א גרויסען קאפע־סאַלון אין 264 ברום סטריט. יענע קאפע מעג מען מיט רעכט רופען די היסטאָרישע קאפע פון אלע גענאָסענשאַפטליכע קאפעס, ווייל עס איז געווען אין דער צייט ווען עס זיינען פאָרגעקומען אלע דזשענעראל סטרייקס פון קלאָוקמאַכער, קעפּמאַכער, שוירטמאכער, ניע־פּענטס מאכער און פון פילע אַנדערע אידישע טריידס. די פּיהרער פון אלע סטרייקס, די רעדאַקטערע, די שרייבער פון „ארבייטער צייטונג", אלע גענאָסען פון דער פּאַרטיי פּלעגט מען דאָרט אין יענער קאפע טרעפען טאָג און נאכט. עס פּלעגט דאָרטען זיין רעכט היימליך און לוסטיג, ספּעציעל ווינטער־צייט.

אין יאַנואר, 1892 האָבען זיך אין אָפיס פון „ארבייטער צייטונג", וועלכע האָט זיך געפונען אין 81 לודלאָוו סטריט, פאַרזאַמעלט 3 גענאָסען צו באַשפּרעכען די פראגע וועגען גרינדען א אידישען לייבאָר לייסעאום. די גענאָסען זיינען געווען: א געוויסער א. גאָלדשטיין, אייבראַמסאָן, וועלכען מען פלעגט רופען דער „פאַרמער", ווייל ער פלעגט נאָך פרעדיגען וועגען קאָלאָניעס פאר סאָציאַליסטען, און דער דריטער איז געווען דער שרייבער פון דיזע צייל־ען, וועלכער איז דאַן געווען דער סעקרעטער פון די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען" און דער אָרגאַניזער פון דער אידישער סעקציע פון ס. ל. פּ. מיר דריי האָבען גלייך

אויפ'ן שטעל באַשלאָסען צו גרינדען אַן אייגענעם קאַפע־סאַלון, אַלס אַן אָנפאַנג פאַר אַ לייבאָר לייסעאום. מען האָט גערופען אַ צווייטען מיטינג, וואו מען האָט געגרינדעט אַ „לייבאָר לייסעאום אַסאָסיאיישאָן". מען האָט גלייך בייגעשטייערט געלט. רייכערע גענאָסען האָבען אויסגעבאָרגט פיל געלט און עס איז געוואָרען אַ הונדערט און פופציג דאָלאַר. דאָס האָט דאַז געהייסען אַ גרויסע סומע, און מען האָט גלייך געדונגען אַ סטאָר אויף עלען סטריט, לעבען ברום, און דאָרטען איז ערעפענט געווארען דער ערשטער לייבאָר לייסעאום, וועלכער האָט אויסגעזעהן גראדע ווי יעדער אנדערע קאפע, מיט דעם אונטערשייד וואס ער האָט באַלאַנגט צו אַן ארגאניזאציע, אָנשטאָט צו פּריוואט מענשען. צוויי פון די צימערען פון יענעם סאלון זיינען באנוצט געווארען; אלס קליינע מיטינג־פּלעצער און פאר קאָמיטעס.

די קאַפע פון 264 ברום סטריט האָט נאָך דאַן אויך עקזיסטירט. עס האָט שוין באַלאַנגט צו אַ גענאָסע מ. וויים. אַ היבשע צאָהל גענאָסען פּלעגען נאָך געהן אין 264 ברום סטריט, ווייל זיי האָבען „געקליימט", אַז דער לייבאָר לייסעאום איז אַ קאָנקורענץ געגען וויים'ס קאַפע.

די צימערען אויף עלען סטריט זיינען ניט געוועזן צוגעפּאַסט פאר אַ לייבאָר לייסעאום, ווייל דער פּלאַץ איז געוועזן צו קליין. די „ארבייטער צייטונג" האָט אויך געדארפט מופען פון 81 לודלאָוו סטריט, האָט מען באַשלאָסען צו זוכען אַ פּלאַץ פאַר ביידע צוזאַמען. עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט געדונגען אַ גאַנצע הויז אין 91 דילענסי סטריט. דעם ערשטען מאַי פון יענעם יאָהר (1892), האָט מען געעפענט דעם לייבאָר לייסעאום, וועלכער איז געוועזן דאָס אייגענטום פון דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ. די גענאָסען פון איבעראַל האָבען בייגעשטייערט צימליך גרויסע סומען געלט, און מען האָט דעם סטאָר איינגעפיקסט פאַר אַן ערשט־קלאַסיגע קאַפע. דער צווייטער פלאָר איז געוועזן דער אָפיס פון דער „ארבייטער צייטונג" און דער אָפיס פון די געווערקשאַפטען. דער טאָפּ פלאָר איז געוועזן דער שאָפּ פאַר די זעצער פון דער צייטונג. אין בייסמענט איז ערעפענט געוואָרען די לייברערי

פון דער אידישער סעקציע ס. ל. פ. אויפ'ן ערשטען פלאַר איז געוועזן אַ גרויסער האָל פאר אַ דריי־פיער הונדערט מענשען.

די ערעפענונג פון לייבאָר לייסעאום איז פאָרגעקומען דעם 1טען מאי, וועלכער איז אויסגעפאלען שבת. די מאי־דעמאָנסט־ראַציע פון יענעם יאָהר, ספּעציעל פון די אידישע יוניאָנס, איז געוועזן איינע פון די גרעסטע. עלף אזייגער אין אָווענט איז פאָר־געקומען אַ גרויסער באַנקעט פאר אַלע געגאָסען און געסט אין דעם נייעם לייבאָר לייסעאום, אין 91 דילענסי סטריט. דער באנקעט האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. מען האָט געגעסען און געטרונקען און געהאַלטען רעדעס.

אין יענעם לייבאָר לייסעאום זיינען פארגעקומען פילע וויכטיגע פּאַסירונגען. אויף אַ קאָנווענשאָן דאָרט איז באשלאָסען געוואָרען צו גרינדען די „צוקונפט". דער לייבאָר לייסעאום איז געוועזן אַן אמת'ע היים פאר טויזענטער אידישע ארבייטער, יעדער האָט גע־וואוסט פון 91 דילענסי סטריט. עס האָבען זיך דאָרטען פּאַרזאַ־מעלט די געווערקשאַפטען; פּרייטאָג צו־נאַכט פלעגען דאָרטען זיין אגיטאַציאָנס־מיטינגען פון דער ס. ל. פּ. יעדען אָווענט פלעגען זיך פארזאמלען אנדערע יוניאָנס. דער קאַפע־סאַלון פלעגט זיין שטארק באַזוכט. מען פלעגט דאָרטען דעבאַטירען, אונטערהאַלטען זיך. געגאָסען פלעגען קומען פון בראָנזוויל, פון ברוקלין, פון ניו דזשוירזי צו זעהן זיך איינע מיט די אַנדערע. איבערהויפּט איז דער לייבאָר לייסעאום געוועזן וויכטיג פאַר די געגאָסען פון די ווייטע שטעדט. דאָס איז געוועזן אַ באַשטימטער פּלאַץ, וואו זיי האָבען געקענט טרעפען זיך מיט אזוי פיל געגאָסען אויף איין מאָל.

די באַוועגונג האָט דאַן געבליהט. עס איז אבער ניט באַשערט געוועזן עס זאָל געדויערען לאַנג די פרייד פון די געגאָסען, ווייל אין אַ יאָהר שפּעטער איז אָנגעקומען דער שרעקליכער קריזיס פון יאָהר 1893, ווען אידישע ארבייטער זיינען ארומגעגאַנגען אין די טויזענטער אָהן ארבייט.

.17

דעניעל דעליאָן און די אידישע יוניאָנס.

דער אָנפאַנג פון דעניעל דעליאָנ'ס קאַריערע אין דער ארבייטער באַוועגונג. — די „נייטס אָוו לייבאָר" און די „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר". — דער ערשטער פארזוך צו גרינדען סאָציאַליסטישע אָפּאָזי־ציאָנס־יוניאָנס אין אמעריקא. — דער קאַמף צווישען דעליאָנ'ען און די דייטשע גענאָסען. — די „פּיפּל" און די „פאָלקס־צייטונג". — דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס" און זיין קאַמף געגען די דאַמאָלסדיגע יוניאָנס.

דעניעל דעליאָן, וועמען פילע האָבען גערופען דער באָס פון דער סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי, האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף אונזערע אידישע יוניאָנס.

פּראָפעסאָר דעליאָן איז געוואָרען אַ מעמבער פון דער ס. ל. פּ. אין יולי 1890 יאָהר. ביז יענער צייט איז דעליאָן געווען אומ־באַקאַנט אין די סאָציאַליסטישע קרייזען. ער האָט אַפילו יאָ גענומען אַן אַנטייל אין דעם הענרי דזשאָרדזש קאַמפּיין פון יאָהר 1886. ער איז אָבער דאַן געווען אַ סינגעל־טעקסער, פון הענרי דזשאָרדזש'ס חדר. אייניגע פון די אידישע סאָציאַליסטען האָבען דעליאָנ'ען געקענט נאָך פון יענעם קאַמפּיין, ער איז דאַן געקומען צום דאַמאָלסדיגען „אידישען ארבייטער פאַראיין" אַלס אַ קאָמיטע צו־זאַמען מיט אַ געוויסען גענאָסע אַדאָלף ראָזענבערג, איינצולאַדען דעם פאַראיין מיטצואַרבייטען אין יענעם קאַמפּיין.

דער אריינטריט פון פּראָפעסאָר דעליאָן פון קאָלומביא קאָ־לעדזש אין דער ס. ל. פּ. האָט דאַן אָנגעמאַכט אַ רושם אין די סאָציאַליסטישע קרייזען, ווייל צו יענער צייט האָט די פּאַרטיי כמעט ניט געהאַט קיינע ענגלישע לעקטשורערס. די עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געפונען אין ניו יאָרק, האָט

אָרגאַניזירט פאַר דעליאָנ'ען אַ לעקטשור־טור איין פאַרשידענע שטעדט פון לאַנד.

איידער דעליאָן איז אַרויסגעפאָהרען אויף זיין טור, האָט ער באַזוכט די רעדאַקציע פון דער „אַרבייטער צייטונג" און האָט זיך באַקאַנט מיט אַב. קאַהאַן, פ. קראַנץ און אַנדערע גענאָסען פון דער „אַרבייטער צייטונג."

דעליאָנ'ס טור האָט געדויערט איינינע מאָנאַטען. ווען ער איז צוריקגעקומען אין ניו יאָרק, איז ער געוואָרען אַ מיטאַרביי־טער פון דער וועכענטליכער ענגלישער פּאַרטיי־צייטונג „די פּיפּל", דער רעדאַקטאָר פון וועלכער עס איז דאַן געווען ל ו ס י ע ן ס ע נ י ע ל. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דעליאָן איז אַליין געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון „די פּיפּל". גלייך ווי דאָס איז געשעהן, האָט דעליאן געזוכט צו ווערען דער הויפּט־פיהרער פון דער פּאַרטיי.

צו יענער צייט האָט עקזיסטירט אין ניו יאָרק אַן אַמעריקאַנער סעקציע פון דער ס. ל. פּ. אמת'ע געבאָרענע אַמעריקאַנער זיינען אָבער דאָרט געווען ניט קיין סך. די מעהרסטע מעמבערס זיינען געווען דייטשע און אידישע גענאָסען, וועלכע האָבען גערעדט ענגליש. פון די פּראָמינענטע גענאָסען האָבען דאָרט באַלאַנגט וויל־שאיר, סאַדהערן, אַב. קאַהאַן, יוגאָ פאָגט, אָוען א. פיליפּס, מיס וואַן עטען. דיזע ענגלישע גענאָסינע האָט אַנטייל גענומען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. איבערהויפּט איז זי געווען טעטיג אין די יוניאָנס צו וועלכע עס האָבען באַלאַנגט אַרבייטערינען.

עס האָט ניט גענומען זעהר לאַנג און אין דער דאַמאָלס־טיגער אַמעריקאַנער סעקציע ס. ל. פּ. האָבען זיך אָנגעהויבען מחלוקות, איבער דעם צו דעליאָן זאָל דאָרטען האָבען די אויבער־האַנט. עס האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס דעליאָן האָט אויסגע־פיהרט. בלויז זיינע פּאָרשלעגע פלעגען דאָרט דורכגעהן, דערפאַר פלעגען דאָרט אַלע מיינונגען געגען דעליאָנ'ען ניט געדולדעט ווע־רען. דער רעזולטאַט איז געווען אַז אַ געוויסע צאָהל גענאָסען האָ־בען צוליב דעם פאַרלאָזען יענע אַמעריקאַנער סעקציע, ווייל זיי

איז ניט געפעלען געוואָרען אַזאַ מין טאַקטיק, וועלכע זיי האָבען באַטראַכט אַלס „באַסערייי״.

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דעליאָנ׳ס טעטיגקייט ביי די סאָציאַליסטען אויף דעם געביט פון „רייניגען די רייהען פון די קלאַסען באַוואוסטע סאָציאַליסטען״. צו יענער צייט האָבען די פּאַרטיי־גענאָסען נאָך ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, ווי ווייט דעליאָן וועט טרייבען זיין טאַקטיק פון „רייניגען די רייהען״.

איך פיהל זיך ניט אימשטאַנד צו כאַראַקטעריזירען דעליאָנ׳ס גאַנצע טעטיגקייט אין דער ס. ל. פּ. פאַר די אַלע יאָהרען.

אַלע פאַקטען, וועלכע איך גיב דאָ איבער, זיינען ניט מעהר ווי מיינע פּערזענליכע עראינערונגען. די פאַקטען וועלכע איך ברענג זיינען ניט איבערטריבען, איך קען אָבער ניט קאַווירען אויב וועלכע עס ניט איז איינצעלנע פאַקטען פעלען, ווייל איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ בשר ודם. איך מוז דאָ זאָגען, אַז אין יענע יאָהרען, אין די יאָהרען פון מיין יוגענד, בין איך געווען זעהר טעטיג איבעראַל, אין יעדע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און אין יעדע יוניאָן, ווייל די אַרבייטער באַוועגונג איז דאַן אין פאַרגלייך מיט איצט געווען זעהר קליין. איך פּערזענליך בין געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דעליאָנ׳ען. איך פלעג געהן צו אַלע לעקטשורס וועלכע דעניעל דעליאָן האָט געהאַלטען, איך פלעג זיין ביי אַלע ביזנעס מיטינגען וואו דעליאָן האָט געהאַלטען אַגיטאַציאָנס רעדעס, און אַ לעקטשורער און אַ רעדנער איז דעליאָן געווען זעהר אַ גוטער. עס איז געווען וואָס צו הערען, און וואָס צו פאַרדייען. זיינע צוהערער פלעגען שנעל ווערען אָנהענגער פון די אידעען, וועלכע ער האָט געפּרעדיגט.

שפּעטער, ווען איך האָב גענומען זעהן אַז צוליב דעליאָנ׳ס „רייניגען די רייהען״ פאַרלאָזען אַ מאַסע גוטע גענאָסען די פּאַר־טיי, האָב איך גענומען קלערען, אַז צוליב דעליאָנ׳ען וועט מען שעדיגען די פּאַרטיי, און פאַר ברעכען די פּאַרטיי האָב איך זיך זעהר געשראָקען. עס וועט זיך ענדערען אין דער פּאַרטיי, האָ־בען מיר, פאַנאַטיקער, געשריען. און מיר זיינען געשטאַנען אין דער פּאַרטיי און געדולדעט דעליאָנ׳ס טאַקטיק ביז׳ן סוף, ווען

דרײַ פּערטעל פֿון דער פּאַרטײַ זײַנען אויף אַמאָל אַוועק פֿון דער ס. ל. פּ. דאָס איז שוין געווען דער צווייטער גרויסער פֿאַר־לוסט און דעליאָן האָט אונז אָנגערופֿען די „קאַנגערוס״, — די שפּרינגערס. איך מאַך אָט די לעצטע באַהויפּטונג צוליב דעם, אום דער לעזער זאָל וויסן, אַז מײַנע פֿאַקטן זײַנען אויף אַ האָר ניט איבערטריבען.

די רייסערייען אין דער אַמעריקאַנער סעקציע ס. ל. פּ. האָבן אינטערעסירט בלויז די פּאַרטײַ גענאָסן. די אויסערע וועלט אָבער האָט זעהר ווייניג געוואוסט דערפֿון.

דעניעל דעליאָנס טעטיגקייט האָט אָנגעפֿאַנגען „פּאָפּולער״ ווערען, ווען ער האָט זיך גענומען מישען אין דער טרייד יוניאָ־ניסטישער באַוועגונג. דאָס איז פֿאָרגעקומען אויף אַזאַ אופֿן:

די „סענטראַל לייבאָר יוניאָן״ פֿון ניו יאָרק, — אַזוי האָט זיך דאַמאָלט גערופֿען די צענטראַלע קערפּערשאַפֿט, צו וועלכע עס האָ־בען באַלאַנגט אַלע ענגלישע און דײַטשע יוניאָנס, — איז באַשטאַ־נען פֿון צוויי עלעמענטען, פֿון קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע יוניאָנס. די פֿאָרטרעטער פֿון די ענגלישע יוניאָנס זײַנען געווען קאָנסערוואַטיווע פּאָליטישענס, די דעלעגאַטען פֿון די דײַטשע יוני־אָנס זײַנען אַלע געווען טעטיגע סאָציאַליסטען, מעמבערס און פֿיהרער פֿון דער ס. ל. פּ. יעדען זונטאָג נאָכמיטאָג פֿלעגען בײַ דער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן״ פֿאָרקומען גרויסע שלאַכטען צווישען די קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע דעלעגאַטען. דער אָנפֿיהרער פֿון די פּראָגרעסיווע דעלעגאַטען איז געווען ל ו ד וו י ג י אַ ב ־ ל אָ נ אָ וו ס ק י, אַ פֿיהרער פֿון די פּראָגרעסיוו סיגאַרען מאַכער יוניאָן.

דער הויפּט וואָרט־פֿיהרער פֿון די קאָנסערוואַטיווע דעלעגאַ־טען איז געווען דער „באַריהמטער״ דזשימי אַרטשיבאַלד, דער דעלעגאַט פֿון דער פּייפּער־האַנגערס יוניאָן. יעדען מאָנטאָג פֿריה פֿלעגען אַלע ענגלישע צייטונגען זײַן פֿול מיט די באַריכטען פֿון די שטרייטיגקייטען, וועלכע זײַנען מיט אַ טאָג פֿריהער פֿאָרגעקומען בײַ די זיצונגען פֿון יענער קערפּערשאַפֿט. פֿילע פֿון די קאָנסערוואַ־טיווע דעלעגאַטען פֿלעגען דאָן צופֿיל שאַכערן מיט דער באַוועגונג;

די סאָציאַליסטען פֿלעגען זיי וואַטשען, עס האָט אָבער גאָרניט גע־האָלפֿען און עס איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג. אין אַ געוויסען זונטאָג נאָכמיטאָג האָבען דעלעגאַטען פֿון קנאַפּע 70 יוניאָנס פֿאַר־לאָזען די זיצונג פֿון דער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן" און האָבען איינבערופֿען אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַלע פּאָרטגעשריטענע יוניאָנס. אויף יענער קאָנפֿערענץ איז אויך די ס. ל. פּ. געווען פֿאַרטראָטען: די אַלטע „סענטראַל לייבאָר יוניאַן" וואָלט קיינמאָל ניט צוגעלאָזען דעלעגאַטען פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי.

די קאָנפֿערענץ האָט באַשלאָסען צו גרינדען אַן אייגענע צענט־ראַלע קערפּערשאַפֿט אונטער דעם נאָמען „סענטראַל לייבאָר פֿע־דערייישאָן". צו יענער קערפּערשאַפֿט האָבען באַלאַנגט אַלע דאַ־מאָלסטדיגע פּראָגרעסיווע יוניאָנס, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אונ־טער די פֿיהרערשאַפֿט פֿון סאָציאַליסטען. אַלס דעלעגאַטען פֿון דער ניו יאָרקער סעקציע ס. ל. פּ. זיינען צוגעלאָזען געוואָרען ד ע נ י ע ל ד ע ל י אָ ן און י ו ג אָ פּ אָ ג ט. צו יענער צייט זיינען געווען אַ היבש ביסעל פּראָגרעסיווע דייטשע יוניאָנס. דאָס איז געווען אין דער צייט פֿון דער גרויסער עמיגראַציאָן פֿון דייטשלאַנד. די דייטשע בעקער־יוניאָן האָט געהאַט אַלס איהר פֿיהרער מ. דעלאַ־באַר, די מעבעל־אַרבייטער האָבען געהאַט גענאָסע עמעריק, די ברויערס — קורצענקנאַבע, די סיגאַרען־מאַכער — ל. יאַבלאָנאָוו־סקי, די אַלע דעלעגאַטען זיינען געווען די טעטיגסטע מעמבערס פֿון דער ס. ל. פּ.

אין דער נייער קערפּערשאַפֿט, די „סענטראַל לייבאָר פֿעדע־ריישאָן" זיינען געווען פֿאַרטראָטען יוניאָנס, וועלכע האָבען באַ־לאַנגט צו דער „אַמעריקאַן פֿעדערייישאָן אָוו לייבאָר". די איבער־געבליבענע יוניאָנס פֿון דער אַלטער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן" זיי־נען מעהרסטענס געווען לאָקאַלס פֿון די „נייטס אָוו לייבאָר". עס האָט גענומען ניט לאַנג און די „סענטראַל לייבאָר פֿעדערייישאָן" האָט פֿאַרלאַנגט אַ טשאַרטער פֿון דער „אַמעריקאַן פֿעדערייישאָן אָוו לייבאָר". סעמועל גאָמפּערס איז נאַטירליך געווען פֿאַר דער נייער קערפּערשאַפֿט, ער איז אָבער געווען געגען דעם, אַז די סאָציאַלי־סטען זאָלען דאָרטען זיין פֿאַרטראָטען אַלס פּאַרטיי.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמף אין דער „סענטראַל לײ־באָר פעדערײשאָן" צוליב די דעלעגאַטען פון דער ס. ל. פּ. װײל דער עקז. קאָונסיל פון דער „אַמער. פעד. אָװ לײבאָר" האָט זיך ענטזאָגט אַרױסצוגעבען אַ טשאַרטער צו דיזער קערפּערשאַפט אױף דעם גרונד, װאָס דאָרטען איז געװען פאָרטראָטען אַ פּאָליטישע פּאַרטײ, די ס. ל. פּ.

דאַרף טרעפען צו יענער צײט, אַז די „בעקער צײטונג" האָט געקראָגען אַ נײעם רעדאַקטאָר, אַ געװיסען ה ע נ ר י װ ײ ס ־ מ אַ ן, ;ין אַנאַרכיסט, װעלכער איז דאָן אָהער געקומען פון סאַן־פראַנציסקאָ, (יעצט איז דער װײסמאַן אַ רײכער לאָיער, אַ רעפּוב־ליקאַנער פּאָליטישען) דער דאָזיגער הענרי װײסמאַן איז געװאָרען דער אָנפיהרער אין דער „סענטראַל לײבאָר פעדערײשאָן" געגען די סאָציאַליסטען.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמף אױף טױט און אױף לע־בען, װעלכער האָט געדױערט אַ צײט. די פראַגע װעגען טשאַר־טער איז אױך פאָרגעקומען פאַר דער קאָנװענשאָן פון דער „אַמערי־קאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר" צו װעלכער דעניעל דעליאָן איז ערשינען. דער רעזולטאַט איז געװען, אַז מען האָט קײן טשאַרטער ניט באַװיליגט און די „סענטראַל לײבאָר פעדערײשאָן" האָט צו־ריקגעװיזען די דעלעגאַטען פון דער ס. ל. פּ.

דעניעל דעליאָן האָט דאַן אָנגעפאַנגען אַן אַטאַקע אין „פּי־פּעל" אױף סעמועל גאָמפּערס'ן, הענרי װײסמאַנ'ען און אַלע אַנ־דערע „פעדערײשאָניסטען". אַזױ װי די ערשטע אַטאַקע האָט זיך איהם ניט אײנגעגעבען, האָט דעליאָן געזוכט אַרײנצוטרעטען אין די רײהען פון צװײטען לאַגער, נעמליך אין די „נײטס אָװ לײבאָר".

ניט זײענדיג קײן טרײדסמאַן האָט דעליאָן, נאַטירליך, ניט געקענט װערען קײן מיטגליעד פון אַ יוניאָן. בײ די „נײטס אָװ לײבאָר" פלעגען אָבער זײן אַזעלכע „געמישטע" לאָקאַלס, צו װעל־כע עס האָבען געקענט באַלאַנגען פּראָפעשאָנאַלס, אױטער לאָיערס און פּאָליטישענס.

די „נײטס אָװ לײבאָר" האָט אין ניו יאָרק געהאַט אַזאַ לאָ־קאַל אונטער'ן נאָמען „עקסעלשאָר לײבאָר קלאָב", װאו עס האָבען

אויך באַלאַנגט אייניגע „קאַפּ־אַרבייטער", שרייבער פון דער ס. ל. פּ. אין דיזען קלאַב איז דעליאָן אריינגעטראָטען אַלס מעמבער, און אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער געשיקט געוואָרען אַלס דעלעגאַט צום דיסטריקט 49 פון די „נייטס". דיזער דיסטריקט 49 אין ניו־יאָרק איז אַמאָל געווען די שטאַרקסטע און צאָהל־רייכסטע טרייד־יוניאָן קערפּערשאַפט. דאָס איז געווען אין יאָהר 1886, ווען די „נייטס אָוו לייבאָר" זיינען געווען אין פולען גלאַנץ. דיסטריקט 49 האָט געהאַט אַן אייגענע האַל, פּיטאַגאָראַס האַל, אויף קאַנעל, לעבען קריסטי סטריט, וואו יעצט איז דער מאַנהעטען ברידזש.

אין 1893 יאָהר האָט דער אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר" דורכ־געמאַכט אַ גרויסען קריזיס, ווייל איין נאַציאָנאַלע יוניאָן נאָך דער אַנדערער, האָבען גענומען פאַרלאָזען דעם אָרדען און האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דער „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". אַלע פיהרער פון אָרדען האָבען גענומען פּראָטעסטירען געגען זייער גרענד־מאַסטער, (אַזוי האָבען זיי גערופען זייער פּרעזידענט), פּ ו י ד ע ר ל י. מען האָט ערוואַרטעט, אַז די קאָנווענשאָן פון די „נייטס" וועלכע האָט געדאַרפט שטאַטפינדען יענעם יאָהר וועט זיין אַ שטורמישע און אַז פּוידערלי וועט נאָך צוואַנציג יאָהר פון זיין פיהרערשאַפט אַרונטערגעזעצט ווערען פון זיין אַמט. דעניעל דעליאָן האָט געוואָלט זיין אַ דעלעגאַט צו יענער קאָנווענשאָן, ער האָט אויך געוואָלט, אַז אַלע אידישע יוניאָנס זאָלען באַלאַנגען צו די „נייטס", צום דיסטריקט 49.

פון אַלע אידישע יוניאָנס, 30 אין צאָהל, וועלכע האָבען באַ־לאַנגט צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, האָט בלויז איין יוניאָן באַלאַנגט צו די „נייטס", דאָס איז געווען די אידישע בוכבינדער יוניאָן, וועלכע איז געווען פאַרבונדען מיט דעם בוכ־בינדער פאַרבאַנד, וואָס איז געווען אַ טייל פון די „נייטס". אייניגע גענאָסען פון דער ס. ל. פּ. דעלעגאַטען צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיינען געווען דאַגעגען, אַז די אידישע יוניאָנס זאָלען אַריינטרעטען אין די „נייטס" וועלכע איז געווען אַ געהיימע אָרגאַניזאַציאָן, מיט פעס־ווערטער, צערעמאָניעס און גלאַט נאַרישע פיהרונגען.

אזוי ווי די גענאָסען פון דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ. די „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" האָבען דאָן גע־האט א גרויסען איינפלוס אויף די דעלעגאטען צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, זיינען די גרעסטע צאָהל אידישע יוניאָנס אריינגעטראָטען אין 1894 יאָהר אין די „נייטס אָוו לייבאָר". דע־ליאָן איז געווען דער דעלעגאט צו דער קאָנווענשאָן פון די „נייטס" פון יענעם יאָהר. ביי דער קאָנווענשאָן איז ער געווען דער הויפּט־קעמפּער געגען פּוידערלי'ן, וועלכער איז דאָן דורכגעפאלען אלס גרענד מאסטער און אויף זיין פּלאַץ איז ערוועהלט געוואָרען א גע־וויסער מר. ס א ו ו ע ר י ן.

דעניעל דעליאָן איז דאָן צוזאמען מיט דעם נייען גרענד־מאסטער סאָווערין געקומען אין ניו יארק צו פּייערען זייער גרוי־סען זיג. אלע אידישע יוניאָנס, וועלכע האָבען באלאנגט צו די „נייטס", האָבען אראנזשירט א גרויסען מאס־מיטינג אין ווינדזאָר טעאטער, וואו דעליאָן מיט דעם נייען גרענד־מאסטער סאָווערין, זיינען אויפגעטראָטען אלס רעדנער.

דעניעל דעליאָן האט געדיינקט, אז ער האט שוין „עראָבערט" די גאנצע „נייטס אָוו לייבאָר".

אין די „נייטס אָוו לייבאָר" איז דאָן געווען א היבש ביסעל טראָבעל, שמוץ, בודעל און צרות און ביי'ם ערשטען צוזאמענ־שטויס, וועלכען דעליאָן'ס דיסטריקט 49 האט געהאט מיט דער נעשיאָנעל אסעמבלי פון די „נייטס אָוו לייבאָר", האָבען זיי דעם דיסטריקט 49 צוזאמען מיט דעליאָנ'ען מיט האק און פּאק אויסגע־שלאָסען פון די „נייטס".

אויף די חורבות פון יענעם אויסגעשלאָסענעם דיסטריקט 49 האט דעליאָן דאָן גענומען בויען זיין באריהמטע „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אליינס". אלע אידישע יוניאָנס, וואָס האָבען באַ־לאנגט צו די „נייטס אָוו לייבאָר" זיינען געווען זעהר צופרידען, וואָס זיי זיינען פון דאָרטען ארויסגעטראָטען, זיי זיינען אָבער נאָכגעגאנגען דעליאָנ'ען אין די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אליינס".

דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס"

דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס" איז געגרינדעט געוואָרען אין דעצעמבער 1895 אין דייטשען לייבאָר לייסעאום 64 איסט 4טע סטריט, אויף א קאָנ־ווענשאָן וועלכע דעניעל דעליאָן האט פאררופען. די אידישע אר־בייטער האָבען געשפּילט א גרויסע ראָלע אויף יענער קאָנווענשאָן, ווייל די גרעסטע צאָהל דעלעגאטען זיינען געווען פון אונזערע אי־דישע יוניאָנס. עס זיינען אויך געווען פארטרעטער פון א פּאָר דייטשע און פון דריי ענגלישע יוניאָנס פון דעם דיסטריקט 49 „נייטס אָוו לייבאָר". פון די דאמאָלסטדיגע פּראָמינענצען פון דער באוועגונג זיינען געווען אָנוועזענד ביים קאָנוועגשאָן: דעניעל דעליאָן, דער הויפט מיוחס, יוגאָ פאָגט, דער רעדאקטאָר פון „סאָ־ציאַליסט" (דייטשער פּארטיי אָרגאַן), פון דער ס. ל. פּ. פּעטריק מוירפי, וועלכער איז געווען דער סעקרעטער פון דיסטריקט 49 „נייטס אָוו לייבאָר" (דיזער פּעטריק מוירפי, אַן איירישמען, האט געשפּילט דאַן א גרויסע ראָלע אין דער באוועגונג. ער איז געוואָרען א מעמבער פון דער ס. ל. פּ. און דער גרעסטער אָנהענגער פון דעליאָן'ען.) עס איז אויך געווען א דעלעגאט מיט'ן נאָמען מ. בראָוער, אַן אמעריקאנער פון דער שוהמאכערס יוניאָן פון די „נייטס אָוו לייבאָר", ער איז געווען דער „מאסטער־וואָרקמען" (פּרעזידענט פון דיסטריקט 49 „נייטס אָוו לייבאָר"). ער מיט פּעטריק מוירפי'ן האָבען געשפּילט נאכהער א גרויסע ראָלע אין דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס". פון די אידישע גענאָסען זיינען גע־ווען פארטראָטען: י. שאפּירא, דער דאמאָלסטדיגער סעקרעטער פון די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען", און נאָך פּאָל־גענדע טעטיגע גענאָסען: יאָזעף שלאָסבערג, ס. ד. קופּער, מ. הארקאָוו. א צוועלף אידישע יוניאנס זיינען געווען פארטראָטען ביי יענער קאָנווענשאָן.

אויף יענער קאָנווענשאָן האט דעניעל דעליאָן פאָרגעלייגט זיין פּלאַן פון גרינדען א סאָציאַליסטישען אָרדען פון טרייד יוניאנס,

וועלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס". ער האָט ערקלערט, אַז די „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" איז אַ „פּיור און סימפּל" אָרגאַניזאַציאָן, די יוניאָנס וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" קעמפּפען נאָר אויפ'ן „עקאָנאָמישען וועג און דיזע יוניאָנס איז זאָגאַר פאַרבאָטען צו שטיצען וועלכע עס איז פּאָליטישע אַרבייטער־פּאַרטיי"; צו דער זעלבער צייט זיינען די פיהרער פון די מעהרסטע יוניאָנס פּאָליטישענס פון די צוויי גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע; דאָס מיינט, אַז זיי זיינען פּשוטע „פּייקערס" וואָס פאַרשאַכערען זייערע יוניאָנס צו די בודעל פּאָליטישענס פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. נאָכהער האָט דעליאָן געזוכט צו באַווייזען דאָס די באַמיהונגען פון די סאָציאַליסטען פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר, — וואו אַזוי פיל סאָציאַליסטען האָבען אַוועקגעגעבען אַלע זייערע כחות, אַרבייטענדיג פאַר די יוניאָנס, העלפענדיג זיי אָרגאַניזירען, שטיצענדיג זייערע סטרייקס און לאָקאַוטס — האָבען ניט געבראַכט קיינע רעזולטאַטען פאַר דעם סאָציאַליזם. „איהר סאָציאַליסטען, — האָט דעליאָן געזאָגט, — האָט ביז איצט געגלויבט אַז ס'איז נויטיג צו בויערען די יוניאָנס פון אינוועניג. עס איז געווען פאַלש, ניט פּראַקטיש. וואָס האָט איהר אויסגעפיהרט? אַלעס וואָס מיר זעהען איין, וואָס עס איז איצט פּראַקטיש, איז צו גרינדען אַ ס א ָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ן פאַרבאַנד פון טרייד יוניאָנס פון גאַנצען לאַנד; אַ פאַרבאַנד, וועלכער זאָל אין זיך אריינגעמען אַלע יוניאָנס, סיי די וועלכע באַלאַנגען צו דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", סיי די וואָס געהערען צו די „נייטס אָוו לייבאָר", אָהן אונטערשיד; דיזע יוניאָנס זאָלען ניט זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזען זייערע פאַרבאַנדען, זיי קענען דאָרטען בלייבען און אויך באַלאַנגען צום פאַרבאַנד. דאַן וועט ער טרייען צו אָרגאַניזירען אַלע ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער אונטער אַ סאָציאַליסטישער פאָהן, און די אַלע אַרבייטער וועלען קעמפּפען ניט נאָר אויפ'ן עקאָנאָמישען באָדען, נאָר וועלען זיך אויך באַטייליגען אין פּאָליטישען קאַמף. אויף דיזען וועג וועלען די אַרבייטער קומען

צום „קלאַסען־באוואוסטען" סאָציאַליזם און דער סאָציאַליסטישער אידעאַל וועט שנעל פאַרווירקליכט ווערען."

די רעדע און די פּרינציפּען ערקלערונג פון דעניעל דעליאָן זיינען ביי יענער קאָנווענשאָן אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס באַגייסטערונג.

— דאָס איז געקומען אונזער וואהרער משיח! — האָט דאַן אויסגעשריען אונזער אַלטער און באַליבטער גענאָסע מיכאַלאָווסקי *) — גענאָסע דע ליאָנקע, דו וועסט אונז פיהרען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אַלע אָנוועזענדע גענאָסען האָבען זיך געדריקט די הענט.

דעניעל דעליאָן האָט ווייטער פאָרטגעזעצט זיין רעדע און האָט ערקלערט דעם פּלאַן: „פון די אָפּענע יוניאָנס פון די „אַמעריקאַן פעדערריישאָן אָוו לייבאָר" האָבען מיר די סענטראַל לייבאָר פעדעריישאָן מיט איהרע זיבען און צוואַנציג פּראָגרעסיווע יוניאָנס, מיר האָבען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפּטען מיט פינף און צוואַנציג יוניאָנס, פון די ברוקלינער סענטראַל לייבאָר יוניאָן — צוועלף יוניאָנס, פון נוארק זיבען יוניאָנס און יעצט וועט דער גאַנצער דיסטריקט 49 אַרויס פון די „נייטס אָוו לייבאָר" און אונטער דעם זעלבען נאָמען „49" זיין פאַרבונדען אלס אַן אָרגאַניזאַציאָן מיט אונזער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס". אויף דיזען וועג וועלען מיר סאָציאַליסטען דערגרייכען אונזער ריכטיגען ציל", — האָט דעליאָן געשלאָסען זיין רעדע.

די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס" האָט דעליאָן געגרינדעט גראָד אין דער צייט ווען ער האָט זיך צוקריגט מיט דזשיימס סאָווערן, דעם דזשענעראַל מאַסטער־וואָרקמען פון די „נייטס אָוו לייבאָר". ווי איך האָב שוין אויבען באַמערקט, האָט דעניעל דעליאָן געהאָלפען סאָווערן ערוועהלט צו ווערען „דזשענעראַל מאַסטער־וואָרקמען" פון די „נייטס", פאַר דיזער טובה האָט דעליאָן

*) גענאָסע מיכאַלאָווסקי איז נאָך מיט אונז, ער איז אונגעפעהר אַלט איצט 84 יאָהר, זאָל ער נאָך לאַנג לעבען.

באקומען פון סאווערן דעם פארשפרעכען, אז ער וועט געבען דע־ליאן׳ען די פולע פרייהייט אוועקזעצען אלס רעדאקטאר פון די „נייטס או לייבאר דזשורנאל“ ווען ער וועט וועלען. אלס רע־דאקטאר האט דעליאן געוואלט מאכען גענאסע לוסיען סע־ניעל, דעם געוועזענעם רעדאקטאר פון די „פיפעל“. אבער מר. סאווערן, זייענדיג א דעמאקראט, האט באשטימט אלס רע־דאקטאר פון דעם „נייטס או לייבאר דזשורנאל“ א דעמאקראט. עס האט אויסגעבראכען א קריג צווישען דעליאן׳ען און סאווערן און דעליאן האט ערקלערט דעם גאנצען ארדען „נייטס“ פאר קארופט. אלס אנטווארט אויף דעם האט מען דעליאן׳ען ניט צוגעלאזען אלס דעלעגאט צו דער קאנווענשאן פון די „נייטס או לייבאר“ אין נאוועמבער, 1895.

דיזע אלע פייטס האט דעליאן געפיהרט דורך דער „פיפעל“, דעם ארגאן פון דער ס. ל. פ. גאנצע זייטען פון דער צייטונג זיינען געווען פארנומען מיט אטאקעס אויף די „פייקערס“. דאן האט דעליאן אריינגעבראכט א רעזאלוציע צו דער קאנווענשאן פון דער גאנצער ס. ל. פ. אין דזשולי 1896, — וועלכער האט געלויטעט, דאס אלע פארטיי ארגאניזאציאנען פון גאנצען לאנד זאלען זיך אריינווארפען אין דער באוועגונג צו ארגאניזירען לא־קאלס פון דער „סאשעליסט טרייד און לייבאר אלייענס“; עס זיינען געווען א מאסע געגנער צווישען די דעלעגאטען פון דער קאנווענשאן, וועלכע האבען ערקלערט אז די נייע קערפערשאפט, „די אלייענס“, איז אין אפאזיציע צו די עקזיסטירענדע יוניאנס; דאס דיזע נייע קערפערשאפט קען ברייננען שאדען די יוניאנס ווי אויך דער פארטיי. די דייטשע „פאלקס־צייטונג“ איז אויך געווען געגען דעם „אלייענס“, מיט איהר זיינען געווען איינפארשטאנען א סך פון די דאמאלסטדיגע עלטסטע גענאסען.

עס האט זיך אנגעפאנגען א פאלעמיק צווישעןביידע צייט־טונגען: די „פאלקס־צייטונג“ און די „פיפעל“. יעדען איינציגען פון די גענאסען, וואס האט נאר געוואגט צו זאגען א שלעכט ווארט אויף די „אלייענס“ האט מען אין „פיפעל“ ערקלערט פאר א פאר־רעטער צו דער פארטיי. יענע פאלעמיק איז אייגענטליך געווען דער

אַנפאַנג פון דעם קריג, וועלכער האָט שפּעטער געפיהרט צו דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי.

די „אַלייענס" האָט גלייך אין אָנפאַנג געהאַט אַ „דורכפאַל". ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן האָט דעליאָן פאַרזיכערט אַז אַ גרויסער טייל פון די „נייטס" און ווער רעדט שוין פון דיסטריקט 49, וועלען אַריבער צום „אַלייענס". אויסגעלאָזען האָט זיך אבער, אַז פון די „נייטס" איז קיינער ניט געקומען, אויסער 3 יוניאַנס פונ'ם אויסגעשלאָסענעם דיסטריקט 49. דאָס וואָלט נאָך ניט געווען די גרעסטע צרה. דער הויפּט טראָבעל האָט זיך אָבער אָנגעפאַנגען ווען דער „אַלייענס" האָט אָנגעפאַנגען זיין טעטיגקייט, וועלכע איז באַשטאַנען אין די גרינדונג פון אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס פון קלאָוקמאַכער, שניידער, סיגאַר מאַכער, א. ז. וו., וועלכע מען האָט גערופען „קלעם־קאַנשיאָס" (קלאַסען־באַוואוסטע) יוניאָנס.

די מאַסען דייטשע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען אהער געקומען אין די 70ער און 80ער יאָהרען, צוליב די דאַמאָלסטריגע אויסנאַמס געזעצע אין דייטשלאַנד, זיינען געווען זעהר פריינדליך צו די טרייד יוניאָנס, וואָס זיי האָבן דאָ געטראָפען. זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די היגע יוניאָנס פון זייערע פאַכען און האָבען געהאָלפען בויען און פאַרשטאַרקען דיזע יוניאָנס. זיי האָבען בלויז געזוכט צו מאַכען פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם.

די מעהרסטע פון די עלטערע און פּראַקטישערע גענאָסען האָבען געקוקט קרום אויף די טעטיגקייט פון דעם „עלייענס".

די קאָנסטיטוציע פון דעם „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס" איז געווען אויסגעאַרבייט לויט דעם זעלבען פּלאַן, ווי די „נייטס אָוו לייבאָר", ווייל דעליאָנ'ס האָפנונג איז געווען אַריבערצוקריגען אין „עלייענס" אַלע יוניאַנס פון די „נייטס". די „נייטס" איז געווען אַ שטרענג צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע. די באַזונדערע יוניאָנס וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער „עלאַיענס" האָבען ניט געהאַט קיין ברעקעל זעלבסטשטענדיגקייט צו ערקלערען אַ סטרייק.

פאַר די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט דער „עלייענס" אַרויסגעגעבען איבער'ן גאַנצען לאַנד צוויי הונדערט און אַכט און

צוואַנציג טשאַרטערס. דיזע טשאַרטערס זײַנען ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען בלויז צו פאַך-יוניאָנס, ווײַל די „עלייענס" האָט געהאַט אַ היבשע צאָהל „געמישטע" לאָקאַלס, וואָס זײַנען ניט געווען קיין אמת'ע טרייד-יוניאָנס.

די הויפּט-טעטיגקייט האָט זיך אָנגעפאַנגען דאַן, ווען דער „עלייענס" האָט געגרינדעט דעם אָפּאָזישאָן לאָקאַל פון סיגאַר-מאַכערס, אונטער דעם נאָמען „פּיאָניר סיגאַר מייקערס עלייענס". דיזער לאָקאַל האָט צוליב די אויפפאָדערונג פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיווע פון „עלייענס" אויפגעפאָדערט זײַנע מעמבערס צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די סטרייקענדע אַרבייטער פון דער „אינ-טערנײשאָנאַל סיגאַר מאַכערס יוניאָן", ביי אַ געוויסע פירמע ס. דייוויס און קאָמפּאַניע, פון דער 81טער סטריט. אייניגע הונדערט יוניאָן סיגאַרען-מאַכער פון יענעם שאָפּ זײַנען אַרונטער אין סטרייק, ווײַל מען האָט זיי אַרונטערגענומען פון דעם יוניאָן-פּרייז פאַר מאַכען די סיגאַרען. ניט האָבענדיג גענוג אייגענע מעמבערס אָנ-צופילען יענעם סטרייק-שאָפּ, האָבען דיזע „פּיאָנירען" סיגאַר-מאַכער אַדווערטייזט אין ענגלישע צייטונגען בזה הלשון: „סי-גאַרענמאַכער פאַרלאַנגט, האַנד-אַרבייט, פון 9 דאָלאַר מיט 25 סענט ביז 17 דאָלאַר אַ טוויזענט. „פּיאָניר סיגאַרענמאַכער פון סאָשע-ליסט טרייד ענד לייבאָר עלאַיענס", נאָכצופרעגען ביי ס. דייוויס און קאָ., 250 איסט 81טע סטריט".

אַ צווייטע העלדישקייט האָט דער „עלייענס" אַרויסגעוויזען, ווען אין ניו יאָרק האָבען געסטרייקט יוניאָן מאַשיניסטען פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". די באַלעבאַטים פון די סטרייקענדיגע שעפּער האָבען ניט געהאַט קיין טראָבעל צו קריגען סקעבס, ווײַל דער מאַשיניסטען לאָקאַל פון דער „עלייענס" האָט זיי שוין באַזאָרגט מיט מאַשיניסטען.

אַ שטאַרקע אומצופרידענהייט האָט אַרויסגערופען ביי די גרעסטע צאָהל גענאָסען פון דער ס. ל. פּ. דער פאַקט, וואָס די דזשע-נעראַל עקזעקוטיווע פון דעם „עלייענס" האָט געגעבען אַן אָרדער צו אַ לאָקאַל פון פּיינטערס צו געהן אויף די פּלעצער פון סטרײַ-קענדע פּיינטער אַרבייטער פון אַ יוניאָן פון דער „אַמעריקאַן פע-

דערריישאָן אָוו לייבאָר" אין יאָנקערס. די אידישע פּיינטער אַר־בייטער פון דער „עלייענס" האָבען דיזען אָרדער פון דזשענעראַל באָארד פון דער „עלייענס" ניט געפאָלגט, און דיזער פּיינטער לאָ־קאַל איז דערפאַר סוספּענדירט געוואָרען.

עס מוז דאָ באַמערקט ווערען, אז דער „עלייענס" האָט אויך געהאַט ריכטיגע, וואָס מען רופט „באָנאַפּאַיד" יוניאָנס, אָבער דאָס זיינען געווען אַלע יוניאָנס, וועמעס מעמבערס זיינען געווען סאָצי־אַליסטיש געזאָנען. דיזע יוניאָנס האָבען שוין עקזיסטירט פון יאָה־רען-לאַנג, און זיי האָבען געגלויבט, אַז דורך דעם „עלייענס" וועט־לען די אַרבייטער ווערען מעהר ציל־באַוואוסט. דעניעל דעליאָן האָט ביי דער גרינדונג פון „עלייענס" ערקלערט, אַז דער „עלייענס" וועט זיך מעהרסטענס באַשעפטיגען מיט דער אָרגאַניזירונג פון די נאָך־ניט אָרגאַניזירטע טריידס. פון גרינדען אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס איז אין אָנפאַנג גאָר קיין רייד ניט געווען.

עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס די „עלייענס" האָט מיט אַזאַ טאַקטיק, מיט אַזאַ פיהרונג, מיט אַזאַ גייסט, ניט געקאָנט האָבען קיין ערפאָלג. אַלע עלטערע און ערפאַהרענע סאָציאַליסטען זיי־נען געווען שטאַרק אומצופרידען מיט דער פיהרונג פון „עלייענס". הויפּטזעכליך זיינען די דייטשע פּאַרטיי־גענאָסען געוואָרען די גרע־סטע געגנער פון „עלייענס". די „דייטשע פאָלקס-צייטונג" האָט יעדעס מאָל קריטיקירט די שעדליכע טאַקטיק פון „עלייענס". דע־ליאָן, זייענדיג דער רעדאַקטאָר פון דעם ענגלישען ס. ל. פּ. אָרגאַן „פּיפּעל", וועלכער איז דאַן ארויסגעגעבען געווארען פון דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג פּאָבלישינג אַסס'ן", האָט גענומען הע־צען געגען דער „פאָלקס-צייטונג" און איהרע ארויסגעבער. דעליאָן האָט גענומען פאָדערען, אַז די ס. ל. פּ., דאָס הייסט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו באָארד פון דער פּאַרטיי, זאָל איבערנעהמען די ארויס־גאַבע פוןביידע צייטונגען און דיזע באָארד האָט ער, דעליאָן, פאָלשטענדיג קאָנטראָלירט.

די דייטשע פּאַרטיי־גענאָסען האָבען אין „פאָלקס־צייטונג" אויפגעוויזען דעליאָנ'ען, דאָס די טאַקטיק פון גרינדען אָפּאָזיציאָנס-

יוניאָנס איז זעהר שעדליך פאַר דער באַוועגונג און שטערט דער אַגיטאַציע פאַר'ן סאָציאַליזם.

די דײטשע גענאָסען האָבען געוואוסט דעם שאָדען פון אָפּאָזיציאָנס־יוניאַנס. זײ האָבען עס געוואוסט פון זײער אײגענער ערפאַהרונג, וועלכע זײ האָבען געהאַט נאָך אין די 80גער יאָהרען.

די גרויסע מאַסע אײנגעוואַנדערטע דײטשע סיגאַר־מאַכערס, וועלכע זײנען אין די 80ער יאָהרען געקומען אהער פון דײטשלאַנד, זײנען אַרײנגעטראָטען אין דער היגער עקזיסטירענדער יוניאַן, אין דער „אינטערנײשאָנאַל סיגאַרענמאַכער יוניאָן", וועלכע איז דאַן געוועז אײנע פון די קאָנסערוואַטיווסטע יוניאַנס, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. דער הויפּט־פיהרער פון דיזער יוניאָן איז געוועז איהר פּרעזידענט, א געוויסער שטראַסער. די סאָציאַליסטישע דײטשע סיגאַרענמאַכער און די בעהמישע סאָציאַליסטיש-געזינ̇נטע סיגאַרענמאַכער, אַרײנקומענדיג אין דיזער יוניאָן, זײנען געוועז שטאַרק אונצופרידען מיט די פיהרונגען, וואָס האָבען אין איהר געהערשט. די יוניאַן איז געוועז ניט נאָר קאָנסערוואַטיוו, נאָר אפילו ווײניג עהנליך צו אַן אַרבײטער־אָרגאַניזאַציאָן. דיזע נײע פאָרטגעשריטענע עלעמענטען האָבען גענומען קעמפען געגען די פיהרער פון דער יוניאָן, וועלכע האָט שוין צו יענער צײט געהאַט לאָקאַלס אין פאַרשידענע שטעדט פון לאַנד. דער קאַמף פון די סאָציאַליסטישע מעמבערס איז געוועז זעהר א הײסער. די פאַרשלעגע פון די פּראָגרעסיווע מעמבערס פלעגען בסדר נידערגעשטימט ווערען פון דער גרויסער צאָהל קאָנסערוואַטאָרען פון דער יוניאָן, וועלכע האָבען אימער בלינד געפאָלגט זײערע פיהרער.

דער פּראָגרעסיווער עלעמענט, איז נאָך א רײהע פון שווערע קעמפע, שרעקליך פאַרצווײפעלט געוואָרען. און פון פאַרצווײפלונג האָבען זײ אין 1883טען יאהר געגרינדעט אַן אָפּאָזיציאָנס סיגאַרענמאַכער יוניאָן אונטער דעם נאָמען „די פּראָגרעסיוו סיגאַרענמאַכער יוניאָן פון אַמעריקא". דיזע יוניאָן האָט געצעהלט אײניגע טױזענד מעמבערס. אין גיכען איז איהר אויך געלונגען צו גרינדען לאָקאַלס אין פילע גרויסע שטעדט פון לאַנד. דער קאַמף צווישען די צוויי

סיגאַרענמאַכער יוניאָנס איז געווען אַ פאַרביטערטער, ווייל ווי נאָר אין אַ סיגאַר־שאַפּ האָט אויסגעבראָכען אַ סטרייק, פלעגען ביידע יוניאַנס זוכען דורך אַלערליי מיטלען צו סעטלען דעם סטרייק אויף וואָסערע ניט איז באַדינגונגען, אום עס זאָל נאָר הייסען, אַז די „פּראָגרעסיוו" קאָנטראָלירט דעם שאַפּ; און אַזוי ווי עס פלעגט מעהרסטענס טרעפען, אַז אין די שעפּער פלעגען ארבייטען מעמ-בערס פון ביידע יוניאָנס, פלעגט אויסקומען אַז ווען איין יוניאָן האָט געסעטעלט מיט'ן באָס, פלעגען מוזען די מעמבערס פון דער אַנדע־רער יוניאָן פאַרלאָזען דעם שאַפּ, סיידען זיי פלעגען אַריבערגעהן אַלס מעמבערס צו דער געגנערישער יוניאָן. דער קאַמף אין די צוויי יוניאָנס איז געוואָרען אימער שאַרפער און שאַרפער. געוואונען פון אזא מלחמה האָבען נאָר די פאַבריקאַנטען, וועלכע פלעגען קריגען די אַרבייט ביליגער געמאַכט.

די פּראָגרעסיווע סיגאַרענמאַכער יוניאָן, ניט זייענדיג שטאַרק גענוג צו באַקעמפען די קאָנסערוואַטיווע סיגאַרענמאַכער, וועלכע זיינען נאָך דערצו געווען פאַרבונדען מיט דער „אַמעריקאַן פעדע-ריישאָן אָוו לייבאָר" — איז געווען געצוואונגען צו זוכען שטיצע און זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די „נייטס אָוו לייבאָר" דאָס איז געווען אין 1886טען יאָהר, אָבער אַריינקומענדיג אַהין, זיינען די פּראָגרעסיווע סיגאַרענמאַכער נאָך הונדערט מאָל מעהר ענטוישט געוואָרען פון די מאָדנע פיהרונגען, פון די צערעמאָניעס און פאַר־שידענאַרטיגע געהיימניסע פון די „נייטס אָוו לייבאָר". ביי די „נייטס" זיינען די פּראָגרעסיווע סיגאַרענמאַכער פאַרבליבען בלויז אַ קורצע צייט. די ענדע פון דעם קאַמף צווישען די פּראָגרעסיווע סיגאַרמאַכער און די אינטערנעשאַנאַל סיגאַרענמאַכער איז גע־ווען, דאָס די ערשטע האָבען פאַרלאָזען די „נייטס" און זיך ווידער פאַראייניגט מיט דער אינטערנייש‍אָנאַל סיגאַר־מאַכער יוניאָן. איי-נע פון די באַדינגונגען איז געווען, דאָס די אינטערניישאָנאַל זאָל אַריינגעהמען אין זייער פאַרבאַנד אַלע פּראָגרעסיווע יוניאָנס אַלס גאַנצע לאָקאַלס. די ניויאָרקער סיגאַרענמאַכער לאָקאַל 90 איז גע־ווען איינע פון די פּראָגרעסיווע סיגאַרמאַכער יוניאָנס, וועלכע האָ־

בען געפיהרט דעם קאמף געגען די אינטערנעשאנאל סיגארמאכער יוניאָן.

די ערפאהרונג וואָס די דייטשע גענאָסען פון דער סיגארענ־מאכער יוניאָן האָבען דורכגעמאכט, האָט זיי געלערענט ווי שעדליך אזא טאקטיק פון אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָנס, ווי דעליאָן האָט אָנגע־פיהרט, איז פאר די ארבייטער און הויפּטזעכליך פאר דער אגיטאציע פון סאָציאַליזם. און ניט נאָר די סיגארענמאכער אליין האָבען גע־האט א געלעגענהייט זיך צו ערקונדיגען וואָס עס הייסט גרינדען אָפּאָזיציאָנס־יוניאנס. גאָר די ערשטע זיינען עס געווען די דייטשע מעבעל־ארבייטער, וועלכע האָבען געהאט אין די 80־ער יאָהרען אין ניו יאָרק א שטארקע און פאָרטגעשריטענע יוניאָן (אין יענע יאָהרען איז ניו יאָרק געווען א גרויסער צענטער פון דער מעבעל־אינדוס־טריע. זייט דאַן האָבען די באַלעבאַטים פארשלעפּט די אינדוסטריע פון דאַנען נאָך גרענד ראַפּידס).

די דאַמאָלסדיגע מעבעל-ארבייטער יוניאָן אין ניו יאָרק איז באשטאנען אויסשליסליך פון דייטשע ארבייטער. א גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען סאָציאל־דעמאָקראטען און א גאַנץ היבשער טייל איז באשטאנען פון אנארכיסטען. דיזע צוויי פראקציעס אין דער מעבעל־ארבייטער־יוניאָן, נעמליך: די סאָציאל־דעמאָקראטען און די אנארכיסטען האָבען זיך אין דער יוניאָן שטארק ארומגע־ריסען, אלץ וועגען דער פיהרונג און וועגען דער אגיטאציע אין דער יוניאָן. די אנארכיסטען זיינען געווען אין דער מינאָריטעט און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די אנארכיסטיש-געזאָ־נענע מעבעל־ארבייטער זיינען ארויס פון דער יוניאָן נומער 7 און האָבען געגרינדעט אַן אָפּאָזיציאָנס יוניאָן אונטער דעם נאָמען „די פּראָגרעסיווע שריינער יוניאָן נומער 1״. דער אָנפיהרער פון דיזער נייער יוניאָן איז געווען א געוויסער ט ש. ב ר א ו נ ש ו ו י י ג, אַן אנארכיסטישער רעדנער, אַן ארבייטער פון טרייד.

די עלטערע גענאָסען פון דער ס. ל. פּ. האָבען דאַן דיזע אלע פאקטען אויפגעוויזען דעליאָנ׳ען און האָבען איהם געוואָרענט גע־גען דער טאקטיק פון „עלייענס״ צו גרינדען אָפּאָזיציאָנס יוניאנס,

דעליאנ׳ס ענטפער צו דיזע געגאַסען איז געווען: „איהר זייט „פייקערס" און דאטס־אַל."

דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס" האָט מיט זיין טאַקטיק זיך אַליין פארניכטעט. דעניעל דעליאָנ׳ס פּלענער, זיין טאַקטיק און זיין קאָמאנדעווען האָבען ארויסגערופען ענטריסטונג אפילו ביי זיינע אייגענע פריינד און אָנהענגער און דער רעזולטאַט איז געווען, אז אויף דער באַפּאָלאָ׳ער קאָנווענשאָן פון „עלייענס" איז דעליאָן זאָגאר ניט מעהר ערוועהלט געווארען אלס אן עקזע־קוטיוו מעמבער פון דער „עלייענס".

דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס" איז געשטאָרבען און דעליאָן האָט באַגראָבען דעם מת אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן, ווען עס איז געגרינדעט געווארען די „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד", אין יאָהר 1905.

.18

די טעטיגקייט פון די אידישע סאָציאַליסטען פון יאָהר 1890 ביז 1896.

די גרינדונג פון דער ערשטער טעגליכער סאָציאַליסטישער צייטונג „דאָס אבענד־בלאַט". — ב. פייגענבוים און מ. באַראַנאָוו. — די מיינונגס־פארשידענהייטען אין דער פארטיי. — ווינטשעווסקי'ס „אמת" און זיין ערשטער אַרויסטריט געגען דעליאָנ'ס טאַקטיק. — די גרינדונג פון דער „צוקונפט". — די ערשטע סמנים פון דער צוקונפטיגער שפּאַלטונג אין דער פארטיי.

פון יאָהר 1890 ביז 1893, די ערשטע דריי יאָהר צייט נאָך דער גרינדונג פון דער „ארבייטער צייטונג", האָבען די אידישע סאָציאַליסטען געארבייט זעהר הארמאָניש. אין יענע ערשטע דריי יאהר איז אָנגעגאנגען א פיבערהאפטע טעטיגקייט צו גרינדען אידישע יוניאָנס פון פארשידענע טריידס. זעהר פיל ענערגיע האָט ביי די געגאָסען צוגענומען יענע יאהרען די דיסקוסיאָנען וועלכע פלעגען אָנגעפיהרט ווערען מיט די אנארכיסטען.

דיזע דעבאטען פלעגען פאָרקומען ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, ביי די אגיטאציאָנס מיטינגען פון ביידע פארטייען. זעהר אָפט אויך ביי די מיטינגען פון פארשידענע אידישע יוניאָנס. ווען ביידע פראקציעס האָבען שוין געהאט זייערע צייטונגען, פלעגען די דיסקוסיאָנען געפיהרט ווערען אין דער סאָציאַליסטישער „ארבייטער צייטונג" און אין דער אנארכיסטישער „פרייע ארבייטער שטימע".

יעדע איינע פון דיזע פראקציעס, פלעגט איין מאָל א יאָהר האַלטען, וואָס מען פלעגט רופען א פארטיי־טאָג, א קאָנווענשאָן. צו די סאָציאַליסטישע צוזאמענפאָהרען פלעגען קומען דעלעגאטען פון די אידישע סעקציעס „ס. ל. פּ." פון די פארשידענע שטעדט,

און צו די אַנאַרכיסטישע פלעגען זיך צוזאַמענקומען דעלעגאַטען פון אַנאַרכיסטישע גרופּען. אָבער זייט דעם באַריהמטען „אומפּאַרטייאישען פּאַרטיי-טאָג" פון 1889 יאָהר, זיינעןביידע פראַקציעס זיך שוין קיינמאָל מעהר ניט צוזאַמענגעקומען אויף איין קאָנווענשאָן.

אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־טאָגען פלעגט מען פאַרהאַנדלען די פראַגען ווי אַזוי אַם בעסטען אַנצופיהרען די מינדליכע און שריפטליכע אַגיטאַציע פאַר'ן סאָציאַליזם, ווי אויך פראַגען פון טאַקטיק, הויפּטזעכליך איבער די באַציהונגען פון די סאָציאַליסטען צו די טרייד-יוניאָנס.

אַזוי איז ביי דעם פּאַרטיי־טאָג פון די אידישע סאָציאַליסטען, אין יולי, 1891, אין ניו יאָרק, אין אידישען סאָציאַליסטישען לייבאָר לייסעאום, 31 דילענסי סטריט, באַשלאָסען געוואָרען ארויסצוגעבען אַ מאָנאַטליכען סאָציאַליסטישען, וויסענשאַפטליכען זשורנאַל „די צוקונפט".

איך געדענק, וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג עס האָט ארויסגערופען דער דאָזיגער באַשלוס. עפּעס אַ קלייניגקייט: מיר, אידישע סאָציאַליסטען, וועלען האָבען אַ וויסענשאַפטליכען זשורנאַל אויף אידיש. אויף דעם פּאַרטיי־טאָג איז אויך באַשלאָסען געוואָרען צו אָרגאַניזירען לעקטשור־טורס, איבערן גאַנצען לאַנד.

דיזע צוויי וויכטיגע בעשליסע זיינען אינגיכען דורכגעפיהרט געוואָרען אין לעבען. שוין אין יאַנואַר 1892 איז ערשינען דער ערשטער נומער „צוקונפט" אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפּ קראַנץ. יענעם ווינטער זיינען אַלע בעסטע אידישע סאָציאַליסטישע רעדנער פון יענער צייט, ווי אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, ל. מילער, מ. הילקוויט און אויך ב. פייגענבוים, וועלכער איז דאַן געקומען אַהער פון ענגלאַנד, ארויסגעפאָהרען איבער'ן לאַנד — זיי פלעגען פאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט האַלטען סאָציאַליסטישע לעקטשורס.

וועגען גענאָסע פייגענבוים'ס קומען קיין אמעריקא פאָדערט זיך צו זאָגען באַזונדער אַ פּאָר ווערטער, ווייל אין איהם האָט די היגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַן צוגעקראָגען אַ גרויסע קראַפט, אַ גוטען סאָציאַליסטישען רעדנער און שרייבער.

גענאָסע ב. פייגענבוים איז שוין פריהער אויך געווען באַוואוסט אלס א פעהיגער אגיטאַטאָר און סאָציאַליסטישער שרייבער; פילע האָבען געקענט גענאָסע פייגענבוימען נאָך פון לאָנדאָן וואו ער איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרען פון „ארבייטער פריינד". זיינע סאָציאַליסטישע בראָשורען — „די אידישע הילף", „ווי קומט א איד צום סאָציאַליזם" און אַנדערע, וועלכע מען האָט ארויסגעגעבען אין לאָנדאָן האָבען געהאַט א גרויסען שם אויך דאָ אין אמעריקא, און זיי זיינען געלעזען געוואָרען פון טויזענטער אידישע ארבייטער. די דאָזיגע צוויי בראָשורען זיינען אין אמעריקא געווען כמעט אזוי פּאָפּולער ווי אב. קאַהאַן'ס באריהמטע בראָשורע „רפאל נעריצך", וועלכע איז געווען געדרוקט אין „ארבייטער צייטונג", נאכהער אין „אָבענד בלאַט" און איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרען אין צעהנדליגער טויזענטער עקזעמפּליארען אין דריי פארשיידענע אויסגאַבען.

ווען גענאָסע פייגענבוים איז אין יולי 1891 געקומען אין ניו יאָרק אַלס מיטארבייטער פון „ארבייטער צייטונג", איז ער פון די היגע ארבייטער זעהר ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען. זיינע ארטיקלען אין „ארבייטער צייטונג" פלעגען געלעזען ווערען מיט גרוים אינטערעס.

אין יענער צייט איז פון לאָנדאָן אויך געקומען אהער גענאָסע מ. באַראַנאָוו, וועמעס ארטיקלען זיינען אימער געוועזען פּאָפּולער צווישען די פאָרטגעשריטענע ארבייטער. ער האָט אויך גענומען שרייבען אין דער „ארבייטער צייטונג".

ווי שוין געזאָגט, האָבען די אידישע סאָציאַליסטען אין יענע דריי יאָהר פון 1890 ביז 1893 געארבייט אין דער אידישער ארבייטער באַוועגונג מיט גרוים באַגייסטערונג.

ענדע יאָהר 1893 האָט שוין די „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" געהאַט באַשלאָסען ארויסצוגעבען א טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג דאָס „אבענד בלאַט".

אָבער שוין ביים פּארטיי־טאָג פון די אידישע סעקציאָנען פון דער ס. ל. פּ. וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1893 אין נוארק, ניו דזשוירזי, איז ל. מילער, וועלכער איז דאַן געווען איינער

פון די טעטיגסטע גענאָסען, צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען מיט א באשולדיגונג, אז אין די „ארבייטער ציייטונג פּובלישינג אסאָסיאיישאָן" איז פאראן א „קליקע", פון א קליינע צאָל מענשען, וועלכע באהערשען אלע אָפּטיילונגען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג, און אז די דאָזיגע „קליקע" פארדארבט און פארגיפטעט די באוועגונג. אויך אנדערע דעלעגאטען מעהרסטענס פון די קאָנטרי שטעדט, האָבען זיך באקלאָגט, אז ניו יאָרק באהערשט און רואינירט די גאנצע באוועגונג. עס זיינען אריינגעקומען פילע פּראָטעסטען און רעזאָלוציעס געגען דער ניו יאָרקער פארוואלטונג. צום שלום אָבער האָבען אלע דעלעגאטען געשלאָסען פרידען און האָבען אָנגענומען א רעזאָלוציע, אז אלע אידישע סאָציאליסטען זאָלען אריינטרעטען אלס מעמבערס אין דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" כדי צו ווירקען אז אלעס זאָל דאָרט אָנגעפיהרט ווערען ווי עס באדארף צו זיין.

באלד איז אין יאָהר 1894 ערשינען דאָס „אָבענד בלאט". פילע גענאָסען פון ניו יאָרק און פון די קאָנטרי שטעדט זיינען אָבער ניט געווען צופרידען מיט די ארטיקלען פון „אבענד בלאט". דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אזוי געפעהרליך. דער אמת'ער טראָבעל האָט זיך ערשט אָנגעפאנגען ווען דעניעל דעליאָן, וועמען זיינע געגנער פלעגען רופען דער „דיקטאטאָר", האָט געגרינדעט די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אליענס", וועלכע האָט גענומען גרינדען אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס; עס האָבען זיך דאָן אָנגעפאנגען צאנקערייען צווישען די שניידער, קלאָוק ארבייטער, וועלכע האָבען שוין געהאָט צווייערליי יוניאָנס.

אין דער „ארבייטער צייטונג פּובלישינג אסאָסיאיישאָן", און אין דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ., ווי אויך צווישען די דעלעגאטען צו די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען" זיינען צו יענער צייט פאָרגעקומען צאנקערייען צוליעב דעם וואָס א קליינע גרופּע גענאָסען האָבען „באהערשט" די אלע אויבען אויסגערעכענטע אָרגאניזאציעס. דיזע גרופּע אָדער „קליקע", ווי מען האָט זי דאן גערופען, פלעגט דאָרטען דורכפיהרען אזעלכע פאָרשלאגען מיט וועלכע די גרויסע צאָהל גענאָסען זיינען געווען שטארק אונצופרידען.

דיזע גענאָסען פלעגען אטאקירען די זאַגענאַנטע „קליקע" פאַר „גע מען אָרדערס" פון דעניעל דעליאָן.

פילע גענאָסען, וועלכע זיינען געווען דעלעגאטען פון זייערע יוניאָנס צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, זיינען גע־ווען דאגעגען דער זאָגענאַנטער „קליקע" פאר ארונטערוואַרפען דעם שרייבער פון דיזע צייליען אלס סעקרעטאר פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, נאר דערפאר, וואס איך האָב זיך אנט־זאגט צו נעמען אָרדערס פון דער זאָגענאַנטער „קליקע". אויף מיין פלאַץ איז דעמאָלט ערוועהלט געוואָרען אלס סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען גענאָסע יעקב מילך, דער באקאנטער לי־טעראט, דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַן ארבייטער, אַ שניצער ביים טרייד.

דעם ריכטיגען סיגנאל צו דער ערשטער שפאלטונג אין דער „סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי" (ס. ל. פ.) האָט געגעבען מאָריס ווינטשעווסקי אין זיין באריהמטען ארטיקעל „פויל אָדער צוגעפוילט", וועלכען ער האָט געדרוקט אין „אמת" דעם 9טען אוי־גוסט 1895. דער „אמת" איז געווען אַ וועכענטליכער זשורנאל, וועלכען די באָסטאָנער סעקציע פון דער „ס. ל. פ." האָט געגרינדעט אין 1895 יאָהר, ווען ווינטשעווסקי איז אריבערגעקומען פון לאָנדאָן נאָך אמעריקא.

אין יענעם ארטיקעל „פויל אָדער צוגעפוילט" האָט ווינטשעוו־סקי געמאכט אַ שטארקע אטאקע אויף דעם „אָבענד בלאַט", קרי־טיקירענדיג די אַרטיקלען וועלכע זיינען געווען דאָרט געדרוקט אלס ניט סאָציאליסטיש. ווינטשעווסקי האָט אין יענעם ארטיקעל אויך באהויפּטעט, אַז אין „אבענד בלאַט" איז ניטאָ קיין פרייע פּרעסע. די גענאָסען פון דער מינאָריטעט האָבען דאָרט קיין מעג־ליכקייט ניט אויסצודריקען זייערע געדאנקען, זייערע מיינונגען, איבער טאקטישע פראגען פון דער סאָציאליסטישער און טרייד־יוניאָן באוועגונג. ווינטשעווסקי האָט געפאָדערט „מעהר לופט" און „מעהר ליכט" אין „אָבענד בלאַט".

אין „אָבענד בלאַט" האָט דאַן פ. קראַנץ געענטפערט אויף די באשולדיגונגען וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען אין דעם אַר־

טיקעל אין „אמת" — מיט פאַרשיעדענע ערקלעהרונגען פון דעם שטאַנדפּונקט און פון דער טאַקטיק, וועלכע איז גוט געהייסען גע־וואָרען פון דער מאַיאָריטעט מעמבערס ס. ל. פּ.

מילער, קאַהאַן און ווינטשעווסקי זיינען דאַן געוואָרען די פיה־רער פון דער אַנטי-דעליאָן ריכטונג אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג. זיי האָבען ניט געגלויבט אין ברעכען די יוניאָנס. זיי האָבען געפּרעדיגט פריינדליכע באַציהונגען צו זיי און אַ פריינד־ליכע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישען זיי. זיי האָבען געגלויבט אין דער טאַקטיק פון „בויערען פון אינוועניג".

אין דער „אַרבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן" זיי־נען ענטשטאַנען צוויי פראַקציעס: אַ דע־ליאָניסטישע און אַן אַנטי-דעליאָניסטישע. ווי געזאָגט, איז דאָס טיילווייז געווען פאַרבונדען מיט דעם קאַמף, וואָס איז פריהער פאָרגעקומען אינוועניג צווישען די אידישע גענאָסען. אַלע פּערזענליכע פיינד פון ל. ע. מילער און אַב. קאַהאַן האָבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דע־ליאָן, ווע־רענד זייערע אָנהענגער האָבען זיך געשטעלט אויף דער אַנטי-דע־ליאָניסטישער זייט.

דער „אמת" האָט זיינע אַטאַקעס אָנגעפיהרט ביז צו ענדע פון יאָהר 1895. די אידישע סעקציע פון דער פּאַרטיי אין באָסטאָן האָט דאַן אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף פאַר אַ „פּאַרטיי־טאָג" ביי וועלכען די גאַנצע פראַגע זאָל גרינדליך באַשפּראָכען ווערען. דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרען. דער „פּאַרטיי־טאָג" האָט שטאַט־געפונדען אין וועבסטער האָל, ניו יאָרק, די לעצטע דריי טעג פון דעם יאָהר 1895.

ביי דיזען „פּאַרטיי טאָג" זיינען אַלע טענות געגען דער־פּאַב־לישינג אַסאָסיאיישאָן גרינדליך דורכגעלופטערט געוואָרען. עס זיינען געמאַכט געוואָרען באַשולדיגונגען, אַז די „אַרבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן" פיהרט זיך ווי אַ מין אַריסטאָקראַטיע. זי נעהמט ניט אַריין קיין נייע מעמבערס. פאַרטרייבט פון זיך די אינטעליגענטערע מענשען. אויך אַז די פיהרער פון דער אַסאָסי־איישאָן זיינען ווערקצייג אין די הענט פון דע־ליאָן, אַז זי זוכט איהר דעליאָניסטישע מאַכט און איינפלוס צו פאַרשפּרייטען איבער אַלע

— איבער די יוניאָנס און אַנדערע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס. די רעדאַקציע פון „אַבענד בלאַט" איז אויך קריטיקירט געוואָרען, אז זי איז סתם אומפעהיג. די קאָונטרי דעלעגאַטען האָבען זיך באַקלאָגט, אז זייערע שטעדט ווערען באהאַנדעלט ווי שטיף־קינדער.

עס פארשטעהט זיך, דאָס ביי די זיצונגען האָבען ניט געפעהלט קיין פערזענליכע אַטאַקעס און אינסינואַציעס. אָבער דאָס איז געווען אונפארמיידליך. געענדיגט האָבען זיך די שטורמישע דעבאַטען מיט א פשרה־פאָרשלאַג פון ב. פייגענבוים, וועלכער איז אויף דער קאָנווענשאָן געווען איינער פון די אָנפיהרער פון דער אָפּאָזיציאָן געגען דער „פּאָבלישינג אַסס'ן"; פייגענבוים'ס פאָרשלאַג האָט געלויטעט, דאָס די גאַנצע פראַגע זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער פארטיי, זי זאָל ענטשיידען. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער „ס. ל. פּ." האָט דערויף באַשטימט אַז דאָס שידעסגעריכט קאָמיטע זאָל באַשטעהן פון אַלעקסאַנדער יאָנאַס, דעניעל דעליאָן, לוסיען סעניעל, יוגאָ פאַכט און הענרי קוהן.

די ערשטע זיצונג פון דיזער קאָמיטע איז פאָרגעקומען דעם 9טען יאַנואַר 1896, וואו ביידע צדדים זיינען געווען פארטראָטען: פון פּאַרטיי־טאָג זיינען געווען: אב. קאַהאַן, ב. פייגענבוים, מ. זאַמעטקין, איזראעל פעסקין און מ. ווינטשעווסקי; פון דער „אַרבייטער צייטונג פּובלישינג אַסאָסיאיישאָן" זיינען געווען אין דער קאָמיטע פּ. קראַנץ, ס. ד. קופער, דזש. אייבעלסאָן, ב. וויינשטיין און ה. הארקאָוו.

דיזער שידעס־געריכט האָט אָפּגעהאַלטען 18 זיצונגען, און האָט אויסגעהערט די פארטרעטער פון ביידע צדדים. נאָך פילע בעראַטונגען האָט די קאָמיטע ארויסגעגעבען איהר אַנטשיידונג, אז אב. קאַהאַן זאָל פארבלייבען דער רעדאַקטאָר פון „ארבייטער צייטונג" און פיליפּ קראַנץ רעדאַקטאָר פון „אבענד בלאַט" גראַדע ווי עס איז געווען פריהער. און דאָס אַלע גענאָסען, שרייבער זאָלען מיטארבייטען אין ביידע צייטונגען. נור די ביידע צייטונגען,

זאָלען פון יעצט אָן זיין אונטער די קאָנטראָלע אי פון דער „אַר־בייטער צייטונג פּובלישינג אַסאָסיאיישאָן", אי פון דער נאַציאָ־נאַלער עקזעקוטיוו פון דער ס. ל. פּ.

דיזע ענטשיידונג האָט ניט צופרידענגעשטעלט דער אָפּאָזי־ציאָן וועלכע האָט גע'טענה'ט, אז די ענטשיידונג קען ניט קורירען די איבלען, איבערהויפּט ווען די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס" האָט געהאַלטען אין איין אָרגאַניזירען אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס.

די אַטאַקעס פון איין צד אויפ'ן צווייטען זיינען ווייטער אָנגע־גאַנגען. אב. קאַהאַן האָט זיינע טענות פאַרעפענטליכט אין אַן אַרטיקעל אין דער „צוקונפט" פון דעם יוני מאָנאַט פון 1896 יאָהר אונטער דעם נאָמען „די האָוז אָף קאָמאָנס" אָדער „די האָוז אָף לאָורדס". פּ. קראַנץ און אַנדערע פון דער פּובלישינג אַסס'ן פלע־גען זייערס שרייבען אין „אָבענד בלאַט". אזוי איז אָנגעגאַנגען אַ גאַנצען זומער פון 1896 יאָהר. אַם ענדע זומער ווען מען האָט געדאַרפט אָנפאַנגען צו אַרבייטען פאַר'ן סאָציאַליסטישען פּרעזידענשעל קאַמפּיין, האָבען די געגנאָסען פוןביידע לאַגערען גע־זוכט אפשר וואָלט מען זיך געקאָנט אייניגען, און אָנפיהרען גע־מיינשאַפטליך דעם סאָציאַליסטישען פּרעזידענשעל קאַמפּיין. גראַ־דע צו יענער צייט איז ל. מילער, וועלכער איז געווען אוועק גע־פאָהרען אויף אַ פּאָר מאָנאַט אין יוראָפּ, צוריקגעקומען, און אזוי ווי ער איז ניט געווען אין אַמעריקא אין דער צייט ווען די צאַנקערייען זיינען אָנגעגאַנגען צווישען ביידע צדדים, האָט ער געזוכט ווידער צוזאַמענצוברענגען צוריק ביידע צדדים. דאָס וואָרט „שלום" האָט געווירקט ווי אַ צויבער וואָרט. כאָטש אייניגע פון די אַנטי־דעליאָניסטען זיינען געווען דאַגעגען איז דאָך אַ פרידענס קאָנפערענץ פאָרגעקומען (אין 9 ראַטגערס סטריט, וואו דער „אָבענד בלאַט" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען). מ'איז אָפּגעזעסען אַ גאַנצע נאַכט דעבאַטירענדיג. זי־צענדיג צוזאַמען ביי איין טיש האָט מען געגומען פיהלען, אַז די געפעהרליכע פערזענליכע פיינדשאַפט ווערט קלענער. די באַציהונ־גען זיינען געוואָרען לייכטער. די פאָרשטעהער פון דער אַסאָסי־

איישאָן האָבען צוגעזאָגט צו עפענען זייערע טירען און גרינגער מאַ-
כען פאַר נייע מעמבערס אריינצוקומען, דאָס הייסט איינפיהרען
אין דער אָרגאַניזאַציע אַ דעמאָקראַטישען גייסט.

די געגאָסען גילים און ליליענבלום, פון דער אָפּאָזיציע, זיינען
זאָגאַר איינגעלאַדען געוואָרען צו ווערען מיטגליעדער פון דעם פאַר־
וואַלטונגס-ראַטה און אַלס באַווייז פון דעם נייעם שלום האָבען זיי
אָנגענומען. נאָכדעם זיינען אַנדערע מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע
אָנגענומען געוואָרען אין דער אַסאָסיאיישאָן.

לאַנג אָבער האָט דער פרידען ניט געקענט אָנהאַלטען. די צוויי
פאַרשידענע ריכטונגען זיינען געבליבען אין דער אַסאָסיאיישאָן.
אַנשטאָט צוזאַמענגעגאָסען צו ווערען אין איינעם, האָבען זיי זיך
אַלץ שארפער געפיהלט ווי צוויי פיינדליכע לאַגערען. נאָר־וועגען דעם
שפּעטער. דערווייל וויל איך דערצעהלען וועגען דעם באַריהמטען
סאָציאַליסטישען קאַמפּיין אויף דער איסט סייד אין יאָהר 1896.

.19

דער היסטאָרישער סאָציאַליסטישער קאַמפּיין אויף דער איסט סייד אין יאָהר 1896.

די אַמאָליגע פּאָליטישע קאַמפּיינס אויף דער איסט־סייד. — די צוויי „טשאַרלי׳ס", וואָס האָבען יאָהרען לאַנג באהערשט די איסט־סייד. — דעליאָנ׳ס קאַמפּיין אין 16טען אסעמבלי דיסטריקט, וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ ניו יאָרק. — דער ערשטער גרויסער ערפאָלג פון די ניו יאָרקער סאָציאַליסטען אין די פּאָליטישע וואַהלען.

די איסט-סייד פון ניו יאָרק איז פון אימער אָן געווען באַריהמט מיט איהרע פּאָליטישע קאַמפּיינס. נאָך אין די 80ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען אויף דער איסט־סייד האָט נאָך געוואוינט בלויז אַ קליינע צאָהל אידען און די פּאָליטישע הערשער פון דעם געגענד, וואָס איז יעצט איבעראַל באַקאַנט אַלס די גרעסטע אידישע „גהעטאָ", זיינען געווען איירישע אימיגראַנטען, — שוין דעמאָלט פלעגען דאָרט פאָרקומען די לעבעדיגסטע פּאָליטישע קאַמפּיינס, הויפּטזעכליך אין 8טען אַסעמבלי דיסטריקט, וועלכער האָט זיך געפונען אין האַרץ פון דער איסט סייד, אָנפאַנגענדיג פון קאַנעל סטריט ביז ריווינגטאָן, און פון קלינטאָן ביז קריסטי סטריט. די איינוואוינער פון אַנדערע געגענדען פון ניו יאָרק פלעגען קומען אין „8טען" אָנצוקוקען די „עקסייטמענטס", וועלכע פלעגען פאָרקומען אין יענע קאַמפּיינס, און שוין דאָן זיינען אידען געווען אין פּאָליטיקס. אַזוי, צ. ב. ש. איז אין די אַמאָליגע יאָהרען געווען אַ געוויסער ט ש אַ ר ל י ס מ י ט ה, אַ פּוילישער „יאַהודי", מיט אַ גוי׳אישען נאָמען, וועלכער האָט קיינמאָל ניט גערעדט קיין אידיש. מען פלעגט איהם רופען „סילווער דאָלאַר סמיטה", ווייל אין זיין ביר־סאַלון, אויף עסעקס סטריט, ניט ווייט פון גרענד סטריט, האָט ער געלאָזען אויספלאַסטערען די

פּאָדלאָגע מיט זעקס הונדערט זילבערנע דאָלאַרס, װעלכע זײנען געװען אַזוי שטאַרק אײנגעמויערט אין דעם שטײנערנעם פּלאָר, אַז קײנער האָט די זילבערנע מטבעות ניט געקענט אַװעקשאַרען. טשאַרלי סמיטה און מ אַ ר ט י ן ע נ ג ע ל, אויך אַ „יאַהודי", װעלכער איז געװען אַ האָלסײל טשיקען-דילער אין עסעקס מאַרקעט, אויפ'ן קאָרנער פון גרענד סטריט, זײ בײדע זײנען עס געװען די הויפּט פּאָליטישע באָסעס פון „8טען" אונטער דעם גרויסען באָס פון טעמעני האָל, דיק קראָוקער.

אַלע סיטיזענס פון „8טען" פלעגען אויס מורא דאָן שטימען אין די װאַהלען פאַר טשאַרלי סמיטה צו דער אַסעמבלי אָדער צו דער באָארד אָװ אַלדערמען. קײן רעדנער איז טשאַרלי סמיטה ניט געװען. אין צײט פון קאַמפּײן פלעגט ער ארויפגעהן אויף די טראָקס און ערקלעהרען אויף זײן „סלענג"-לשון, אַז ער איז ניט קײן „ספּיקער", אָבער דערפאַר אַ גוטער „טריטער": ער „טריט" (טראַקטירט) מיט פרײע ביער און ציגאַרען אַלע בירגער און דער עולם פלעגט זיך משמח זײן אין זײן סאַלון...

טשאַרלי סמיטה האָט געקענט יעדען מענשען, װאָס האָט געװאוינט אין זײן דיסטריקט און, אויב ער איז געװען אַ סיטיזען, האָט ער געװאוסט גענוי פאַר װעמען ער װאוט. (אין יענע יאָהרען איז נאָך ניט געװען קײן געהײמע אָפּשטימונג אין די װאַהלען). טשאַרלי האָט אויך געװאוסט װער עס זײנען זײנע פּאָליטישע געגנער אין „8טען". דאָס זײנען געװען די רעפּובליקאַנער, נעגען װעמען ער פלעגט „לויפען" פאַר אַסעמבלי אָדער פאַר אַלדערמאַן. נו, האָט ער װעגען די רעפּובליקאַנער געװאוסט אַ גוזמא, װײל אָנגעפאַנגען זײן פּאָליטישע קאַריערע האָט ער אַלײן אויך אַלס אַ רעפּובליקאַנער, װען די גאַר אַלטע „דזשאַני אָברײען אַסס'ן" פון „8טען"—פלעגט איהם יעדען יאָהר ערװעהלען אַלס אַסעמבלימען. איך װײס אָבער ניט גענוי װער עס האָט שפּעטער „איבערצײגט" טשאַרלי סמיטה'ן, אַז די טעמעני-מאַשין איז „בעסער" װי די רעפּובליקאַנער. און ער איז אַריבער מיט אַלע זײנע אָנהענגער צו טעמעני האָל. בײ די רעפּובליקאַנער אין „8טען" איז פאַרבליבען זײנער אַ געװעזענער

נאָכלויפער, אַ יונגער פּאָליטישענדעל, אַ אידיש-אַמעריקאַנער בחור, אויך מיט'ן נאָמען „טשאַרלי", ט ש אַ ר ל י א ד ל ע ר פון אָרטשאַרד סטריט, און אָט דער טשאַרלי אַדלער איז, נאָכדעם ווי טשאַרלי סמיטה מיט אַלע זיינע אָנהענגער האָבען פאַרלאָזען די רעפּובליקאַנער, געווען דער שטענדיגער קאַנדידאַט אין 8טען געגען טשאַרלי סמיטה. נאָר וואָס פאַר אַ ממשות האָט דער יונגער טשאַרלי אַדלער געהאַט געגען זיין אַמאָליגען „רבי", טשאַרלי סמיטה, וועלכער האָט געוואויגען צוויי הונדערט מיט פופציג פונט?!

אין נייעם האָט טשאַרלי אַדלער דאַן אַיינגעפיהרט אויף דער איסט־סייד. דאָס איז געווען „פּאַריידס", וואָס ער פלעגט מאַכען איבער'ן דיסטריקט. אָבער אַלץ הייסט „פּאַראַדען"! טשאַרלי אַדלער פלעגט מיט אַ מאָנאַט פאַר יעדען עלעקשאָן אָנפאַנגען אַלע אָוונד צו פיהרען „מאַרטשעס" איבער'ן „8טען". אין זיינע „פּאַריידס" פלעגט זיך באַטייליגען די „יוגענד" פון „8טען", אָבער נור אַזעלכע יונגע לייט וואָס האָבען געקייט „טשו־טאָבעקאָ". קיין געלד פאַר מיוזיק האָבען זיי ניט געהאַט, פלעגען די יונגע „טאָבעקאָ-טשוערס" אויפקלייבען אַלטע בלעכען און קלאַפּען אין זיי מיט העלצער. דאָס פלעגט זיין אמת'ע קאַצעניאָמער־מוזיק און אָנפאַנגען פלעגען זיי די „פּאַריידס" נאָך 11 אַזייגער ביינאַכט, ווען די איינוואוינער פון 8טען פלעגען שוין שלאָפען. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז אין יענע יאָהרען זיינען די יוניאָנס געווען שוואַך און אַלע אַרבייטער האָבען שוין 7 אַזייגער אין דער פריה געדאַרפט זיין ביי דער אַרבייט. טשאַרלי אַדלער פלעגט אומישנע „מאַרטשען" שפּעט ביינאַכט, כדי דער עולם זאָל איהם שענקען אויפמערקזאמקייט.

אַזוי פלעגען די „פּאַריידס" אין מיטען נאַכט ציהען זיך איבער אַלע סטריטען פון „8טען", ביז זיי פלעגען אַרויף אויף עסעקס סטריט, פאַרביי טשאַרלי סמיטה'ס סאַלון, און דאָרט פלעגט עס קומען צו אַ צוזאַמענשטויס, וואו די „שטאַרקע" פון ביידע „פּאָליטישע לאַגערען" פלעגען צווישען זיך אויסקעמפען דעם קאַמף.

ווי שוין געזאָגט, פלעגט אין די ערשטע יאָהרען יעדען מאָל

ערוועהלט ווערען טשארלי סמיטה. די איסט סיידער בירגער זיינען פון איהם אָבער מיד געוואָרען, ווייל ער האָט פאר זיי גאָר ניט אויפגעטאָן, און אזוי ווי דער צווייטער „טשארלי", טשארלי אדלער, האָט כסדר קאנדידירט נגעגען טשארלי סמיטה און האָט געהאלטען אין איין „מאַרטשען" מיט זיינע רעפובליקאנער נאָכשלעפער, האָט ער ענדליך באזיגט זיין טעמעני־געגנער און איז זייט דאן פיל מאָל ערוועהלט געוואָרען צו דער אסעמבלי פון „8טען".

ווען די פּאָליטישענס פון טעמעני און פון די רעפובליקאנער אויף דער איסט סייד האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן, אז די „ציצילויסטען" קומען אויך ארויס אין סטריט מיט טראָקס און האל־טען קאמפיין־מיטינגען, זיינען זיי פשוט ווילד געוואָרען און זייערע „שטארקע" האָבען באשאָטען די סאָציאַליסטישע רעדנער און זייער פובליקום מיט שטיינער, מיט קלעפּ, מיט קאצעניאָמער־מוזיק. ווען דאָס איז ניט געווען גענוג, פלעגט יעדער סאָציאַליסטישער רעדנער אויף די טראָקס אָפּגעגאָסען ווערען מיט עמערס שמוציגע וואסער, וועלכע פלעגען ארונטערגעגאָסען ווערען פון די פענסטער, ביי וועל־כע די טראָקס פון די סאָציאַליסטען פלעגען זיך אָפּשטעלען. איך געדענקט נאָך עד היום ווי אזוי מען האָט מיך אליין ניט איין מאָל „מכבד" געווען מיט אַן עמער וואסער אין פילע סאָציאַליסטישע קאמפּיינס.

די פּאָליטישענס פון די אלטע צוויי פארטייען פון דער איסט־סייד האָבען אונז, סאָציאַליסטען, ניט פארשטאנען. זיי האָבען אונז אָבער באטראַכט פאר אַ וואקסענדע געפאהר פאר זיי. זיי זיינען געוואָהר געוואָרען, אז מיר, די „ציצילויסטען", גרינדען גאָר יוניאָנס אויף דער איסט סייד און זיינען גאַנצע מחותנים מיט די ארבייטער. די איינציגע טרייסט זייערע איז געווען, וואָס די אידישע ארבייטער זיינען נאָך דאן ניט געווען קיין סיטיזענס און האָבען ניט געקענט וואוטען. אָבער זיי קענען דאָך ווערען בירגער — האָבען די פּאָלי־טישענס געקלערט, — מוז מען געגען זיי עפּעס טאָן. די קלעפּ, שטיינער און פּאָמאָיניצעס, מיט וועלכע זיי האָבען אונז מכבד געווען, האָבען אונז ניט פארטריבען. מיר זיינען מיט יעדען קאמ־

פּיין אַלץ שטאַרקער געוואָרען. זיינען אייניגע פון די אַלטע פּאָלי־טישענס געפאַלען אויף אַ פּלאַן זיך ארויסצושטעלען פאַר די אמת׳ע „ארבייטער־פריינד". ווען אַ אידישע יוניאָן פּלעגט פיהרען אַ סטרייק און עס פלעגט פאַרקומען ארעסטען פון די סטרייקער, האָבען די פּאָליטישענס געבראַוכט זייער פּאָליטישען „פּול" צו באַ־פרייען די ארעסטירטע סטרייקערס. די דאָזיגע פּאָליטישענס פון די אַלטע פּאַרטייען זיינען געווען אַלמעכטיג אין די פּאָליס־קאָורטס, די יוניאָן־לייט פלעגען זיך דארום ווענדען צו די פּאָליטישענס נאָך הילף אין פאַל פון ארעסט. און די פּאָליטישענס פלעגען טאַקע אויסווירקען די באַפרייאונג פון די ארעסטירטע סטרייקער.

שוין אין יאָהר 1886, אין דער צייט פון דעם הענרי דזשאָרדזש קאַמפּיין, און אין יאָהר 1887, אין דעם קאַמפּיין פון דער „פּראָגרע־סיוו לייבאָר פּאַרטי", האָבען די איסט־סיידער סאָציאַליסטען אָנ־געפיהרט אַ קאַמפּיין. אין די ערשטע יאָהרען אָבער האָבען די סאָ־ציאַליסטישע און ארבייטער־קאַמפּיינס ניט געהאַט קיין גרויסען ער־פּאָלג. אין יאָהר 1896, ווען דער פיהרער פון דער ס. ל. פּ., דעניעל דעליאָן, איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלי אין 16טען דיס־טריקט, האָט זיך די לאַגע אַזוי געענדערט, אַז דעליאָן האָט געהאַט די בעסטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען. אויך איז דער דאָ־מאָלסדיגער 22טער אַסעמבלי דיסטריקט פון האַרלעם געווען אַ סאָציאַליסטישע פעסטונג. די ס. ל. פּ. האָט יענעם יאָהר געצויגען אין דעם דיסטריקט איבער 23 הונדערט שטימען און דער סאָציאַ־ליסטישער קאַנדידאַט איז שיער ניט ערוועהלט געוואָרען. אין יע־נעם יאָהר איז דער סאָציאַליסטישער קאַמפּיין אין אַלע דיסטריקטען פון ניו יאָרק, און ספּעציעל אויף דער איסט־סייד, געווען זעהר אָן ענערגישער. די קריסטליכע און אידישע ארבייטער פון אַלע גע־גענדען פון שטאָדט זיינען דאַן געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. עס איז געווען וואונדערבאַר צו באַאָבאַכטען די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די סאָציאַ־ליסטישע קאַמפּיין־מיטינגען. אין די ערשטע קאַמפּיין־יאָהרען פלע־גען די סאָציאַליסטען אויסשטעהן געבּרענטע צרות פון דער יונג־

װאַרג, װעלכע באַלאַנגערען אימער די טראַקס, פון װעלכע מען קאַמ־פײנעװעט. אין יענע צײטען האָבען די קונדסים ניט ליעב געהאַט די סאָציאַליסטען, װײל מיר האָבען בײ זיך ניט געהאַט קײן ראַקע־טען און קײן פײער־װערק, װי די פּאָליטישענס פון די צװײ אַלטע פּאַרטײען. דערצו פלעגען די אַלטע פּאָליטישענס זײ נאָך אונ־טערהעצען געגען אונז. דאָס יונגװאַרג פלעגט זיך אַרומשטעלען אַרום אונזער׳ע טראָקס און נעהמען שרײען און קװיטשען: „סופּ! סופּ!״ און זײ פלעגען מאַכען אַזעלכע גװאַלדען און געלעכטערס, אַז עס פלעגט אונמעגליך זײן פאַר אונז צו האַלטען אַ מיטינג אויפ׳ן גאַס. ניט אײן מיטינג אונזערען האָבען יענע קונדסים צושטערט. אָבער מיט יעדען יאָהר האָבען זיך די אומשטענדען געבעסערט. דער יונגער דור האָט גאָר גענומען סימפּאַטיזיר׳ען מיט די סאָציאַ־ליסטען, און עס איז אונז געװען װאויל און גוט. מיר האָבען גע־קראָגען נײע קרעפטען, יונגע קינדער, אַלס קעמפּײנערס פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען, און דאָס האָט, װי דער אַמעריקאַנער זאָגט „גענומען די קײק״.

ערװעהלען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען איז אָבער פאַר אונז דאַן נאָך געװען אוממעגליך, װײל כאָטש מיר האָבען געהאַט אַ סך נאָכלױפער נאָך די סאָציאַליסטישע טראָקס, האָבען מיר אָבער געהאַט װײניג אַרבײטער, װאָס זאָלען זײן סיטיזענס. דאַן איז די גאַנצע אַרבײט פון די סאָציאַליסטען אין קאַמפּײן־צײט באַשטאַנען אין האַלטען מיטינגען אין גאַס און אין האָלס, װעהרענד די פּאָלי־טישענס פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטײען זײנען געװען גוט־אָרגאַניזירט פאַר פּראַקטישע אַרבײט, װעלכע ברענגט רעזולטאַטען. און אין דער צײט, װען מיר װאָלטען שױן זיכער געקענט ערװעה־לען דעניעל דעליאָנען אַלס אַסעמבלימאַן פון 16טען דיסטריקט, איז געקומען די שפּאַלטונג פון דער פּאַרטײ אין יאָהר 1897.

.20

די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי און די גרינדונג פון „פאָרווערטס".

די אָפּאָזיציע פון דער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסס'ן" רייסט זיך אָפּ פון דער ס. ל. פּ. און גרינדעט דעם „פאָרווערטס". — א. ליעסין ווערט איינער פון די הויפּט־מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס". — די צווייטע שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. און דער אַוועקגעהן פון די „קענגערוס". — יודזשין וו. דעבס און זיין „סאָשיאַל־דעמאָקראַטיק פּאַרטי". — די פאַראייניגונג צווישען די אָפּגעשפּאָלטענע טיילען פון דער ס. ל. פּ. מיט דעבס'עס פּאַרטיי. — שיקאַגאָ און ניו יאָרק.

דעם 7טען יאַנואר 1897 איז פאָרגעקומען דער יעהרליכער גענעראַל מיטינג פון די „אַרביטער צייטונג פּובלישינג אַסס'ן". ביידע צדדים, די דעליאָניסטישע און די אַנטי־דעליאָניסטישע פראַקציעס האָבען זיך געמאָסטען מיט די קרעפטען אום צו קריגען די מאַיאָריטעט שטימען ביי יענעם מיטינג, וואו עס האָבען באַדאַרפט ערוועהלט ווערען דער רעדאַקטאָר און אַלע איבעריגע בעאַמטע פון דער אָרגאַניזאַציע. די כחות פון די ביידע צדדים זיינען אין דער פּוב. אַסס'ן געווען כמעט גלייך. די דעליאָניסטען אָבער זיינען דאַן געווען אין אמט, האָבען זיי ערקלערט ביים מיטינג, אז זיי האָבען די מעהרהייט שטימען, און דאַ איז געקומען צו א שפּאַלטונג. איינער פון די אָפּאָזיציאָנערען האָט אויסגעשריען: „גענאָסען, קומט!" און 52 מיטגלידער פון דער „אַרבייטער צייטונג פּובלישינג אַסאָסיאיישאָן", וועלכע זיינען געווען אין דער אָפּאָזיציע געגען די דעליאָניסטען האָבען פאַרלאָזען יענעם מיטינג. צווישען זיי זיינען געווען אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, ל. מילער, מ. פיין, מ. ווינטשעווסקי, מ. גילים און אַנדערע.

גענאָסע ב. פייגענבוים וועלכער איז ביים פּאַרטיי-טאָג אין

וועבסטער האָל און ביים שידעס געריכט געוועזן מיט דער אָפּאָזיציאָן געגען דעליאָנ׳ען, איז ביי יענעם באַריהמטען מיטינג פון דער „פּובלישינג אַסס׳ן״. וואו עס איז פאָרגעקומען די שפּאַל־טונג, פאַרבליבען מיט די דעליאָניסטען, מיט דער כונה, ווי ער האָט דאָן געזאָגט,ביידע שטרייטענדע צדדים ווידער צו פאַר־איינינגען.

די 52 אָפּאָזיציאָניסטען האָבען גלייך אָפּגעהאַלטען א מיטינג, וואו זיי האָבען געגרינדעט א „פרעס פאַראיין״, מיט דעם צוועק צו גרינדען אַן אייגענע סאָציאַליסטישע צייטונג. די בעסטע רעדנער פון דער אָפּאָזיציע, ווי אב. קאַהאַן, ל. מילער, ווינטשעווסקי און מ. זאַמעטקין זיינען אַרומגעפאָהרען איבער׳ן לאַנד, באַזוכט די סאָ־ציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און די יוניאָנס און האָבען ערקלעהרט די אורזאַכען פון דער שפּאַלטונג. די גרעסטע צאָהל אָרגאַניזאַ־ציעס זיינען אַוועק מיט דער אָפּאָזיציע.

אין ניו יאָרק זיינען נאָך פון פריהער אין אַלע אידישע יוני־אָנס אָנגעגאַנגען רייסערייען צוליב דעליאָנ׳ס „עלייענס״, וועלכע האָט געגרינדעט אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס און די גרעסטע צאָהל יו־ניאָנס זיינען געווען מיט דער אָפּאָזיציאָן. ביז ענדליך ווען עס איז געקומען צו דער שפּאַלטונג זיינען אין די פאַראייניגטע אידי־שע געווערקשאַפטען — וועלכע זיינען געווען „לאָיאַל״ צו דע־ליאָנס ס. ל. פּ. — פאַרבליבען בלויז א 4-3 יוניאָנס.

אין גיכען האָבען די אָפּאָזיציאָניסטען, — אַזוי האָט מען גערופען די וואס האָבען זיך דאָן אָפּגעשפּאַלטען פון „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן״, די וואס זיינען דאָן פאַר־בליבען מיט דעליאָנ׳ען, האָט מען גערופען די „לאָיאַלע״, — איינ־גערופען א קאָנווענשאָן פון אַלע פרעס קלאַבס פון פאַרשיידענע שטעדט און אויך פון דעלעגאַטען פון יוניאָנס, וועלכע האָבען סימ־פּאַטיזירט מיט די „אָפּאָזיציאָניסטען״.

די קאָנווענשאָן האָט שטאַטגעפונען דעם 30טען און 31טען יאַנואַר, 1897, אין דעם גרויסען בייטהמענט זאַל פון וואַלהאַלאַ האָל, 48 אָרטשאַרד סטריט, ניו יאָרק. אויף דיזער קאָנווענשאָן

זיינען געווען פאַרטראָטען 11 פּרעס קלאָבס: פון ניו יאָרק, ברוק־לין, פילאַדעלפיא, באָסטאָן, באַלטימאָר, האַרטפאָרד און ניו הייווען. פילע יוניאָנס זיינען אויך דאָרט געווען פאַרטראָטען.

ביי דער קאָנווענשאָן איז באַשלאָסען געוואָרען, אַרויסצוגעבען אײנגיכען אַ טעגליכע צייטונג מיט דעם נאָמען דער „פאָרווערטס" און עס איז גלייך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַן אָרגאַניזאַציע וועלכע זאָל אַרויסגעבען דיזע צייטונג. דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען „דער פּרעס פאַרבאַנד".

די „פאָרווערטסיסטען" האָבען זיך גלייך גענומען קלייבען געלד: מילער, קאַהאַן, זאַמעטקין און ווינטשעווסקי זיינען אַרומגעפאָהרען איבער דער קאַנטרי און אַדרעסירט מאַסמיטינגען, אויף וועלכע מען האָט געמאַכט קאָלעקשאָנס. דאָס זעלבע איז געטאָן געוואָרען אין ניו יאָרק. מען האָט געזאַמעלט געלד אין די יוניאָנס, אין די סאָציאַליסטישע פאַראיינען און אויף אַלערליי פאַרזאַמלונגען.

אויף דיזע פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען מערקווירדיגע סצענעס פון באַגייסטערונג און אָפּפערוויליגקייט. אַרבייטער און אַרבייטערינען האָבען געגעבען מעהר ווי זיי האָבען געקאָנט; פילע פון זיי האָבען אָנשטאָט געלד אויסגעטאָן די רינגלאַך און אַראָפּגענומען די זייגערלאַך פון זיך און דאָס אַריינגעוואָרפען אין דער הוט, מיט וועלכען די קאָמיטעס זיינען אַרומגעגאַנגען זאַמלען געלד.

דער ערשטער נומער „פאָרווערטס" איז אַרויס דעם 22טען אַפּריל, 1897. אַלס רעדאַקטאָר איז ערוועהלט געוואָרען אַב. קאַהאַן.

דער אָפיס פון דער צייטונג איז געווען אין אַ קליינע סטאָרקע, אַ הילצערנע הייזקע, אין 23 קאַנאַל סטריט. דאָס איז געווען כמעט אַנטקעגען דעם פּלאַץ, וואו דער „פאָרווערטס" געפינט זיך איצט. די הויז איז שוין לאַנג אַרונטערגעריסען געוואָרען. דאָרטען געפינט זיך איצט דער סואַרד פּאַרק, וועלכער האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. אין סטריט אַרום סטאָר האָבען זיך יענעם טאָג פאַרזאַמעלט הונדערטער אַרבייטער מקבל פּנים צו זיין דעם גאַסט.

א פּאָר וואָכען נאָכדעם ווי דער „פאָרווערטס" האָט אָנגע־הויבען צו ערשיינען איז אין ניו יאָרק אָנגעקומען געבאָסע א. ל י ע ס י ן. ער האָט נאָך זייענדיג אין רוסלאַנד געשריבען פאַר די היגע סאָציאַליסטישע צייטונגען: פאַר דער „ארבייטער צייטונג" און פאַר'ן „אבענד בלאַט". ער פלעגט פון רוסלאַנד צושיקען לידער. זיין אמת'ער פאַמיליען נאָמען איז געווען וואַלט; אָבער אב. קאַהאַן, וועלכער האָט זיינע לידער געדרוקט אין דער „ארבייטער צייטונג", האָט איהם א נאָמען געגעבען ליעסין. („ליעס" איז וואַלד אויף רוסיש). אָנקומענדיג אַהער איז ער גלייך צוגעשטאַנען צום „פאָרווערטס".

אין ליעסינ'ען האָט דער „פאָרווערטס" צוגעקראָגען ניט נאָר א גרויסען פּאָעט, נאָר אויך א גלענצענדען פּובליציסט. שוין זיינע ערשטע פּובליציסטישע ארטיקלען אין „פאָרווערטס" האָבען גע־מאַכט א רושם אין דער באַוועגונג און האָבען איהם געשאַפען א גרויסען נאָמען צווישען די אידישע ארבייטער־לעזער פון אמעריקא.

אין דער פּראַקציע פון די „לאָיאַלע", וועלכע האָבען ארויסגעגעבען דעם „אָבענד בלאַט" האָבען זיך אָפּגעשטעלט די גענאָסען ס. ד. קופּער, די ברידער ווײמאַן, פ. קראַנץ, ס. פּאָלאָק, ל. לעוויצקי, ב. פייגענבוים, ס. סמילאַנסקי, יעקב מילך, מ. פין, א. הינדעס, י. שלאָסבערג, ל. בודין־בודיאַנאָוו, ס. שפּיעז, ב. וויינ־שטיין, י. מאַגידאָוו, ה. סלאָבאָדין, ס. ל. מאַלקיעל, דר. י. האַלפּערן און אַנדערע. פילע פון דיזע גענאָסען האָבען איינגעשטימט מיט די „אָפּאָזיציאָניסטען", דאָך זיינען זיי דאַן דאָס ערשטע מאָל ניט מיטגעגאַנגען מיט דער אָפּאָזיציע, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט צושטערען די ס. ל. פּ. זיי האָבען געהאָפט, אַז אַלעס וועט זיך ענדערען. דעליאָנ'ס טאַקטיק וועט דורכפאַלען און די ס. ל. פּ. וועט בלייבען.

די מעמבערס פון דער ס. ל. פּ. האָבען דאַן אויך פּראָטעסטירט געגען דער „פּיפּעל" דער אָפיציעלער ענגלישער פּאַרטיי צייטונג, פון וועלכער דעניעל דעליאָן איז געווען דער רעדאַקטאָר, דערפאַר, וואָס ער האָט אַגיטירט פאַר דער „עלייענס" און פלעגט באַשמוצען

יעדען איינעם, וואָס האָט געוואגט איהם ערגעץ וואו צו קריטי־קירען. די „דייטשע פאָלקס צייטונג" וועלכע האָט געדרוקט פאר איהרע געלט דעם „פיפעל" איז געווען געגען דעליאָנס „עלייענס" און דאָרטען פלעגט מען כסדר אויפווייזען ווי שעדליך דעליאָנס טאַקטיק איז. מיט דער צייט האָט זיך אין דער „ס. ל. פּ." ניו־יאָרק און אַלע דיסטריקט אָרגאַניזאציעס, געבילדעט א שטארקע אָפּאָזיציע געגען דער טאַקטיק פון די לייטענדע גייסטער פון דער ס. ל. פּ., ווי דעליאָן, יוגאָ פאָכט און לוסיען סעניעל. אין דעם יאָהר 1899, ווען עס האָבען געדאַרפט פאָרקומען וואהלען פאר בעאַמטע אין דער דזשענעראַל קאָמיטע פון ניו יאָרקער סעקציאָן ס. ל. פּ. האָט זיך געפיהלט אין דער לופטען, אז די נייע ערוועהלטע דעלעגאַטען צו דער דזשענעראַל קאָמיטע פון ניו יאָרק וועלען דורכוואַרפען דעליאָנ'ען מיט זיין גאַנצער טאַקטיק.

עס איז געווען דעם 8טען יולי פון יאָהר 1899 א שבת נאַכט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער מיטינג פון די דזשענעראַל קאָמיטע ס. ל. פּ. פון ניו יאָרק, אין דייטשען לייבאָר לייסעאום 64 איסט 4טע סטריט, ווען עס איז געקומען אין דער סאָציאַליסטישער אר־בייטער פּאַרטיי צו אַ צווייטער גרויסער שפּאַלטונג.

גלייך ביי די ערוועהלונג פון א טשערמאַן ביי יענעם מיטינג, זיינען געווען צוויי פראַקציעס, איינע דעליאָנ'ס, און די צווייטע — מאָרים הילקוויט'ס, פון דער נייער אָפּאָזיציע. צוליב די דריידלאך וואָס דעליאָן און פאָכט האָבען דאַן געמאכט, איז יענער מיטינג אָפּגעבראָכען געוואָרען.

די נייע „אָפּאָזיציע" איז גלייך אוועק פון מיטינג אין ווי־ליאַמס סטריט אין רעדאקציע פון דער „דייטשער פאָלקס צייטונג" און דאָרטען האָט מען דערזעהן אז כמעט אַלע ניו יאָרקער סאָציאַ־ליסטען זיינען איצט אין דער אָפּאָזיציע געגען דעליאָנען. יענער צוזאַמענקונפט האָט אויפ'ן שטעל באַשטימט צו רופען דורך דער דייטשער „פאָלקס צייטונג" א ספּעציעלען מיטינג פון דער דזשע־נעראַל קאָמיטע אין צוויי טעג אַרום גלייך אויף מאָנטאָג אָווענד דעם 10טען יולי אין 385 באָוערי.

די גרעסטע צאָהל דעלעגאַטען פון די ניו יאָרקער אַסעמבלי דיסטריקטען פון דער ס. ל. פּ. זיינען געקומען צו יענעם מיטינג, בלויז אַ קליינע צאָהל דעליאַניסטען האָבען געפעהלט. און עס זיינען ביי יענעם מיטינג גלייך ערוועהלט געוואָרען אַלע באַאַמטע און דאַן איז ערשט געקומען די ריכטיגע שפּאַלטונג. ניט בלויז די ניו יאָרקער סעקציאָן ס. ל. פּ. נור אין אַלע שטעדט פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק האָבען זיך אַלע מיט דעם אויסנאַם פון אַ קליינע צאָהל סעקציאָנען, אָפּגעריסען פון דעליאָנען און זיך ערקלערט אַלס די אמת'ע „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטיי".

אין „אַרבייטער צייטונג"־פּובלישינג אַסס'ן, זיינען דאַן פאַר־בליבען אַ קליינע צאָהל מיטגלידער. אַזוי אַבער ווי די נייע „אָפּאָ־זיציאָניסטען", די מאַיאָריטעט מעמבערס האָבען ניט געטרייט צו פאַרכאַפּען דאָס „אַבענד בלאַט" מיט אַלעם וואָס האָט באַלאַנגט צו איהם, זיינען אַ קליינע גרופּע אידישע ס. ל. פּ. גענאָסען פאַר־בליבען די אייגענטימער פון „אַבענד בלאַט" מיט דער דרוקעריי, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין 9 ראַטגערס סטריט.

די הויפּט פון די פאַרבליבענע זיינען געווען ס. ד. קופּער און י. שלאָסבערג. די פאַרבליבענע אייגענטימער פון „אַבענד בלאַט" האָבען אויפ'ן צווייטען טאָג אוועקגעשיקט דעם רעדאַקטאָר קראַנץ. גענאָסע פייגענבוים איז גלייך אַליין אוועק, און די דעליאָ־ניסטען האָבען געמאַכט אַ נייעם רעדאַקטאָר אַ געוויסען גענאָסע וועלכער איז מיט אַ קורצע צייט פריהער געקומען אין אַמעריקאַ, זיין נאָמען איז געווען מ. בעהר, אַ ביסעל שפּעטער זיינען די רעדאַקטאָרען געוואָרען הערמאַן סימפּסאָן און דוד פּינסקי.

די „וויקלי פּיפּעל" האָט די דייטשע „פאָלקסצייטונג" יאָ צוגענומען, ווייל עס איז געווען זייער דרוקעריי, און זיי האָבען געמאַכט אַלס זייער רעדאַקטאָר גענאָסע נ. י. סטאון. עס האָט זיך אָנגעהויבען גלייך אַ שפּאַלטונג אין די ס. ל. פּ. אָרגאַ־ניזאַציעס פון יעדער שטאָדט.

ערשט אויף דער פערטער וואָך, האָט דעליאָן אַרויסגעלאָזען אַן

איינגענעם נומער „פּיפּעל" און דאָרטען האָט ער די נייע אָפּאָזיציאָן א נאָמען געגעבען „קענגערוס" (קענגערו רופט מען אזא חיה וואָס שפּרינגט). די „קענגערוס" האָבען אָבער דאן געמאַכט אַ גוטען דזשאָב.

עס איז געוואָרען פון די צוויי פּראַקציעס דריי, די אַלטע ס. ל. פּ. די נייע ס. ל. פּ. „קענגערוס" און די „פאָרווערטסיסטען".

די „קענגערוס", די אידישע גענאָסען, האָט ניט גענומען לאַנג און דעם ערשטען שבת אין סעפּטעמבער פון זעלבען יאָהר האָבען זיי שוין געהאַט אַן אייגענע טעגליכע צייטונג, וועלכע האָט זיך גערופען די „אידישע פאָלקס צייטונג" וואו פ. קראַנץ און ב. פייגענבוים זיינען געוועזן די רעדאַקטאָרען. די „קאַנגארוס" האָבען אַזוי געשאַטען מיט געלד אויפצוהאַלטען זייער צייטונג ווי די „פאָרווערטסיסטען" פאַר'ן „פאָרווערטס". די קענגערוס האָבען גער קליימט, אַז זיי זיינען די ס. ל. פּ. און מען האָט געוואַרט אויף די ענטשיידונג פון די קאַפּיטאַליסטישע קאָורטס, אין וועלכע דעליאָן האָט פאַרפיהרט אַ פּראָצעס געגען די „קענגערוס", אַז זיי האָבען צוגע'גנב'עט ביי איהם דעם נאָמען ס. ל. פּ.

די פאָרווערטסיסטען" האָבען דאן צו קיין פּאַרטיי ניט באַלאַנגט, דאָ האָט אָבער געטראָפען אַ נס, יודזשין וו. דעבס האָט גראַד דאן געגרינדעט אַן אַמעריקאנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען די „סאָשעל־דעמאָקראַטיק פּאַרטיי אָוו אַמעריקאַ", יענע פּאַרטיי, האָט געהאַט אין אָנפאַנג עפּעס אַ צוטשעפּעניש פון קאָאָפּעראַטיווע פאַרמערישע קאָלאָניעס.

די פּרינציפּען־ערקלעהרונג פון דעבס'עס „ס. ד. פּ.", האָט אין אָנפאַנג ניט אינגאַנצען געשטימט מיט די פּרינציפּען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. יצחק אייזיק הורוויטש און מאיר לאָנדאָן, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט די „פאָרווערטסיסטען", האָבען ענדליך צוזאַמענגעפיהרט די „פאָרווערטס" סאָציאַליסטען, מיט דער „סאָשעל דעמאָקראַטיק פּאַרטיי", וואו גענאָסע דעבס איז געוועזן דער פיהרער.

איך וויל דאָ אין קורצען דערצעהלען ווי אַזוי עס איז געקומען

צו דער גרינדונג פון דער „סאָשעל דעמאָקראַטיק פאַרטיי״ אין יאָהר 1897.

גענאָסע יודזשין דעבס איז געווען שוין פון לאַנג דאַן באַקאַנט אַלס אַ ראַדיקאַלער פיהרער פון די אייזענבאַהן ארבייטער. דעבס איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען אַליין אַן ארבייטער און אַן אינדזשיניער אויף אַ טריין. אַלס אַ זעהר פעהיגער און איבערגעבענער יוניאָן מוער איז ער געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון זייער יוניאָן זשורנאַל, און אויך דער פיהרער פון דער „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן״, וועלכע איז ניט געווען פאַרבונדען מיט דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. גענאָסע דעבסעס „ריילוויי יוניאָן״ איז שוין אין יאָהר 1895 געווען אָרגאַניזירט אויף דעם אינדוסטריעלען באַזיס, און דערפאַר האָבען אין יענער יוניאָן בעלאַנגט די ארבייטער פון פולמאַנ׳ס סליפינג קאַרס. עס האָט דאַן אויסגעבראָכען אַ סטרייק ביי דעם מר. פולמאַן אין זיין אייגענער שטאָדט „פולמאַן״, ניט ווייט פון שיקאַגאָ, און ווען גענאָסע דעבס איז געקומען צו דעם רייכען מר. פולמאַן פאָרלעגען איהם „ארביטריישאָן״, האָט דאַן דער מר. פולמאַן, וועלכער איז געווען אַ בעריהמטער עקספּלואַטאָר, גענאָסע דעבס׳ן געענטפערט: „נאָטינג טו אַרביטרייט״.

די ווערטער „נאָטינג טו ארביטרייט״ זיינען געוואָרען צוליב דעם בעריהמט. און טאַקע צוליב פולמאַנ׳ס סטרייק איז דאַן אַרויסגערופען געוואָרען פון דער „אַמעריקאַן רעילוויי יוניאָן״ אַ דזשענעראַל סטרייק אויף אַלע אייזענבאַהנען אין די וועסט און אין אַנדערע טיילען פון לאַנד. יענער ריילוויי דזשענעראַל סטרייק איז געווען בעריהמט אין גאַנצען לאַנד. אַלע טריינס האָבען געסטאָפּט. בעריהמט איז דער סטרייק געוואָרען מיט דעם, וואָס דער גאָווערנאָר אַלטגעלד פון אילינאָי סטייט האָט ערקלעהרט, אַז ער האַלט אָרדנונג אין סטרייק, אָבער דער דאַמאָלסטדיגער פּרעזידענט פון לאַנד גראָווער קליוולאַנד, האָט געשיקט יונייטעד סטייטס מיליטער אין אַלע געגענדען וואו דער אייזענבאַהן סטרייק איז אָנגעגאַנגען. דאַן האָבען דיכטער פון די העכסטע

קאָורטס גלייך ארויסגעגעבען אַן אינדזשאַנקשאַן געגען דער „אַמע־ריקאַן ריילוויי יוניאָן״ און געגען אַלע פיהרער פון יענעם סטרייק און הויפּטזעכליך געגען גענאָסע יודזשין וו. דעבס.

עס האָט ניט לאַנג גענומען ווי געגאָסע דעבס מיט די אַנדערע טוערס פון יענער „רעילוויי יוניאָן״ זיינען פאַרשיקט געוואָרען אין פּריזאָן פאַר „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט״ און דער רעילוויי סטרייק איז דאַן פאַרלאָרען געגאַנגען.

זיצענדיג אין פריזאָן האָט געגאָסע דעבס צוזאַמען מיט זיינע קאָמעראַדען באַשלאָסען צו גרינדען אין אַמעריקא אַן אַמעריקאַנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, דאָס איז געווען יענע פּאַרטיי, אַן וועלכער די „פּאָרוועררטסיסטען״ האָבען זיך שפּעטער אָנגעשלאָ־סען. ערשט אין יאָהר 1901 איז נאָך פילע דיסקוסיאָנען צווישען די „קענגערוס״ און די „פּאָרווערטסיסטען״ פון דער „ס. ד. פּ.״ געקומען צו אַ פאַראייניגונג פוןביידע פראַקציעס. דאָס איז גע־ווען נאָכדעם ווי די אידישע „פאָלקס־צייטונג״ איז אונטערגעגאַנ־גען, ווען דער קאָורט האָט גע׳פּסק׳ענט, אַז דער נאָמען ס. ל. פּ. קומט צו דעליאָנס פראַקציע. אויף אַזא אויפן זיינען זיך די אידישע סאָציאַליסטען ווידער צוזאַמענגעקומען אויסער אַ קליינער גרופּע אידישע „ס. ל. פּ.״ גענאָסען וועמעס „אבענד בלאַט״ איז מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער אויך אונטערגעגאַנגען.

שיקאַגאָ און ניו יאָרק.

ווי איך האָב שוין געשריבען אין די פריהעריגע קאַפּיטלען, פלעגען די ניו יאָרקער אידישע סאָציאַליסטען שיקען זייערע בעסטע רעדנער אין פאַרשיידענע שטעדט פון לאַנד, צו אַגיטירען פאַר דער באַוועגונג. אויך פלעגען אונזערע צייטונגען, פריהער די „אַרביי־טער צייטונג״ און „אָבענד בלאַט״ און שפּעטער דער „פאָרווערטס״ און די אַנאַרכיסטישע „פרייע אַרבייטער שטימע״, געשיקט ווערען פון ניו יאָרק אין אַלע גרויסע און קלענערע שטעדט פון אַמעריקא.

די שטאָדט שיקאַגאָ איז נאָך אין די אַכציגער יאָהרען, לויט דער צאָהל אידישע איינוואוינער, וועלכע זי האָט פאַרמאָגט, באַ־

טראכט געוואָרען פאר דער צווייטער גרויסער אידישער שטאָדט אין אמעריקא.

די שיקאַגאָ'ער אידישע סאָציאַליסטען האָבען זיך גלייך פאר־בונדען מיט די ניו יאָרקער אידישע סאָציאַליסטען דורך דער פּאַרטיי. אין שיקאַגאָ איז די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע און די טרייד יוניאָן באוועגונג געווען צימליך גרויס.

די אידישע גענאָסען אין שיקאַגאָ האָבען אין אָנפאַנג געהאַט א „פּאָרט־בילדונגס פעראיין", וועלכער איז געווען אַן אומפּארטייאישער. דאָרטען האָבען באַלאַנגט סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אנאר־כיסטען. שפּעטער, אין יאָהר 1891, האָבען די סאָציאַליסטישע גענאָסען געגרינדעט אין שיקאַגאָ א סעקציע פון דער „ס. ל. פּ."

אין שיקאַגאָ איז אין יאָהר 1889 שוין צום דריטען מאָל גע־גרינדעט געוואָרען א קלאָוקמאַכער יוניאָן. צווישען די גרינדער פון דער דאָזיגער קלאָוקמאַכער יוניאָן זיינען געווען די סאָציאַליסטישע גענאָסען נ א ג י נ ס ק י, א. ב י ז נ א, י. ל ע ו ו י ן און פּ י ט ע ר ז ו ס מ א ן. יענע יוניאָן האָט צום ערשטען מאָל אָנגעפיהרט א וויכטיגען סטרייק, וועלכער האָט אָפּגעקלונגען אַזש ביז ניו יאָרק.

דער ערשטער שיקאַגאָ'ער גענאָסע, מיט וועלכען איך האָב זיך באַקענט אין ניו יאָרק, איז געווען גענאָסע פּ י ט ע ר ז ו ס־מ א ן, וועלכער איז אַהער געקומען אויף א באַזוך אין יאָהר 1893. ער איז דעמאָלט נאָך געווען א קלאָוקמאַכער. ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די ניו יאָרקער אידישע גענאָסען. מיר האָבען גלייך דערזעהן, אַז מיר האָבען צו טאָן מיט א זעהר פעהיגען אינטעליגענטען מענשען. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען מיר זיך באַקענט מיט א צווייטען שיקאַגאָ'ער אידישען סאָציאַליסט — גענאָסע י. ל ע ו ו י ן, וועלכער איז אויך געווען א קלאָוק־מאַכער. דעם גענאָסע האָבען מיר גלייך איינגעלאַדען, אַז ער זאָל ווערען דער מענעדזשער פון אונזער „אַבענד בלאַט". דער דריטער גאַסט פון שיקאַגאָ איז געווען א ב. ב י ז נ א, וועלכער איז אויך געקומען צו אונז אין ניו יאָרק אין די נייינציגער יאָהרען, אויף דער איינלאַדונג פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

דער פערטער שיקאַגאָער גענאָסע, וואָס איז געקומען אין ניו יאָרק און האָט דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער באַ־וועגונג, איז געוועזן ב. שלעזינגער. ער איז נאָך דאַן געוועזן אַ זעהר יונגער מאַן. מען האָט אָבער גלייך באַמערקט, אַז ער באַזיצט אַ סך ענערגיע. דעם ערשטען מאָל איז ער געקומען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1897. באַלד נאָך דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי. אין שיקאַגאָ איז ער נאָך פאַרבליבען מיט דער ס. ל. פּ.

שלעזינגער איז אויך געוועזן אַ קלאָוקמאַכער און ווען די ניו יאָרקער גענאָסען האָבען זיך מיט איהם נעהענטער באַקאַנט, האָבען פילע פון אונז געדענקט, אַז ער איז דער איינציגער פּאַסיגער פיה־רער פאַר דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועלכע איז געראדע אין יענער צייט געוועזן זעהר שוואַך. שלעזינגער איז אָבער דאַן ניט פאַרבליבען ביי דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ער איז צוריק אוועקגעפאָהרען אין שיקאַגאָ, וואו ער איז ווידער אוועק אין שאַפּ אַרבייטען אלס אָפּערייטאָר ביי קלאָוקס. ער איז אָבער געוועזן זעהר טעטיג אין דער שיקאַגאָ׳ער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

ערשט אין יאָהר 1903 האָבען מיר ווידער דערזעהן גענאָסע ב. שלעזינגער׳ן אין ניו יאָרק, ווען ער איז שוין אהער געקומען צו דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן אלס דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין ניו יאָרק ביי אַ קאָנווענשאָן, וואָס האָט שטאַטגעפונען אין מאָנאַט יוני פון יאָהר 1900, אין דייטשען סאָציאַליסטישען לייבאָר לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט. ביי יענער ערשטער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן איז ערוועהלט געוואָרען אלס פּרעזידענט הערמאַן גראָסמאַן פון דער ניו יאָרקער קלאָוקס אָפּע־רייטאָרס יוניאָן און ב. בראָף פון דער ניו יאָרקער קלאָוק פּרעסערס יוניאָן אלס סעקרעטאַר. דיזע אינטערנעשאָנאַל האָט זיך גלייך אַנגעשלאָסען אָן דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

ווי שוין געזאָגט פריהער, איז גענאָסע שלעזינגער דעם צווייטען מאָל געקומען אין ניו יאָרק אלס פּרעזידענט פון דער אינטער־

נײשאָנאַל יוניאָן אויסצוגלײכען אַ סכסוך צווישען די שנײדערס און אפּערײטאָרס אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

בײ דער נעקסטער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנײשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1904 אין באָסטאָן, איז גענאָסע שלעזינגער אויפגעפאָדערט געוואָרען פון יענער קאָנווענשאָן צו ווערען דער אָרגאַנײזער פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

אין יאַנואַר 1905 איז ער געוואָרען דער אָפּיציעלער מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן. גענאָסע שלעזינגער האָט אָנגעפיהרט אַן ענערגישע שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישען די ברײטע מאַסען קלאָוקמאַכער מיט'ן צוועק אַרײנצוקריגען זײ אין דער יוניאָן. אין פאַרלויף פון זעקס מאָנאַטען צײט האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן דאָן פאַרטײלט אַ מיליאָן ליפלעטס צווישען די מאַסען קלאָוקמאַכער, וועלכע זײנען דאַן געשטאַנען אויסער דער יוניאָן. אויסער דעם פלעגען אין „פאָרווערטס" זיך דאַן דרוקען מאַסען אַרטיקלען און אויפרופען צו די קלאָוקמאַכער. לײדער זײנען די גרויסע מאַסען קלאָוקמאַכער דאַן נאָך ניט געקומען אין דער יוניאָן.

אין יאָהר 1907 האָט שלעזינגער אָנגעפיהרט אַ מערקווירדיגען סטרײק פון די ניו יאָרקער ריפער מאַכער. די ריפער מאַכער זײנען אַ טײל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. די ריפער אַרבײטער מאַכען די מאַנטלען פאַר יונגע מײדלאַך און אַרבײטען אויך בײ די ביליגע קלאָוקס. אין יענעם סטרײק איז געלונגען צו אָרגאַניזירען אַ שטאַרקע יוניאָן פון די ריפער מאַכער.

שלעזינגער האָט אָבער באַלד נאָכ'ן ריפער מאַכער סטרײק פאַרלאָזען די קלאָוקמאַכער יוניאָן, ווײל די „פאָרווערטס" אַסאָסיאײשאָן האָט איהם אײנגעלאַדען צו ווערען דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס". דאָס איז געווען אין זומער פון יאָהר 1907.

.21

ווי אַזוי דער אַרבייטער רינג איז געגרינדעט געוואָרען

די אַמאָליגע קאָנסערוואַטיווע אידישע „לאָדזשען" מיט זייערע משוגענע צערעמאָניעס. — די אורזאַכען וואָס האָבען געפיהרט צו דער גרינדונג פון דעם ערשטען ברענטש פון ארבייטער רינג. — ווער זיינען געווען זיינע ערשטע גרינדער? — ווי אַזוי פון דעם איין ברענטש איז אויסגעוואקסען דער מעכטיגער אידישער ארבייטער אָרדען.

ווי איך האָב שוין געשריבען אין די פריהעריגע קאַפּיטלען, זיינען די אידישע אימיגראַנטען אין די ערשטע יאָהרען, וואָס זיי זיינען געקומען אהער, געווען געצוואונגען צו אַרבייטען לאַנגע שטונדען פאַר נידעריגע שכירות. דערצו האָבען זיי נאָך געדאַרפט פּראַצעווען זעהר שווער, ניט זייענדיג צוגעוואוינט דערצו. די גרעסטע צאָהל פון די דאַמאָלסטדיגע אימיגראַנטען האָבען אין דער אַלטער היים קיינמאָל זיך ניט פאַרנומען מיט פיזישער אַרבייט.

דאָס שווערע פּראַצעווען אין די דאַמאָלסטדיגע סוועט־שעפּער האָט זעהר שעדליך געווירקט אויף זייער געזונט. פלעגט איינער קראַנק ווערען, האָט ער ניט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדען נאָך הילף. האָט שוין איינער געהאַט דאָ אַ פריינד, איז דער פריינד געווען פונקט אַזוי אָרים און עלענד ווי ער אַליין.

וואָס זשע טוט מען פּאָרט, אַז מען איז קראַנק און עלענד און דערצו נאָך אָרים אויך? — האָבען די גרינע אימיגראַנטען מיט דער צייט אויסגעפונען, אַז אין אַמעריקא זיינען פאַראַן „לאָדזשען", „אָרדענס", „אונטערשטיצונג סאָסייטיס", וואָס העלפען זייערע מיטגלידער אין צייט פון קראַנקהייט, און יעדער איינער קאָן אַריינ־טרעטען אין אַזאַ „לאָדזש" אָדער „סאָסייטי".

דער עולם האָט זיך גענומען אָנשליסען אַלס מיטגלידער אין די דאָזיגע „לאדזשען" און אונטערשטיצונגס פאַראיינען. אין די „לאדזשען" האָבען אָבער דעמאָלט געהערשט די אַלע אַלט־מאָדישע

משונה'דיגע צערעמאָניעס און די מעהר אויפגעקלערטע ארבייטער האָבען עס ניט געקאָנט פאַרטראָגען. עס האָט זיי פּשוט געעקעלט פון די קונצען און צערעמאָניעס, וועלכע פלעגען פאָרקומען ביי יענע פאַרזאַמלונגען.

אזוי, אשטייגער, איז געווען אַ מנהג אין איינינגע לאָדזשעס, אַז ווען מען פלעגט דאַרפען אויפנעמען אַ נייעם קאַנדידאַט, פלעגט ער מוזען קומען צום מיטינג, וואו אויף דער פּלאַטפאָרמע פלעגען זיצען 4—5 מענשען, אָנגעטאָן מיט גרויסע רעגאַליאַס, איינינגע פון שוואַרצען קאָליער מיט ווייסען ארום, איינינגע פון בלויען קאָליער און אַנדערע פון געלען קאָליער. די מיטגלידער פלעגען זיצען ביי די זייטען פון האָל, אין מיטען איז געווען ליידיג. אויף אַ גרויסען באַלעמער איז געווען אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצע טוך מיט ווייסע לעגטעס, אום צו דערמאָנען די לאָדזשען־ברידער ועגען טויט. ווען אַ פרעמדער פלעגט אריינקומען צום מיטינג, פלעגט דער „ברודער פּרעזידענט" 3 מאָל אַ קלאַפּ טאָן מיט'ן האַמער און אַלע ברידער פלעגען זיך אויפשטעלען און שווייגען שטיל. דער נייער מענש פלעגט זיך מוזען בוקען פריהער צום ברודער פּרעזידענט מיט זיינע משרתים, דאַן צום ברודער וויצע־פּרעזידענט מיט זיינע געהילפען (דעפּיוטיס), דאַן צום עקס־פּרעזידענט און דערנאָך צו אַלע איבער־ריגע ברידער.

דאָס איז נאָר אַ טייל פון די צערעמאָניעס, וואס פלעגען פאָר־קומען אין די אַלטע אידישע אָרדענס. אין מאַנכע פון זיי איז נאָך ביז היינט צו טאָג פאַרבליבען אַט דער גייסט פון אַמאָל.

כמעט אַלע אידישע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען האָבען פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט אריינטרעטען אַלס מיטגלידער אין יענע קאָנסערוואַטיווע לאָדזשען.

איך געדענק, ווי די פראַגע, צי מען זאָל באַלאַנגען צו די אידישע לאָדזשען איז אַמאָל דיסקוטירט געוואָרען אויף אַ סאָציאַ־ליסטישען מיטינג. די גרעסטע צאָהל רעדנער האָבען דאַן אויפ־געוויזען, אַז עס איז געגען פּרינציפּ פון סאָציאַליזם איבערהויפּט צו באַלאַנגען צו אַ וועלכען ס'איז אונטערשטיצונגס פאַראיין. פון געהערען צו די קאָנסערוואַטיווע לאָדזשען קאָן גאָר קיין רייד ניט

זיין. אָבער ווי זאָגט מען: נויט ברעכט אייזען, און דאָס לעבען האָט סוף כל סוף געצוואונגען די פּראָגרעסיווע אידישע ארבייטער, אַז זיי זאָלען אָנפאַנגען גרינדען אייגענע אונטערשטיצונגס פאַר־איינען. פילע גענאָסען האָבען אויך פון דעם ניט געוואָלט הערען. זיי האָבען גערעכענט, אַז דאָס פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע קליינינ־קייטען וועט שטערען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

אין יאָהר 1892 האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער פּראָגרע־סיווער אונטערשטיצונגס פאַראיין פון גענאָסען און יוניאָן־לייטע. דער נאָמען פון יענעם פאַראיין איז געווען „דער אינטער־נאַציאָנאַלער ארבייטער אונטערשטיצונגס פאַראיין". ביי די מיטינגען פון יענעם פאַראיין האָט מען זיך שוין געפיהרט אָהן צערעמאָניעס — אָהן אַ שווארצער טויטען־טוך. די מיטינגען זיינען געפיהרט געוואָרען אויף דעם זעלבען אַרט ווי אין אַ יוניאָן, אָהן אַ פּרעזידענט. ביי יעדען מיטינג פלעגט מען וועהלען אַ פאָרזיצענדען.

אין מאָנאַט אפּריל פון יאָהר 1892 האָבען אַ פּאָר קאַפּען־מאַכער געגרינדעט ווידער אַ נייעם פּראָגרעסיווען ארבייטער אונ־טערשטיצונגס פאַראיין און זיי האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „ארבייטער רינג". דאָס האָט באַדייטעט אַ רינג, אַ קייט פון ארבייטער. אויף ווי ווייט איך געדענק, זיינען די ערשטע גרינ־דער פון יענעם פאַראיין געווען צוויי קאַפּען־מאַכער גרינבערג און גאָלדריך און אַ דריטער פריינד מיט דעם נאָמען לאַסקער.

די דאָזיגע צוויי ארבייטער אונטערשטיצונגס פאַראיינען פלעגען אָפּט איינלאַדען אַ סאָציאַליסטישען רעדנער צו זייערע מיטינגען און די מיטגלידער פלעגען דיסקוטירען ביי זייערע פאַר־זאַמלונגען פאַרשיידענע ארבייטער פראַגען.

מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, ווען דער „ארבייטער רינג" פאַר־איין, וועלכער פלעגט אָפּהאַלטען זיינע פאַרזאַמלונגען דאַון־טאַון, האָט געמאַן נוטע ארבייט פאַר זיינע מיטגלידער און די מיטגלידער האָבען גענומען זיך אַריבערקלייבען וועך אין האַרלעם און ווער אין ברוקלין, האָט זיך אין האַרלעם געגרינדעט אַ ברענטש 2 „ארביי־

טער רינג״ און אין ברוקלין — א ברענטש 3, 4 און 5. אזוי זיינען די ארבייטער רינג ברענטשעס צו ביסלאך געוואקסען.

אין נאוועמבער פון יאהר 1900, ווען עס זיינען שוין געוועז א צעהן ברענטשעס, האבען די אלע ברענטשעס אפגעהאלטען א קאנווענשאן אין ניו יארק און האבען געגרינדעט דעם ראדיקאלען ארדען „ארבייטער רינג״. אלס ערשטער סעקרעטאר פון דעם „ארבייטער רינג״ ארדען איז ערוועהלט געווארען גענאסע ב. פ י י ג ע נ ב ו י ם. דער ארדען האט געדונגען צוויי צימערען אויף עלדרידזש סטריט און גענאסע פייגענבוים האט דארטען געפּענט זיין אפיס. ווען איך בין אין א קורצער צייט ארום געקומען איהם באזוכען און אנקוקען זיין ארבייטער ארדען, האט ער מיר דער־צעהלט, אז אלע ברענטשעס פון „ארבייטער רינג״ ווילען, ער זאל ביי זיי אלעמען לעקטשורען. און פאראיינס האט ער שוין מיר געציינט, אז ער האט געקויפט א נייעם בעזים אויף אויסצוקערען יעדען טאג דעם אפיס. אויף אזוי ווייט האט זיך שוין דער ארביי־טער ארדען דאן ארויפגעארבייט...

גאר אין גיכען האט דער „ארבייטער רינג״ אנגעפאנגען מיט אמאל שנעל צו וואקסען. מיט צוויי יאהר שפעטער האט פייגענבוים רעזיגנירט און די קאנווענשאן האט אין יאהר 1903 ערוועהלט דעם פארשטארבענעם גענאסע ל. ר א ז ע נ צ ו ו י י ג אלס סעק־רעטאר. זייט דאן איז דער ארבייטער רינג געוואקסען פון טאג צו טאג, ביז ער האט דערגרייכט זיין יעצטיגע הויכע שטופע.

פון דעם ערשטען טאג, וואס דער „ארבייטער רינג״ האט זיך געגרינדעט, האט ער זיך שטענדיג פארנומען מיט פארשפרייטען סאציאליסטישע אויפקלערונג און בילדונג צווישען די ברייטע מאַ־סען אידישע ארבייטער. אייידער עס זיינען אויפגעקומען די איצ־טיגע גרויסע אידישע יוניאנס, איז דער ארבייטער רינג פאקטיש געוועזן די איינציגע גרויסע אידישע ארבייטער ארגאניזאציע, וואס האט זיך אפגעגעבען מיט קולטורעלע טעטיגקייט צווישען די מאַ־סען. דער „ארבייטער רינג״ האט זעהר פיל געהאלפען די אידישע ארבייטער צו געווינען זייערע גרויסע סטרייקס און אויפבויען די גרויסע אידישע יוניאנס, וועלכע מיר האבען היינט.

.22

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון 1900 ביז 1907

די „סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי" און איהר טעטיגקייט צווישען דער היגער געבאָרענער יוגענט. — באַראָנדעס'עס קאמפּיין אין יאָהר 1904 און הילקוויט'ס אין יאָהר 1906. — דער „ערשטער אַגיטאַציאָנס־דיסטריקט" פון דער איסט סייד. — דער גלח אוירווין, וואָס איז, אַ דאַנק די אידישע סאָציאַליסטען, געוואָרען אַ סאָציאַליסט.

די ערשטע אידישע סאָציאַליסטען אין אַמעריקא האָבען אָנגעפאַנגען אין ניו יאָרק די פּראָפּאַגאַנדע פאַר'ן סאָציאַליזם אין יאָהר 1882. אין אַ משך פון צוואַנציג יאָהר האָבען זיי באַוויזען צו שאַפען אַן אַרבייטער באַוועגונג און אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך ערצויגען אַ יונגען דור פון סאָציאַליסטען, מעהרסטענס קינדער פון יענע ערשטע פּיאָנערען, וואָס זאָלען פאָרטזעצען זייער אַרבייט פאַר'ן סאָציאַליסטישען אידעאַל.

אין יאָהר 1900, ווען דעבס' „סאָשעל־דעמאָקראַטיק פּאַרטי" און די „קענגערוס", וועלכע האָבען פאַרלאָזען די ס. ל. פּ., האָבען זיך פאַראייניגט ביי אַ קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער און האָבען באַשלאָסען אַרויסצושטעלען נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטען פאַר פּרעזידענט און וויס־פּרעזידענט, נעמליך: יודזשין וו. דעבס פון דער ס. ד. פּ. פאַר פּרעזידענט און פאַר וויס־פּרעזידענט דזשאָב העריטאַן פון דער ס. ל. פּ., פון דער פראַקציע, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „קענגערוס", — האָט די אַמעריקאַניזירטע סאָציאַליסטישע יוגענד פון דער איסט־סייד מיט לייב און לעבען זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם קאַמפּיין. נאָך מיט איינינע יאָהר פאַר דעם איז אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען אַן אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַניזירטע יונגע לייט אין עלטער פון 20 ביז 25 יאָהר, איינינע פון זיי שוין דאָ געבוירענע, אונטער'ן נאָמען „ס אָ ש ע־

ל י ס ט ל י ט ע ר א ר י ס א ס י י ט י ״, װעלכע האָט דאָן געהאַט אַן אײגענעם קלוב אויף איסט בראָדווײ, וואו עס פלעגען געהאַלטען ווערען סאָציאַליסטישע לעקציעס אין דער ענגלישער שפּראַך. עס זײנען דאָרטען געווען פאַרשײדענע קלאַסען פאַר בילדונג. אויך האָבען זײ געהאַט אַן אײגענע ביבליאָטעק און אַ לעזע־צימער. די ראַדיקאַלע אַמעריקאַנער יוגענד פלעגט דאָרט פאַרברענגען יעדען אָווענט אין דיסקוסיעס און אונטערהאַלטונגען. די אַמעריקאַניזירטע יוגענד האָט זיך אַקטיוו באַטײליגט אין די אַלע קאַמפּײנס פון דער פאַראײניגטער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ״. אַזוי ווי די יונגע ס. ד. פּ. איז נאָך דאַן געווען זעהר שוואַך צו טאָן גענוג אַרבײט אין די קאַמפּײנס, האָט די „סאָשע־ליסט ליטעראַרי סאָסײטי״ פּאַקטיש געטאָן די גאַנצע אַרבײט פון דער פּאַרטײ, ספּעציעל אויף דער איסט־סײד.

צווישען די טעטיגע מיטגלידער פון יענער „סאָשעליסט ליטע־ראַרי סאָסײטי״ זײנען געווען די גענאָסען א ד אָ ל ף ה ע ל ד, א ל ע ק ס א נ ד ע ר ק א ה ן, ה ל ל ר א ג א ף, ד ז ש. ד א ב ש ע װ י ט ש, ד ר. ג ר י נ ב ע ר ג, װ י ל י א ם ק א ר ל י ן, ה ע נ ר י ג ר י נ פ ע ל ד, ד ר. ב. ר א ז ע נ־ה א ו ז און אַנדערע.

זעהר אינטערעסאַנט איז געווען דער באַריהמטער קאַמפּײן אין יאָהר 1903. אין יענעם יאָהר זײנען פאָרגעקומען די וואַהלען פאַר סיטי מעיאָר אין ניו יאָרק. אונזער סאָציאַליסטישע פּאַרטײ האָט נאָמינירט דעם פאַרשטאָרבענעם גענאָסע אַלעקסאַנדער יאָ־נאַס, וועלכער איז שוין דאַן געווען באַקאַנט אַלס אײנער פון די עלטסטע און באַריהמטעסטע סאָציאַליסטען אין אַמעריקא. ער איז געווען אַ פּאָפּולערער קאַנדידאַט פאַר די סאָציאַליסטען. די אידישע אַרבײטער האָבען איהם שטאַרק ליב געהאַט, ווײל ער האָט אונז פיל געהאָלפען אין די ערשטע יאָהרען, ווען מיר האָבען געגרינדעט די פאַראײניגטע אידישע געווערקשאַפטען און די אידישע יוניאָנס.

אין 8טען אַסעמבלי דיסטריקט האָבען די סאָציאַליסטען אין יענעם יאָהר נאָמינירט פאַר אַסעמבלי אַ גאָר יונגען מאַן, וועלכער האָט שוין אפילו באַלאַנגט צו דער ס. ד. פּ. פון איהר גרינדונג אָן.

דאָס איז געווען אונזער יעצטיגער דזשאָדזש „דזשעק״ פּענקין. ער איז שוין דאַן געלאָפען אַלס קאַנדידאַט פון דער ס. ד. פּ. דעם צווייטען אָדער דעם דריטען מאָל און ער איז געווען זעהר פּאָפּולער אין דיסטריקט. אָבער מיט וואָס פאַר אַ היץ ער האָט זיך יענעם יאָהר אַריינגעוואָרפען אין קאַמפּיין, קאָן איך גאָר ניט איבערגעבען. איך בין דאַן נאָמינירט געוואָרען אין 8טען דיסטריקט אַלס קאַנדידאַט פאַר אָלדערמאַן. מיר האָבען אָרגאַניזירט אַ פּאָליטישען סאָציאַליסטישען קלוב פון אַרום 80 יונגע לייט, סאָציאַליסטישע סימפּאַטייזערס, וועלכע מיר האָבען רעקרוטירט פון דער אַרבייטער באַוועגונג.

אַזוי שנעל ווי מיר האָבען נאָר אָפּגעהאַלטען עטליכע אָפּען־עיר מיטינגען מיט אונזער נייער גוואַרדיע, פון די יונגע כוחות, איז גלייך געוואָרען לעבעדיג אין „8טען״. דער יונגער פּענקין איז געווען אַן אמת'ע מאַגנעטישע קראַפט, וועלכער האָט צו זיך צו־געצויגען יעדען, וואָס האָט איהם נאָר געהערט ריידען. אפילו די פּאָליטישע „הילערס״ פון דער איסט־סייד האָבען געהאַט פאַר איהם דרך־ארץ. מען האָט אונז שוין מעהר ניט מכבד געווען מיט עמערס שמוץ, ווי אין די אַלטע צייטען.

עס איז יענעם יאָהר געווען אַ מערקווירדיגער קאַמפּיין. די סאָציאַליסטען האָבען געצויגען אַ גרויסען וואָוט. אין דעם 8טען דיסטריקט האָט דער קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלי געצויגען איבער 2,000 שטימען. ווען מיר וואָלטען געטאָן פּראַקטישע אַרבייט — זיך געזעהן מיט די בירגער, גוט אַכטונג געגעבען אויף דעם צעהלען פון די שטימען, וואָלטען מיר נאָך אין יענעם קאַמפּיין געקאָנט ערוועהלען איינינע פון אונזערע לאָקאַלע קאַנדידאַטען.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1904 האָט די פאַראייניגטע „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי״ זיך אָנגעפאַנגען צו גרייטען צו דעם פּרעזידענשעל קאַמפּיין, וועלכער האָט אין יענעם יאָהר געדאַרפט פאָרקומען. אַלס קאַנדידאַטען האָט די פּאַרטיי נאָמינירט יודזשין וו. דעבס'ן פאַר פּרעזידענט און בענדזשאַמין הענפאָרד'ן פאַר וויס־פּרעזידענט. גענאָסע הענפאָרד איז געווען איינער פון די

בעסטע סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס, אַליין אַ שאַפּ אַרבייטער, אַ שריפטזעצער ביים טרייד.

דער לאָקאַל ניו יאָרק ס. ד. פּ., אום צו קאָנען טאָן גוטע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָנס אַרבייט אין יענעם קאַמפּיין, האָט דאַן איינגעטיילט אַלע אַסעמבלי דיסטריקטען פון ניו יאָרק אין זעקס גרויסע אַגיטאַציאָנס דיסטריקטען.

די גאַנצע איסט־סייד, אַ פיער־פינף אַסעמבלי דיסטריקטען, זיינען צענטראַליזירט געוואָרען אין דעם „ערשטען אַגיטאַציאָנס דיסטריקט", וועלכער האָט איבערגענומען די גאַנצע סאָציאַליסטישע קאַמפּיין אַרבייט אויף דער איסט־סייד. אויך האָט דער ערשטער אַגיטאַציאָנס דיסטריקט פון דער ס. ד. פּ. זיך אָפּגעגעבען מיט דער אַגיטאַציע, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען געגען הויכע רענט א. אז. וו. די הויפּט טוער אין יענעם אַגיטאַציאָנס דיסטריקט זיינען געוועזען די גענאָסען מ. ג י ל י ס, ס. פּ. ק ר ע מ ע ר, נ. ס ט ו פּ נ י ק ע ר, ד ז ש אָ ז ע פּ ס אָ ן פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן און פילע אַנדערע.

אין יענעם יאָהר, 1904, האָט די ס. ד. פּ. נאָמינירט דזשאָזעף באַראָנדעס'ען אַלס קאַנדידאַט אין קאָנגרעס פון דער איסט־סייד; פאַר אַסעמבלימאַן אין 8טען דיסטריקט איז ווידער „געלאָפען" דזשייקאָב פּענקין, און גענאָסע מאַקס פּיין — אַלס אַסעמבלימאַן אין 4טען דיסטריקט. דער מענעדזשער פון קאַמפּיין פון יענעם ערשטען אַגיטאַציאָנס דיסטריקט איז געוועזען גענאָסע ב. פייגענבוים, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען אָנצופיהר'ען דעם גאַנצען קאַמפּיין פאַר אַלע איסט־סייד קאַנדידאַטען. אין יענעם קאַמפּיין האָבען זיך צום ערשטען מאָל אויסגעצייכענט די גאַליציאַנער גענאָסען, וועלכע האָבען מעהרסטענס געוואוינט אין דעם 4טען דיסטריקט. זיי האָבען אָנגעפיהרט אַ לעבעדיגען קאַמפּיין. ערוועהלט געוואָרען איז פון די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען יענעם יאָהר קיינער ניט, אָבער זיי האָבען געקראָגען אַ גרויסע צאָהל שטימען אויף דער איסט־סייד. דער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, גענאָסע דעבס, האָט געקראָגען פיער הונדערט טויזענט שטימען איבער'ן לאַנד.

נאָך לעבעדיגער איז געווען דער סאָציאַליסטישער קאַמפּיין אין יאָהר 1906. יענעם יאָהר איז אַלס קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעס־מאַן פון 9טען דיסטריקט (דער יעצטיגער 12טער דיסטריקט), וואָס געפינט זיך אין הארץ פון אידישען קווארטאַל, ארויסגע־שטעלט געוואָרען געגאָסע מ אָ ר י ס ה י ל ק וו י ט. די אַנ־דערע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען פון די איסט־סייד דיסט־ריקטען זיינען געווען דזש. פיליפּס סטאָוקס, ראָבערט האָנטער, וו. מיילי, מאַקס פיין און דר. אַב. קאַספּע. אַלס קאַמפּיין מענע־דזשערס פון דער ס. ד. פּ. אין 9טען קאָנגרעשאָנאַל דיסטריקט זיינען ערוועהלט געוואָרען געגאָסע וויליאַם און זיין פרוי אַנאַ מיילי. אויסער די גענאָסען מיילי'ס האָט שטאַרק געארבייט אין יענעם קאַמפּיין גענאָסע ד ז ש י י מ ס אָ' נ י ע ל, וועלכער איז דאַן גראַדע געקומען פון דער וועסט. אויך האָבען מיר דאַן צוגעקראָגען אַ געוועזענעם גלח מיט'ן נאָמען א ו י ר ו ו י ן. דער דאָזיגער אוירווין איז אַ צייט געווען דער גלח פון דער טשוירטש אויף מארקעט סטריט, קאָרנער איסט בראָדוויי, וואו ער פלעגט די סאָציאַליסטען זעהן און הערען יעדען יאָהר קאַמפּיינעווען אויף דער איסט־סייד. די ערנסטע איבערגעגעבענע ארבייט פון די סאָציאַליסטען האָט דעם גלח געטריבען זיך צו פאַרקלערען איבער דעם, וואָס עס ווילען די סאָציאַליסטען. פון נאַטור איז דער גלח אוירווין געווען זעהר אַ גוטער און עהרליכער מאַן. ער האָט גע־וואָלט העלפען די אָרימע לייט, מיט וועמענס לעבען און ליידען ער האָט זיך באַקענט, וואוינענדיג אויף דער איסט־סייד. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט'ן סאָציאַליזם און איז געוואָרען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אויסער איהם זיינען אין יענעם קאַמפּיין געווען שטאַרק טעטיג אויך פילע פון די עלטערע גענאָסען, ווי אויך אַ גאַנצע רייהע יונגע גענאָסען, וואָס זיינען ניט לאַנג פאַר דעם אריבער־געקומען פון רוסלאַנד.

אין יענעם סאָציאַליסטישען קאַמפּיין איז צום ערשטען מאָל די ארבייט אָנגעפיהרט געוואָרען אויף אַ פּראַקטישען און סיס־טעמאַטישען אופן. אויך אין יענעם קאַמפּיין האָבען זיך שטאַרק

אויסגעצייכענט די מיטגלידער פון דער „סאָשעליסט ליטערארי סאָסייטי”. אָבער אויך יענעם יאָהר איז קיינער פון די סאָציאַ־ליסטישע קאנדידאטען ניט ערוועהלט געוואָרען. דערפאַר אָבער איז דאָן צוגעגרייט געוואָרען דער באָדען פאַר א סאָציאַליסטישען זיג אין עטליכע יאָהר ארום, ווען אויף דער איסט־סייד זיינען ענדליך ערוועהלט געוואָרען געגאָסע מ א י ר ל אָ נ ד אָ ן אלס קאָנגרעסמאַן און פילע אסעמבלי־לייט, מיטגלידער פון באָארד אָוו אָלדערמען און אויך א ריכטער — אלע פון דעם אידישען קווארטעל.

.23

די „אַיי דאַבעליו" (א. וו. וו.) באַוועגונג צווישען די אידישע אַרבייטער

א זעהר אינטערעסאנטע עפּאָכע האָט די היגע ארבייטער באוועגונג דורכגעלעבט אין דער צייט, ווען עס האָט זיך אין אמע־ריקא געגרינדעט די „איי דאָבעליו" (א. וו. וו.). דער פוּ־לער נאָמען פון דיזער אָרגאַניזאציע איז געווען די „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָירלד". עס האָט געהייסען אז דאָס איז א צענטראלע קערפּערשאפט פון אלע יוניאנס ניט נאָר פון אונזער מדינה, נאָר פון דער גאנצער וועלט.

אין דער אידישער טרייד־יוניאן באוועגונג פון ניו יארק, האָ־בען די „אינדוסטריאלניקעס", ווי מען פלעגט זיי דאַן רופען — „געקאָמאַנדעוועט" אין די יאָהרען פון 1905 ביז 1909.

אין א משך פון פיער יאָהר צייט, איז אין דער אידישער טרייד־יוניאן באוועגונג געווען אזא גרויסער קאָך, מיט די „א. וו. וו.", אז עס איז שווער צו פארגעסען יענע פעריאָדע. איך האָב דאָ ניט בדעה צו געבען אַן אויספיהרליכען געשיכטליכען איבער־בליק איבער דער גאנצער „א. וו. וו." באוועגונג. איך וויל נאָר דערצעהלען אייניגע פאסירונגען וועגען די „איי דאָבעליו דאָבעליו", וואָס האָבען זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

די באוועגונג צו גרינדען אזא מין נייעם טרייד־יוניאן פאר־באנד, די „א. וו. וו.", האָט זיך אָנגעפאנגען אין ענדע פון יאהר 1904, אין די וועסטערן סטייטס פון לאנד, וואו עס זיינען דאַן אָנגעגאנגען גרויסע סטרייקס ביי די מיינערס.

די „א. וו. וו." זיינען דאַן געגרינדעט געווארען אונטער דעם איינפלוס פון די בלוטיגע פאסירונגען אין די זילבער־מיינס פון קאָלאָראדאָ סטייט, וואו פילע סטרייקענדע מיינערס זיינען דער־שאָסען געווארען פון דער סטייט־מיליץ.

„מאַטהער דזשאונס״, די באַריהמטע אַלטע יוניאָן־אַגיטאַ־טאָרקע צווישען די מיינערס, וויליאַם ד. הייוואוד, דער דעמאָלס־דיגער סעקרעטער פון דער ראַדיקאַלער „וועסטערן פעדערייישאָן אוו מיינערס״, יודזשין וו. דעבס און נאָך איינינע ראַדיקאַלע אר־בייטער־פיהרער און סאָציאַליסטען, האָבען אין יאָהר 1904 אָנ־געפיהרט אַן אַגיטאַציע, פאַר אַ קאָנפערענץ, וואו עס זאָל באַ־שפּראָכען ווערען די פראַגע ווי אַזוי אַריינצובריינגען אַ ראַדיקאַלען גייסט אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס. צו יענער נייער באַוועגונג זיינען דאַן אויך צוגעשטאַנען די פיהרער פון דער האַלב־טויטער „סאָשעליסט טרעיד ענד לעיבאָר אַלייענס״, אויף דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דעניעל דעליאָן, פון דער ס. ל. פּ.

די יוניאָן פיהרער פון די וועסטערן סטייטס זיינען דאַן געווען זעהר ראַדיקאַל און האָבען באַקעמפט די מעטאָדען פון דער „אַמע־ריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר״. זיי האָבען ניט איינגעשטימט מיט גאָמפּערס׳עס טאַקטיק און הויפּטזעכליך זיינען זיי געווען דאַגעגען די „קרעפט יוניאָנס״ *).

די דעמאָלסדיגע ראַדיקאַלע יוניאָן פיהרער האָבען גע׳טענה׳ט אַז די „קרעפט יוניאָן״ איז אפשר געווען גוט מיט אַ 25 יאָהר צו־ריק, ווען דער קאַפּיטאַל איז נאָך ניט געווען אַזוי קאָנצענטרירט ווי אין זייער צייט, ווען אַלע אינדוסטריען זיינען פאַראייניגט אין טראַסטס, און דערפאַר האָבען די ראַדיקאַלע יוניאָן פיהרער פאַר־געשלאָגען אַז אום צו קענען ערפאָלגרייך קעמפען מיט די טראַסטס, דאַרפען די אַרבייטער פון יעדער ברענטש פון דער אינדוסטריע זיין פאַראייניגט אין איין גרויסע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציע איבער׳ן לאַנד און אַלע אינדוסטריעלע יוניאָנס זאָלען זיין פאַר־אייניגט אין איין אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָן — אין די „אינדאַס־טריעל וואָרקערס אוו דהי וואָירלד״.

*) אַ „קרעפט״ יוניאָן ווערט אָנגערופען אַזאַ יוניאָן, וואו די אַרבייטער פון יעדען צווייג פון טרייד זיינען אָרגאַניזירט אין אַן אָפּ־געזונדערטער יוניאָן, וועלכע האָט נאָר אַ שוואַכע פאַרבינדונג מיט די איבעריגע יוניאָנס פון דער גאַנצער באַטרעפענדער אינדוסטריע.

די ראדיקאלע יוניאן פיהרער, וועלכע האָבען דאן געפּלאנע־וועט נייע מעטאָדען און אַ נייע טאקטיק פאר ארבייטער יוניאָנס, זיינען געוועז שטארק געגען דעם „פּיור און סימפּעל יוניאָניזם", וואָס דער טייטש דערפון איז: ריינע און איינפאכע יוניאנס, וועמעס אויפגאבע עס דארף בלויז זיין צו פארטיידיגען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון די ארבייטער, און זיי דארפען זיך אבּסאָלוט ניט פארנעמען מיט קיין פּאָליטישער טעטיגקייט. דעם רעצעפּט פון „פּיור און סימפּעל יוניאניזם", האָט גאָמפּערס גענו־מען נאָך מיט 40 יאהר צוריק, ביי די טרייד יוניאנס פון ענגלאנד.

די דעמאלסדיגע ראדיקאלע טרייד יוניאן פיהרער, די גרינ־דער פון די „א. וו. וו.", האָבען צו יענער צייט אויך שטארק אטא־קירט די טאקטיק פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אוו לייבאָר־יוניאנס פאר זייער מעטאָדע צו שליסען יעהרליכע אדער צוויי־יעהרליכע אגרימענטס מיט פאבריקאנטען. דאס האָבען די ראַ־דיקאלע יוניאן פיהרער באהויפּטעט, גיט די קאפּיטאליסטען אַ מעגליכקייט זיך צו באוואָרענען פון גרויסע דזשענעראַל סטרייקס פון אלע ארבייטער פון אַ גאנצער אינדוסטריע, ווייל די יוניאן־אגרימענטס פון די „קרעפט" יוניאנס ענדיגען זיך ניט אַלע אין איינער און דערזעלבער צייט. דאָס ברענגט דערצו דאָס אלע צוויי־גען פון אן אינדוסטריע, האלטענדיג הייליג די יוניאן אגרימענטס און ניט וועלענדיג זיי ברעכען, קענען דערפאר קיין מאָל ניט ארויס־געהן אין אַ סימפּאטי סטרייק.

אַלע די דיסקוסיאָנען וועגען די אַלטע און נייע מעטאָדען פון די יוניאנס פלעגען אָנגעהן אין אַ סך ראדיקאלע יוניאנס, ווי אויך אין דער טרייד יוניאניסטישער און סאָציאליסטישער פּרע־סע, איבערהויפּט אין די וועסטערן סטייטס פון לאַנד.

די ערשטע אָפיציעלע קאָנפערענץ וועגען גרינדען אזא מין אָרגאַניזאציע, ווי די „אינדאָסטריעל וואָרקערס אוו דהי וואָרלד", איז פארגעקומען אין שיקאגאָ, אין יאַנואר מאָנאט פון יאָהר 1904. די הויפּט איינבארופער פון יענער ערשטער קאָנ־פערענץ זיינען געוועז די באַאמטע און די פיהרער פון דער „אמע־ריקאַן לייבאָר יוניאָן", אַ ראדיקאלע צענטראַלע ארבייטער־קער־

פערשאפט אין די „ראקי מאונטיין" סטייטס פון דער „וועסטערן פעדערייישאן אוו מיינערס", און די פיהרער פון אייניגע ראדיקאלע „אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר" יוניאנס, ווי די „ברוערי ווארקערס אינטערנעשאנאל יוניאן". דיזע ערשטע קאנפערענץ האט ארויסגעשיקט צו אלע ארבייטער-יוניאנס פון לאנד א מאניפעסט מיט אן ערקלערונג וועגען דעם נייעם אינדוסטריעלען יוניאניזם מיט אן אויפרוף פאר א קאנוועגשאן. די קאנוועגשאן איז פארגעקומען אין יולי מאנאט פון יאהר 1905 אין שיקאגא. דארטען איז געגריגדעט געווארען די „אינדאסטריאל ווארקערס אוו דהי ווארלד". די יוניאנס, וואס האבען זיך אנגעשלאסען אן דער „א. וו. וו." זיינען געווען די לאקאלס פון די „וועסטערן פעדעריישאן אוו מיינערס", אלע לאקאלע יוניאנס פון דער „אמעריקאן לייבאר יוניאן", דעניעל דעליאנ'ס פארבליבענע יוניאנס פון דער „סאשעליסט טרייד און לייבאר אלייענס" און א געוויסע צאהל לאקאלע יוניאנס פון דער א. פ. אוו ל. איינינגע פיהרער פון דער „א. וו. וו." האבען ביי דער גרינדונגס-קאנוועגשאן פארשפראכען, אז די נייע פיהרערשאפט וועט ניט ארגאניזירען קיינע אפאזיציאנס-יוניאנס, נאר זי וועט פאראייניגען אלע נאך ניט-ארגאזירטע ארבייטער, סיי די „סקילד מעקעניקס" (קוואליפיצירטע ארבייטער), סיי די „אנסקילד" די, וואס טוען פראסטע שווערע ארבייט), וועלכע זיינען, ווי די ראדיקאלע פיהרער האבען באהויפטעט, ביז דאן פארנאכלעסיגט געווארען פון דער א. פ. אוו ל.

אויך האבען זיי פארשפראכען, אז די „א. וו. וו." וועט אנפיהרען א פראפאגאנדא צווישען די יוניאנס פון דער אמ. פעד. אוו לייבאר, אז זיי זאלען זיך ארגאניזירען אויף די נייע אינדוסטריעלע יסודות.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יארק זיינען אויך געווען איינגעלאדען צו דער קאנוועגשאן פון דער א. וו. וו. די פראגע צי מען זאל געהן צו דער קאנוועגשאן, איז דאן ביי די פ. א. ג. גרינדליך דיסקוטירט געווארען. נאך לאנגע דיסקוסיאנען איז באשלאסען געווארען ניט אנטייל צו נעהמען אין דער נייער באוועגונג, כאטש דער אידעאל פון אינדוסטריעלע יוניאנס האט

שטאַרק אַפּעלירט צו איינעגע פיהרער פון די ניו יאָרקער אידישע יוניאָנס. מען האָט זיך פשוט געשראָקען, אַז עס זאָל זיך נאָך אַמאָל ניט ווידערהאָלען די געשיכטע מיט די אָפּאָזיציאָנס-יוניאָנס, וועלכע די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס" האָט געהאַט געגרינדעט, וואָס דאָס האָט געפיהרט צו שעדליכע רעזולטאַטען פאַר די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ס. פּ.), וועלכע איז דאַן געוועזען צימליך שטאַרק, האָט די ערשטע צייט ניט גענומען קיין אָפּיציעלע שטעלונג אין דער פראַגע פון די „א. וו. וו". צו דער ס. פּ. האָבען געהערט סיי מיטגלידער פון דער אמ. פעד. אָוו לייבאָר, סיי פון די א. וו. וו. יוניאָנס.

די א. וו. וו. האָבען באַהויפּטעט, אַז ביי זייער ערשטער קאָנווענשאָן זיינען געוועזען פאַרטראָטען 203 יוניאָנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון הונדערט און פערציג טויזענט אַרבייטער.

עס האָט אָבער ניט גענומען זעהר לאַנג און די א. וו. וו. האָבען ביי זייערע דריי קאָנווענשאָנס געשפּאָלטען זיך אין צוויי פראַקציעס. די לעצטע שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1907 ביי זייער דריטער יעהרליכער קאָנווענשאָן, אויך אין שיקאַגאָ. דער קאַמף איז פאָרגעקומען צוליב דעם פונקט וועגען פּאָליטישער אַקציאָן, וואָס דעניעל דעליאָן און אַנדערע סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען האָבען פאָרגעשלאָגען, אַז דאָס זאָל אריינקומען אין דער פּרינציפּען־ערקלערונג פון די א. וו. וו. געגען דעם פונקט זיינען געוועזען די פיהרער פון די א. וו. וו., וועלכע זיינען געוועזען גענייגט צו דער טאַקטיק פון די פראַנצויזישע און איטאַליענישע „סינדיקאַליסטען". די סינדיקאַליסטען איז געלונגען צו פאַרכאַפּען די א. וו. וו.. אין דער שפּיצע פון דיזער שיקאַגער פראַקציע פון די א. וו. וו. זיינען געוועזען טראַוטמאַן און סענט־דזשאָהן. די הויפּט-באַאַמטע פון די א. וו. וו. אויך זיינען מיט זיי מיטגעגאַנגען פון די הויפּט טאָן־געבער ווּם. הייוואוד, עליזאַבעטה פלין, דזש, עטטאָר, א. דזשיאָוואַניטי, טרעסקאָ און אַנדערע.

אין דעניעל דעליאָנ'ס פראַקציע פון די א. וו. וו. זיינען געוועזען רודאָלף קאַטץ, הערמאַן ריכטער און אַנדערע. דיזע פראַקציע האָט

געהאט איהר הויפט-קווארטיר אין דעטראָיט, מישיגען סטייט.

די אינטערעסאַנטעסטע פּאַסירונגען פון די א. וו. וו. זיינען פּאָרגעקומען ביי אונזערע אידישע יוניאָנס. דאָ אין ניו יאָרק האָט מען זיך גאַנץ ווייניג אינטערעסירט דערמיט, וואָס עס איז פּאָרגעקומען אין דער וועסט, ווען פון איין פראַקציע א. וו. וו. איז געוואָרען דריי פראַקציעס. דאָ אין ניו יאָרק האָבען די עקזי־סטירענדע אידישע יוניאָנס געזעהן, ווי יעדע פון די דריי פראַק־ציעס פון די א. וו. וו. שיקען אָרגאַנייזערס אין ניו יאָרק צו אָר־גאַניזירען אָפּאָזיציאָנס-יוניאָנס געגען די היגע יוניאָנס.

אין יאָהר 1906, גלייך נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, ווען דאָרט זיינען ווידער פּאָרגעקומען ניי שווידערליכע פּאָג־ראָמען אויף אידען, האָבען פון רוסלאַנד אהער געגומען אַנקומען אַ מאַסע יונגע אידישע אימיגראַנטען. צווישען זיי זיינען געווען פילע, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער ארבייטער־באַוועגונג אין דער היים. אַ גרויסער צאָהל פון זיי האָבען געקוקט זעהר קרום אויף דער היגער ארבייטער-באַוועגונג און זיינען דאַן צוגע־שטאַנען צו ביידע פראַקציעס פון די א. וו. וו., דאָס רוב צו דער שיקאַגער, וואו הייוואוד איז געווען דער הויפּט־פיהרער.

די באַקאַנטע פיהרער פון דער א. וו. וו. צווישען די אידישע ארבייטער אין ניו יאָרק זיינען דאַן געווען: יוסף שלאָס־בערג, מ. קאַזימירסקי, מ. זיגמאַן, י. דארענבלום, שעפּטעל, ג. וויש ניאַק און נאָך פילע אנדערע.

עס זיינען דאַן אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרען אינדאָ־סטריעל יוניאָנס פון בעקער-ארבייטער, קלאָוקמאַכער, מוזיקער, אייזען־ארבייטער, והייט-גודס, ליידיס ווייסטמייקערס, ליידיס טיי־לאָרס, ווערייעטי עקטאָרס, פּייפּער באָקסמייקערס און אנדערע.

פון די אַלע א. וו. וו. אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס איז די אָפּאָזיציאָן־יוניאָן, וועלכע די א. וו. וו. האָבען דאַן אָרגאַניזירט געגען דער קאַפּענמאַכער יוניאָן געווען די סקאַנדאַליעזעסטע.

די אַלטע קעפּמייקערס יוניאָן האָט זיך אין דער צייט פון דער שפּאַלטונג, וועלכע איז פּאָרגעקומען אין דער ס. ל. פּ. אין יאָהר

1899, געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דעניעל דעליאָן. די גרעסטע צאָהל מיטגלידער פון דער קעפּמייקערס יוניאָן האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער ס. ל. פּ. זיי זיינען געווען געגען דעבס'עס פּאַרטיי — די ס.־ד. פּ. דער דאמאָלסדיגער מענעדזשער פון לאָקאַל 1 קעפּמייקערס, און די עקזעקוטיווע פון דיזער יוניאָן זיינען געווען מעמבערס פון דער ס. ל. פּ. און זיי האָבען דערפאר ניט באַלאַנגט צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, כאָטש זייער אינטערנעשאָנאַל קאפּען פּאַרבאַנד איז געווען אָנגעשלאָסען אָן דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר". אַלס ס. ל. פּ. אָנהענגער האָבען די פיהרער פון דער קאפּענמאַכער יוניאָן דורכגעפיהרט, אַזוי ווי פילע אַנדערע א. פּ. אָוו ל. יוניאָנס, צו שיקען דעלעגאַטען צו דער ערשטער קאָנווענשאָן פון די „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד". צוריקקומענדיג פון דער א. וו. וו. קאָנווענשאָן האָט די קעפּמייקערס יוניאָן, נאָך פילע דיסקוסיאָנען, באַשלאָסען זיך ניט אָנצושליסען אָן די א. וו. וו.

איך וויל דאָ באַמערקען, אַז די קאפּען־מאַכער יוניאָן איז איבערהויפּט דאַן געווען איינע פון די ראַדיקאַלסטע. זי האָט שוין דאַן אַרויסגעגעבען פאַר איהרע מיטגלידער אַן אייגענעם זשורנאַל, דער „קעפּמייקערס זשורנאַל". דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל איז געווען וויליאַם עדלין, וועלכער איז דאַן געווען אַ זעהר טעטיגער סאָציאַליסט. ער איז געווען איינער פון די „קענגערוס", שפּעטער איז ער אַ געוויסע צייט אויך געווען אַ נאָהענטער מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס".

די אידישע „איי דאָבעליו דאָבעליוניקעס" האָבען געגרינדעט אַן א. וו. וו. אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן פון קאפּענמאַכער געגען דער אַלטער יוניאָן. דער גאַנצער פיהרער פון יענער א. וו. וו. קעפּמייקערס יוניאָן איז געווען אַ געוויסער שעפּטעל. גראַדע איז אין יענער צייט געווען אַ קריזיס אין לאַנד, און דערפאַר זיינען געווען אַ סך ארבייטסלאָזע אין אַלע טריידס און אויך ביי די קאַפּענמאַכער. דער אָפּאָזיציאָנס לאָקאַל פון די א. וו. וו. האָט גענומען שיקען זיינע מיטגלידער זיי זאָלען לויפען בעטען דזשאָבס אין די קאפּען־שעפּער. די קאפּען־באַלעבאַטים, דערזעהענדיג אַז

עס קומען אזוי פיל קאַפּן־ארבייטער בעטען ארבייט, האָבען גענומען רעדוצירען די ארבייס־פּרייזען פון זייערע בעלי־מלאכות. די באַלעבאַים האָט זיך אויך געוואָלט צו צוברעכען די אַלטע קעפּמייקערס יוניאָן. דערפאַר, ווען עס פלעגט אַרויפקומען אַן א. וו. וו. מעמבער אין שאָפּ בעטען אַ דזשאָב, פלעגען די מאַנו־פעקטשורערס גלייך איהם נעמען צו דער ארבייט און אָפּלעגען אַלטע יוניאָן־לייט. דאָס האָט געפיהרט צו סטרייקס, וועלכע זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף דער אַלטער קאַפּענמאַכער יוניאָן. און דאָ האָט פּאַסירט דאָס העסליכסטע, ווען די א. וו. וו. קעפּמיי־קערס האָבען גענומען באַזעצען די שעפּער מיט סטרייק־ברעכער.

דער שרייבער פון דיזע צײַלען האָט דאַן באַזוכט פילע פאַר־זאַמלונגען פון די סטרייקענדע קאַפּען־מאַכער, אויך די פּי־קעט־ליין. דאָרטען האָט ער געזעהן די ביטערקייט פון יענעם ברודער־קאַמף. דאָרטען האָט מען געזעהן די גאַנצע העסליכקייט פון אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס. יענער ברודער־קאַמף האָט געדויערט אַ גאַנצען ווינטער. ענדליך האָבען די בראַווע אַלטע קעמפּענדע קאַפּענמאַכער באַזיגט די א. וו. וו. אָפּאָזיציאָניסטען, און די קאַפּען־מאַנופעקטשורערס האָבען ווידער אנערקענט די אַלטע יוניאָן. די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען דאַן די גאַנצע צייט ענערגיש געשטיצט די אַלטע קאַפּענמאַכער אין זייער גערעכטען קאַמף געגען די אידישע אָפּאָזיציאָניסטען פון דער „איי דאָבליו דאָבליו".

דער „א. וו. וו." קלאוק מאַכער לאָקאַל פון ניו יאָרק האָט גע־פיהרט אַ פּאָר שאָפּ סטרייקס, אָבער אָהן ערפאָלג. קיין סקעבע־ריי פון איין צד געגען צווייטען, פון דער אַלטער יוניאָן און די „א. וו. וו." קלאָוקמאַכער יוניאָנס, איז ניט אָנגעגאַנגען. די ביידע יו־ניאָנס האָבען דאַן קיין באַדייטונג ניט געהאַט. עס פלעגען אָבער דאַן פאָרקומען קריגערייען צווישען ביידע צדדים אויפ'ן „מאַר־קעט", וואו עס קומען זיך צוזאַמען קלאוק מאַכער, ספּעציעל די, וואָס זיינען געוועזן ארבייטסלאָז. דאָרטען פלעגען זיך ביידע צדדים זידלען, רופען זיך נעמען. פילע מאָל פלעגען דאָרטען די „אינ־דוסטריאַלניקעס" אָנפאַלען זידלען די באַאַמטע פון דער אַלטער

קלאוק מאכער יוניאן. די „ביוראָקראַטען" פלעגען שוין דאן ארייג־כאַפּען, פרעגט שוין ניט. אָבער דאן האָבען די אידישע ארבייטער ניט געוואוסט וואס עס מיינט „ביוראָקראַטען", „רענק און פיילערס". ביי יענע „קעמפער" האָט עס געהייסען „פּיור און סימפּלערס", „קרעפּט יוניאָניסטען" א. אז. וו.

די „א. וו. וו." פיהרער האָבען זיך מיט זייערע אָפּאָזיציאָנס־יוניאנס שטאַרק פארהאַסט געמאכט ביי די אידישע אַרבייטער מאַסען. הויפּטזעכליך איז די ארגאַניזירטע אידישע ארבייטער־שאַפט געווען שטאַרק אויפגערעגט געגען די „א. וו. וו." צוליב זייער סקאַנדאַליעזע האנדלונג געגען דער קעפּ מייקער יוניאָן. די פריינט, וואס זיי האָבען געהאַט צווישען דער אידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ האָבען זיך צוליב זייערע האנדלונגען דאן פון זיי אויך אָפּגעטרייסעלט.

די „א. וו. וו." האָבען דארום קיין גרויסען ערפאָלג ניט גע־קענט האָבען צווישען די אידישע ארבייטער. קיין איינציגען פון זייערע סטרייקס, וואס זיי האָבען געפיהרט, האָבען זיי ניט געוואונען. פילע פון זייערע פיהרער זיינען ענטמוטיגט געוואָרען אין זייער אייגענער ארבייט, און אזוי זיינען זיי איינציגווייז אריבער, מיט זייערע פארבליבענע מעמבערס, צו די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען, און האָבען זיך פאראייניגט מיט די עקזיסטירענדע אידישע יוניאנס פון ניו יאָרק.

.24

די נייע עפּאָכע אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג (פון יאָהר 1909 ביז 1913)

די בעקער יוניאָנס גיבען דעם ערשטען סיגנאל צו אַלע אידישע אַרביי־טער, אַז מען זאָל זיך אָנפאַנגען אָרגאַניזירען. — דער היסטאָרישער סטרייק פון די 20 טויזענט ליידיס וויסטמאַכער אין יאָהר 1909. — דער אויפשטאַנד פון די 50 טויזענט קלאָוקמאַכער אין יאָהר 1910 און די גרינדונג פון דער גרעסטער אידישער יוניאָן. — דער פאָריער סטרייק אין יאָהר 1912. — די אידישע פיינטערס יוניאָן. — די אָרגאַניזירונג פון די קלענערע יוניאָנס. — די „שניידער רעוואָלוציע" אין יאָהר 1913 און די גרינדונג פון דער „אַמאַלגאַמייטעד".

ביז'ן יאהר 1900 האָבען זעלטען וועלכע פון די אידישע יו־ניאָנס באלאנגט צו זייערע אינטערנעשאָנאַל־פאַרבאַנדען. ווען א אידישע יוניאָן האָט שוין יא באלאנגט צו אַ פאַרבאַנד פון איהר פאך, ווי א שטייגער, די „יונייטעד גארמענט וואָרקערס אָוו אמע־ריקא", פלעגען די אידישע שניידער יוניאנס כסדר באקעמפען זייער פארבאנד, ווייל ער איז ניט געווען גענוג ראדיקאל פאר זיי. און דערפאר טאקע האָבען די אידישע יוניאנס געוואוסט און נאָר געגלויבט אין די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, וועלכע מען פלעגט רופען דער „אידישער ארבייטער פארלאמענט". אין די געווערקשאפטען זיינען שוין אין יאהר 1890 געווען פארטראָ־טען 32 אידישע יוניאנס מיט א מיטגלידערשאפט פון א פופצעהן טויזענד ארבייטער. אין יאהר 1893 איז אָבער אָנגעקומען אין לאנד א גרויסער קריזיס, וועלכער האָט אָפגעווישט כמעט אלע אידישע יוניאנס, געמאכט פון זיי א תל. אין יעדער יוניאן איז פארבליבען בלויז א הייפעל מענשען, וועלכע האָבען אָנגעהאלטען דעם נאָמען פון דער אָרגאניזאציאָן. און ווען מיט איין יאָהר שפעטער זיינען ווידער אָנגעקומען די גוטע צייטען, „די פראָספע־

ריטי", עס איז געווארען ארבייט אין די שעפּער, און די „פּ. א. ג." האָבען ווידער אויפגעבויט די געפאלענע אידישע יוניאנס, האָט ניט גענומען לאנג, און עס זיינען געקומען די מחלקות אין דער „ס. ל. פּ". מיט די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אליייענס", און פון די אידישע יוניאנס איז ווידער געווארען א תל.

ווי שוין פריהער געזאָגט, זיינען אין די „פּ. א. ג." נאָך דער ערשטער שפּאלטונג אין יאָהר 1897, פארבליבען בלויז דריי קליי־נע יוניאנס. איינינע אידישע יוניאנס זיינען מיטגעגאנגען מיט'ן „פאָרווערטס". ערשט אין 1901, ווען די צוויי אידישע צענטראל קערפּערשאפטען, די „פּ. א. ג." און די „פעדערייטעד היברו טריידס", די אָרגאניזאציע וואָס די „פאָרווערטסיסטען" האָבען אין דער צייט פון דער שפּאלטונג פון דער ס. ל. פּ. צוזאמענגע־שטעלט און פאראייניגט אין איין קערפּערשאפט, אונטער דעם נאָמען „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען", האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען א גרויסער קאמפּיין צו אָרגאניזירען די אידישע ארבייטער. פאר דעם צוועק האָבען די „פּ. א. ג." געגרינדעט אן אייגענע וועכענטליכע צייטונג, די „ארבייטער וועלט". איהר רעדאקטאָר איז געוועזען פיליפּ קראנץ.

די „ארבייטער וועלט" איז ערשינען דעם 12טען מערץ, 1904, און האָט עקזיסטירט בלויז 5 מאָנאטען. אין דערזעלבער צייט פלעגט גענאָסע ש. פּ ע ס ק י ן, וועלכער איז דאן געוועזען א מיטארבייטער פון „פאָרווערטס", שרייבען יעדע וואָך אין „פאָר־ווערטס" טרייד יוניאָניסטישע ארטיקלען, אגיטירענדיג די אידי־שע ארבייטער אז זיי זאָלען זיך אָנשליסען אין די יוניאנס. די ארטיקלען פון גענאָסע פּעסקין האָבען דאן געהאט א גרויסע ווירקונג. דאָך, שאפען א שטארקע יוניאָן־באוועגונג האָט זיך דאן ניט איינגעגעבען. ביז וואנען מען האָט געגרינדעט איין נייע יוניאן, פלעגט דערווייל אן אלטע אונטערגעהן, און אזוי איז עס געגאנגען א לאנגע צייט. א סך פון די פּראָמינענטע אידישע סאָ־ציאליסטען האָבען זיך שוין אינגאנצען געהאט מיאש געווען און זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז עס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט איינגעבען פאָלשטענדיג צו אָרגאניזירען די אידישע טריידס. עס

זיינען אָבער אויך געווען געגאָסען, וועלכע האָבען ניט פארלוירען דעם מוט און האָבען ניט אויפגעהערט צו וועקען די אידישע אר־ בייטער און מאַכען אלערליי פארזוכען זיי צו אָרגאַניזירען.

אין יולי פון יאהר 1906, איז אלס סעקרעטאר פון די „פ. א. ג.‟ ערוועהלט געוואָרען געגאָסע מ א ק ס פ י י ן. באלד ווי ער איז אריין אין אמט האָט ער איינבארופען א גרויסע פאָלקס־ קאָנפערענץ פון אלע יוניאנס, ארבייטער רינג ברענטשעס און אנדערע פראָגרעסיווע אָרגאַניזאציאָנען, מיט'ן צוועק אלעמען צו פאראינטערעסירען אין דער אויפבויאונג פון א שטארקער טרייד־ יוניאן באוועגונג.

יענע גרויסע פאָלקס־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אָק־ טאָבער, 1906, אין בעטהאָווען האָל. דאָרטען זיינען געווען פאר־ טרעטער פון 150 ארבייטער־אָרגאַניזאציעס. דאַן האָט מען שוין ווירקליך עטוואָס געקאָנט אויפטאָן. זיינען אָבער געקומען צו יענער קאָנפערענץ א פאָר טוץ „איי דאָבעליו דאָבעליו‟־לייט, און זיי האָבען צושטערט יענע וואונדערבארע פארזאמלונג.

יענע קאָנפערענץ האָט דאַן קיין פראַקטישע ארבייט צוליב די שטערונגען פון די „איי. וו. וו.‟ ניט געקענט אויפטאָן. דאָך איז געגאָסע פיינ'ען געלונגען שפעטער צו אָרגאַניזירען א גאַנצע רייהע נייע אידישע יוניאנס. אָבער דאָ איז פלוצלונג אָנגעקומען דער קריזיס פון יאָהר 1907, און די טעטיגקייט פון די אידישע יוניאָנס איז ווידער פאראַליזירט געוואָרען. דער שטילשטאַנד אין דער אידישער טרייד יוניאן באוועגונג האָט אזוי אָנגעהאַלטען ביז פסח־צייט פון יאהר 1909.

די אידישע בעקער יוניאנס.

די ערשטע שוואַלבען וואָס האָבען אָנגעזאָגט דעם אָנקומען פון די גרויסע און מעכטיגע אידישע יוניאנס זיינען געווען די איסט־סייד בעקער ארבייטער.

ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין די ערשטע קאַפיטלען האָ־ בען די אידישע בעקער ארבייטער פון ניו יאָרק געהאַט א יוניאן

נאָך אין יאָהר 1887. ניט איין יוניאָן האָבען זיי געהאַט, נאָר עטליכע איינע נאָך די אנדערע, און אַלע זיינען זיי אונטערגעגאַנגען. אין יאהר 1909, ווען טויזענד אידישע בעקער ארבייטער זיינען ארויס אין א דזשענעראַל סטרייק, זיינען די ארבייטס־באַדינגונגען פון די בעקערס געווען ניט פיל בעסער ווי אין די גאָר ערשטע יאהרען, איידער זיי האָבען געהאַט א יוניאָן. מען האָט געארבייט אין די שמוציגע קעלערס 18 שעה אין מעת־לעת, און די שכירות פון א בעקער זיינען געווען פון 8 ביז 11 דאָלאר א וואך. די נייע פאָדערונגען וואס לאָקאַל 100 בעקער יוניאן האָט געשטעלט, זיינען געווען: א 10 שעה'דיגער ארבייטס־טאָג, די אנערקענונג פון דער יוניאן, א יוניאן לייבעל אויף יעדען ברויט און שכירות פון 12 ביז 16 דאָלער א וואך. אויך האָבען די סטרייקער געפאָדערט, אז די באָסעס זאָלען ערלויבען זייערע ארבייטער אוועקצוגעבען א נאַכט אַרבייט צו די אַרבייטסלאָזע בעקער. די 150 אידישע באָסעס פון דער איסט סייד האָבען, ווי אימער, געקעהרט וועלטען, זוכענדיג צוצוברעכען דעם סטרייק פון זייערע ארבייטער. אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען. דער ארבייטער עלעמענט איז שוין דאן געווען גאָר אן אַנדערער. פילע פון די סטרייקער זיינען געווען ניט לאַנג אריבערגעקומענע יונגע אימיגראַנטען. א גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען היימישע בונדיסטען, און זיי האָבען די באָסעס ניט געקענט איינשרעקען אָדער אונטער־קויפען, אַז זיי זאָלען ווערען סטרייק־ברעכער.

יענער בעקער סטרייק האָט אויפגערודערט דעם גאַנצען אידישען קווארטאַל. ענדע מאַי פון יענעם יאָהר האָט אין טהאַליא טעאַטער שטאַטגעפונען א קאָנפערענץ פון אַלע יוניאַנס, איינבארופען פון „פאָרווערטס", וועלכער האָט באוויזען די בעקער באָסעס ווי די אידישע ארבייטער זיינען צווישען זיך סאָלידאריש. פון אַלע זייטען איז געקומען שטיצע פאר די סטרייקערס און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז דעם 19טען יוני, 1909, איז יענער באַריהמטער בעקער־סטרייק געסעטעלט געוואָרען. די באַלעבאַטים האָבען נאָכגעגעבען כמעט אַלע פאָדערונגען פון די ארבייטער און אונטערגעשריבען יוניאַן־קאָנטראַקטען. דעם 2טען יולי, 1909,

פריוטאָג בייטאָג, האָט די גאַנצע אידישע ארבייטער באַוועגונג געפייערט דעם זיג פון די אידישע בעקער ארבייטער מיט א גרויסער דעמאָנסטראַציע אין וועלכער עס האָבען זיך באטייליגט אויסער צוויי טויזענד בעקער ארבייטער פון גרייטער ניו יארק, אויך אַ גרויסע צאָהל אידישע ארבייטער פון אַנדערע פאַכען.

דער זיג פון די אידישע בעקער אַרבייטער אויף דער איסט סייד איז געווען דער סיגנאַל צו דער אויפלעבונג פון אלע אַנדערע אידישע טרייד יוניאנס. גלייך נאָכ'ן בעקער סטרייק האָט זיך פאַרשפּרייט אַן „עפּידעמיע" פון סטרייקס אין אַלע אידישע יוניאָנס.

אין זומער פון יאָהר 1909 איז ב. וויינשטיין ווידער געוואָרען דער סעקרעטאר פון די פאַראיינ. אידישע געווערקשאַפּטען. נאָך א לאַנגען שטילשטאַנד אין דער ארבייטער באַוועגונג, נאָכדעם ווי דער גרויסער קריזיס איז שוין געווען אינגאַנצען פאָראיבער, האָט זיך שוין געפיהלט אין דער לופטען, אז נייע צייטען קומען אָן. עס איז אָנגעקומען אהער פון רוסלאַנד א גאַנץ נייער עלעמענט אידישע ארבייטער, וועלכער איז געווען געקנאָטען שוין פון א גאַנץ אַנדערען טייג, ווי די אימיגראַנטען אין די ערשטע יאהרען. דאָס זיינען שוין ניט געווען די דערשלאָגענע אידען פון אמאָל, נאָר די שטאָלצע אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען געווען בארייט צו קעמפען פאר א גרינגערען לעבען און פאר א פרייערער וועלט. וואו מען האט זיך א קעהר געטאָן האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף באַוואוסטזיניגע אידישע ארבייטער, וועלכע האָבען נאָר געווארט, אז עמיצער זאָל זיי קומען אָרגאַניזירען. מיר האָבען געפיהלט, אז ענדליך איז געקומען דער מאָמענט אויף וועלכען די עלטערע סאָציאַליסטען האָבען אזוי לאַנג געווארט — דער מאָמענט, ווען עס וועט אונז געלינגען אויפצובויען א מעכטיגע אידישע ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקא.

ווען איך בין ערוועהלט געוואָרען סעקרעטאר פון די געווערקשאַפטען, האָבען מיר איינגערופען די ערשטע באראַטונג פון די טעטיגסטע דעלעגאַטען צו די „פ. א. ג." און מיר האָבען אָפּגעהאַלטען דעם ערשטען מיטינג אין אונזער נייער היים, אין קלינטאָן

האָל. אויף יענער באַראַטונג זיינען געווען דזש. גאָלדשטיין און מ. קאַזימירסקי, פון די בעקער, ס. שינדלער, פּראָטאָקאָל סעקרע־טער פון די געווערקשאַפטען און פון דער ליידיס ווייסטמאַכער יו־ניאָן, מאַקס פיין, דער עקס־סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען, א. באַראָף און ב. וויטאַשקין, פון דער ווייסט־מאַכער יוניאָן, און אַנדערע. נאָך פילע באַראַטונגען זיינען מיר געקומען צום שלוס, אַז מען דאַרף גלייך אָנפאַנגען אַ גרויסען קעמפּיין צו אָרגאַניזירען אַלע אידישע טריידס, און כדי דער קאַמפּיין זאָל זיין אַן ערפאָלג, איז נויטיג ארויסצורופען אין יעדער אינדוסטריע אַ דזשענעראַל סטרייק, אויב עס וועט נאָר זיין אַ מעגליכקייט דערצו, און דער אָנפאַנג זאָל געמאַכט ווערען מיט דער ליידיס ווייסט־אינדוסטריע.

די ליידיס ווייסטמייקערס יוניאָן איז צו יענער צייט געווען זעהר שוואַך. אין דער יוניאָן זיינען געווען אָרגאַניזירט ניט מעהר ווי אַ 200 אַרבייטער. אין גאַנצען פאַך זיינען דאַן געווען באַ־שעפטיגט ביז צוואַנציג טויזענט אַרבייטער.

אַלס דער נייער סעקרעטער פון די פאַראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען האָב איך אָפּגעשטאַטעט אַ וויזיט אין אָפיס פון דער „אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן". אַריינקו־מענדיג אין דעם קליינינקען טונקעלען צימער, וואו דער אָפיס האָט זיך געפונען, האָב איך דאָרט געטראָפען דעם דאַמאָלסדיגען סעקרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל, ברודער דזשאהן דייטש. מיר האָבען זיך פריינדליך באַגריסט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף אב. ראָזענבערג, דעם דאַמאָלסדיגען פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

— אָ, ברודער ראָזענבערג, — זאָגט צו מיר דייטש, — ער איז אַוועקגעפאָהרען אין קליוולאַנד דאָרטען צו אָרגאַניזירען די קלאָוקמאַכער.

— נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט די ניו יאָרקער קלאָוק־מאַכער ? — פרעג איך ביי דייטש'ן, — ווען וועלען מיר זיי אָר־גאַניזירען ?

— איין גאָט ווייס ! — ענטפערט מיר דזשאָן דייטש.

דערצעהל איך ברודער דייטש'ען, אַז מיר, די „געווערקשאַפ־

טען", פאנגען אָן אַ קאַמפּיין און מיר וועלען צוערשט אָרגאַניזירען די 18 טויזענד לײדיס וױיסט ארבײטער און דאַן וועלען די קלאָוקמאַכער נאָכקומען.

— די אינטערנעשאָנאַל וועט אייך העלפען, — באַמערקט דייטש.

דערווייל פרעג איך איהם אויס וויפיל מיטגלידער זיין אינטערנעשאָנאַל יוניאָן האָט איבער'ן גאַנצען לאַנד.

— אַכטצעהן הונדערט! — זאָגט מיר ברודער דייטש.

איך דערצעהל איהם, אַז איך בין שוין דריי וואָכען אין אמט ביי די „פ. א. ג." און איך האָב געמאַכט אַן אונטערזוכונג און אויסגעפונען, אַז אין אַלע 41 יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען יעצט צו די געווערקשאַפטען, געפינען זיך יעצט אונגעפעהר אַ 5,000 מיטגלידער.

מיר האָבען זיך פריינדליך צוזעגענט און איך בין אַוועק צוריק אין קלינטאָן האָל, וויל אַ פּאָר סטרייקס האָבען מיר שוין געהאַט ניט קיין גרויסע. דאַן האָבען געסטרייקט וועסטען־מאַכער און ראָק־מאַכער, און די געווערקשאַפטען האָבען זיי געהאָלפען אין דיזע סטרייקס.

איניגיכען האָט די לײדיס וױיסטמײקערס יוניאָן לאָקאַל 25 פון דער אינטערנעשאָנאַל, אָפּגעהאַלטען אַ פאַרזאַמלונג און זיי האָבען אָנגעשטעלט צוויי אָרגאַנייזערס; דער ערשטער איז געווען ב. ו ו י ט א ש ק י ן און מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז א ב. ב א ר אָ ף, דער יעצטיגער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל, אויך אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס אָרגאַנייזער פון די לײדיס וױיסטמאַכערס יוניאָן. די נייע אָרגאַנייזערס האָבען גענומען רופען פאַרזאַמלונגען. וואָס ווייטער האָבען אַלץ מעהר און מעהר לײדיס וױיסטמאַכער גענומען קומען צו דער יוניאָן. עס האָט גענומען ווערען לעבעדיגער.

אין גיכען איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס אַ דריטער אָרגאַנייזער פון דער יוניאָן ד ז ש. ג אָ ל ד ש ט י י ן, פון דער בעקער־יוניאָן. אָבער אַז מען האָט האָלץ, פליהען שפּענער, און אַז מען אָרגאַניזירט ארבייטער, מוזען פאָרקומען סטרייקס.

אין די ליידיס גארמענט טריידס, ביי וויסטען אזוי גוט ווי ביי קלאָוקס, זיינען דאַן געווען צוויי־ערליי קאָנטראקטאָרס. איין סאָרט זיינען געווען די יעניגע, וועלכע פלעגען ארויסנעהמען גע־שניטענע ארבייט צו זיך אין די אויטסייד שאַפּעס, און אַ צווייטער סאָרט זיינען געווען אינווייניגע קאָנטראקטאָרען אין שאַפּ. דער אינסייד־קאָנטראקטאָר, אליין אַן ארבייטער, פלעגט נעהמען אַ סך באָנדעלס שטיק־ארבייט, און דערביי פלעגט ער אונטער זיין האַנט האַלטען פון 3 ביז 10 „ארויסהעלפער", וועלכע פלעגען אר־בייטען ביי איהם פון וואָך. די שכירות פון די ארויסהעלפער ביי די וויסטען זיינען געווען ניט מעהר ווי 3—4 דאָלאַר אַ וואָך. דאַרף דאַן, אין צייט פון אונזער דאַמאָלסדיגען אָרגאַניזאַציאָנס־„דרייוו", טרעפען, אַז אַ געוויסע וויסט־פירמע, „ראָזען בראָ־דערס", האַט ארונטערגעריסען ביי איהרע „אינסייד"־קאָנטראק־טאָרס די פּרייזען, האָבען זיך דיזע אינסייד־קאָנטראקטאָרס גע־ווענדעט צו זייערע ארויסהעלפער, אַז זיי זאָלען געהן מיט זיי סטרייקען.

זיינען אַלע ארבייטער, סיי די קאָנטראקטאָרס (ארבייטער), סיי די ארויסהעלפער (ארבייטער) ארונטער אין אַ סטרייק. עס האַט ניט גענומען לאַנג און מיר האָבען זיך אַלע דערוואוסט פון דעם. מעהר האָבען מיר ניט גענדאַרפט. פילע פון אונז זיינען גלייך אוועקגעלאָפען אין 96 קלינטאָן סטריט, וואו „ראָזען בראָ־דערס" סטרייקערס האָבען זיך פארזאַמעלט. די „אינסייד"־קאָנ־טראקטאָרס האָבען אונז ניט געוואָלט אריינלאָזען אין האָל. עס האַט אָבער ניט גענומען לאַנג און מיר האָבען איבערגענומען די פיהרונג פון יענעם סטרייק. און אין אַ פּאָר וואָכען צייט האָבען מיר געוואונען דעם ערשטען סטרייק פון די ליידיס וויסטמייקערס. דער הויפּט־פונקט איז געווען די אָפּשאַפונג פון „אינוועניגסטע" קאָנט־ראַקטאָרס. איך געדענק, אַז איינער פון דער סעטעלמענט קאָמיטע מיט דער פירמא „ראָזען בראָדערס" איז געווען גענאָסע ב. שלעז־זינגער, וועלכער איז שוין דאַן געווען דער מענעדזשער פון „פאָר־ווערטס".

דער זיג ביי „ראָזען בראָדערס" האָט געמאַכט אַ שטאַרקען

איינדרוק אויף די 800 ארבייטער פון דער „טרייענגעל ווייסט קאָמ־פּאַניע" (דיזע „טרייענגעל"־פירמע איז מיט צוויי יאָהר שפּעטער טרויעריג באַריהמט געוואָרען מיט דעם, וואָס אין זייער שאָפּ זיינען איבער 40 ארבייטער, יונגע מענער און מיידלאַך, פאַרברענט געוואָרען ביי דער ארבייט). מיר האָבען גערופען אַ שאָפּ־מיטינג פון די „טרייענגעל" ווייסטמאַכער פאַר דעם קומענדען זונטאָג, נאָכ'ן סעטעלמענט פון „ראָזען בראָדערס" שאָפּ. יענעם מיטינג וועל איך, דאַכט מיר, קיינמאָל ניט פאַרגעסען. עס איז געווען אַ זונטאָג נאָכמיטאָג. ווען מיר זיינען אריין אין גרויסען האָל פון 96 קלינטאָן סטריט, האָבען מיר געטראָפען אַ מאַסע יונגע לייט און יונגע מיידלאַך, אָבער מיר, די אָרגאַנייזערס, האָבען געהאַט צרות. די „אינסייד"־קאָנטראַקטאָרס און די העלפּער, זייערע שקלאַפען, האָבען מורא געהאַט צו זיין ביי דער פאַרזאַמלונג, טאָמער וועלען זיך די באָסעס פון דער „טרייענגעל ווייסט קאָמפּ." דערפון דערוויסען. מילא, מיר האָבען פאַרהאַנגען אַלע פענסטער, פאַר־שפּאַרט די טירען און יעדען פאַרשוואָרען ניט צו דערצעהלען קיי־נעם פון דער געהיימער פאַרזאַמלונג.

אויף מיר האָט יענע פאַרזאַמלונג געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס וואָלטען אידען אין שפּאַניען געקומען אין אַ קעלער פּראַווען דעם סדר אין געהיים, אום די אינקוויזיציע זאָל זיך ניט דערוויסען.

מילא, אונזערע רעדעס, וועלכע מיר, די אַלע אויבען־אויס־גערעכענטע אָרגאַנייזערס, האָבען געהאַלטען פאַר דער גרויסער מאַסע „טרייענגעל" ווייסטמאַכער, האָבען געקענט רירען אַ שטיין. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַלע, ווי איינער, יונג און אַלט, סיי די קאָנטראַקטאָרס און סיי די „ארויסהעלפּער", האָבען געגע־בען אַ שבועה, אַז זיי וועלען געטריי זיין דער יוניאָן, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען.

די „אינקוויזיציע" אָבער האָט זיך דאָן דערוואוסט פון יענער געהיימער פאַרזאַמלונג, און אין אַ פּאָר וואָכען ארום, עס איז גע־ווען מוצאי יום־כפור, האָט די „טרייענגעל"־פירמע אויסגעשלאָסען אַלע 800 ארבייטער פאַר דער „חוצפּה" צו וועלען אָרגאַניזירען זיך.

דאַן האָט זיך אָנגעפאנגען אַ ביטערער סטרייק געגען דער „טרייענגעל קאָמפּאַניע". דער סטרייק האָט געדויערט וואָכען־לאַנג, און אויף אַ קאָנפערענץ, וועלכע די געווערקשאַפטען האָט גערופען פון אַלע יוניאָן־פּאָרשטעהער, איז דאַן באַשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ דזשענעראַל סטרייק אין דער גאַנצער לײדיס וױיסט-אינדוסטריע, וואו עס זיינען דאַן באַשעפטיגט געווען איבער צוואַנציג טויזענד ארבייטער, מעהרסטענס פרויען און יונגע מיידלאַך.

די ערוועהלטע דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע האָט באַשטימט, אַז דעם 22טען נאָוועמבער, 1909, פּונקט 10 אַזייגער אין דער פריה, זאָל דער סטרייק זיך אָנפאַנגען אין אַלע 400 לײדיס וױיסט־שעפּער פון ניו יאָרק. פאַר דער וועלט איז דער טאָג פון יענער גרויסער פּאַסירונג, פון דזשענעראַל סטרייק, געווען אַ סוד.

מיט אַ נאַכט בעפאָר, דעם 21טען נאָוועמבער, האָט די לײדיס וױיסט־מײקערס יוניאָן אָפּגעהאַלטען צעהן גרויסע מאַס־מיטינגען איבער'ן שטאָדט. די הויפּט־פאַרזאַמלונג איז געווען אין קופּער יוניאָן, וואו עס האָט גערעדט ס ע מ ו ע ל ג אָ מ פּ ע ר ס, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לײבאָר. אין מיטען גאָמפּערס'עס רעדע איז אַ וױיסטמײקערין פון דער סטרייק־קאָמיטע, אַ בלייכע, יונגע ארבייטער-מיידעל, צוגעגאַנגען צו דער רעדנער־טריבונע און האָט אויסגעשריען מיט אַ קוויטשיגער שטימע: „די וױיסטמײקערס יוניאָן ערקלערט איצט דעם גרויסען דזשענעראַל סטרייק!"...

די פריידע, דער ענטוזיאַזם, די באַגייסטערונג, וואָס דיזער אויס־געשריי האָט ארויסגערופען ביי די טויזענטער מיידלאַך און מענער, וואָס זיינען געווען אויף יענעם מיטינג, איז גאָר אוממעגליך צו באַשרייבען. אַזוינע סצענעס זיינען פאָרגעקומען אויף יעדער פאַר־זאַמלונג פון די וױיסטמאַכער יוניאָן יענעם אבענד. קאָמיטעס מיט רויטע פּראָקלאַמאַציעס מיט אַ רוף צום דזשענעראַל סטרייק זיי־נען שוין אַלע געווען גרייט און גלייך פון די האָלס זיינען די קאָ־מיטעס אוועק צו היטען אַלע וױיסט-שעפּער און צו וואַרטען ביז אין דער פריה, ווען די ארבייטער וועלען קומען צו די שעפּער.

איך געדענק, אז עס איז געווען א רעגנעדיגער טאָג, אָבער אַלע פאַרזאַמלונגס־פּלעצער, וועלכע מען האָט באַשטעלט אַפריהער, זיי־נען אָנגעפילט געוואָרען מיט סטרייקערס. די סטרייק קאָמיטע האָט אָנגעגרייט אין יעדען פּלאַץ א סעקרעטער מיט ביכער און מען האָט גענומען פאַרשרייבען מיטגלידער און סטרייקערס פון דער ליידיס וויסטמייקערס יוניאָן לאָקאַל 25. דריי טעג האָט מען גע־שריבען און מען האָט געבראַכט אין הויפּט־קוואַרטיר פון דזשענע־ראַל סטרייק־קאָמיטע, אין קלינטאָן האָל, די ציפערען פון די פאַר־שריבענע מיטגלידער און סטרייקערס.

אַכטצעהן טויזענט סטרייקערס, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען געווען יונגע מיידלאַך, האָבען זיך פאַרשריבען. און זיי האָ־בען געסטרייקט. אַלץ הייסט געסטרייקט! אין אַלע ענגלישע צייטונגען פון גאַנצען לאַנד האָט מען געשריבען וועגען די „שוירט־וויסט־מיידלאַך". יענער סטרייק איז אָנגעפיהרט געוואָ־רען פון דער וויסטמאַכער יוניאָן לאָקאַל 25, פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און פון דער „ווימענס טרייד־יוניאָן ליג". די אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס, זייער סעקרע־טער דייטש, איז אויך געקומען צו אונז אין קלינטאָן האָל. עס האָ־בען זיך מיט דעם שוירט־וויסט־סטרייק אויך פאַראינטערעסירט די סאָפּראַזשיסטקעס (די „פרויען רעכטלערינס") פון די „400", פון די רייכע דאַמען. מרס. הערימאַן, די דאַמאָלסדיגע פּרעזידענטין פון דער ליג פאַר פרויען־רעכטע, האָט אַדרעסירט די סטרייקערינס. דער אַריסטאָקראַטישער „פרויען קאָלאָניאַל קלאָב" האָט דאַן גע־זאַמעלט 1700 דאָלאַר שטיצע פאַר די סטרייקערס. אַלע יוניאָנס, סאָציאַליסטישע ברענטשעס, דער אַרבייטער רינג, אַלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, לאַדזשען, סאָסייעטיס, האָבען געשיקט שטיצע פאַר יענעם באַריהמטען סטרייק.

די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּיקעט־קאָמיטע איז געווען אין גרויסען זאַל פון קלינטאָן האָל. רייכע יונגע לייט און יונגע פרויען, „סעטעלמענט וואָרקערס" פון גאַנץ ניו יאָרק, זיינען געקומען העל־פען פּיקעטען די סטרייק־שעפער. דאָך האָט עס ניט געהאָלפען, ווייל די שטאַרקע גאַרדס, געדונגען פון די באָסעס, האָבען גע־

שלאָגען די אָרימע סטרייקערינס און די פארמעגליכע „סעטעלמענט וואָרקערס"; די פּאָליציי איז געווען געגען די סטרייקערס. די ערגסטע באהאנדלונג האָבען געקראָגען די פּיקעטס פון דעם „טריי־ענגעל" שאפּ.

גלייך ווי דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען זיינען געקומען קליינע באָסעלאך און קאָנטראַקטאָרס און האָבען געסעטעלט מיט דער יוניאָן. מיר האָבען אָפּגעדונגען דעם אויבערשטען פלאָר פון קלינטאָן האָל, וואו עס איז אויסגעשטעלט געוואָרען אַ רייהע טישען און דעלעגאַטען פון אַלע יוניאָנס צו די געווערקשאַפטען האָבען פארהאנדעלט מיט די באָסעס וועגען סעטעלמענטס. די גרויסע פירמעס אָבער האָבען זיך ניט גערירט פון אָרט. עס איז געווען זעהר אַ פארביטערטער סטרייק. די סטרייקערס האָבען זיך פאר־זאַמעלט אין 25 האָלס. מיר האָבען געדארפט האָבען פיל רעדנער, האָל־טשערלייטע און גענוג ערפאהרענע מענשען צו פיהרען יענעם שווערען סטרייק, וועלכער האָט געדויערט פון 22טען נאָוועמבער ביז דעם 12טען מארטש, 1910, ווען עס איז ביים מיטינג פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען באריכטעט געוואָרען, אַז 400 שעפּער האָבען שוין געסעטעלט מיט דער וויסטמאַכער יו־ניאָן, נאָכגעבענדיג 52 שטונדען אַ וואָך ארבייט, אנערקענונג פון דער יוניאָן און אַ העכערונג אין וויידזשעס.

אין דער צייט פון דעם ליידיס וויסטמאכער סטרייק איז אָנגעקומען אהער פון רוסלאַנד גענ. ב. װ ו ל אַ ד ע ק, וועלכען פילע פון די יונגע גענאָסען האָבען שוין געקענט פון דער היים אַלס אַן אויסגעצייכענטען רעדנער פון „בונד". ער האָט אַדרע־סירט פילע מיטינגען פון די סטרייקער און איז זייט דאַן גע־וואָרען איינער פון די פּאָפּולערסטע פערזענליכקייטען אין אונזער באוועגונג.

די ליידיס וויסט־מייקערס יוניאָן, וועלכע האָט ביז יענעם גענעראַל סטרייק געהאט אַ יוניאָן־אָפיס אין שכנות מיט די גע־ווערקשאַפטען, וואָס האָט פארנומען עטליכע שפּאַן, האָט גלייך נאָך דעם זיג אָפּגעדונגען אַ גאַנצען פלאָר פון קלינטאָן האָל, וועלכען מען האָט ספּעציעל צוגעפּאסט פאר דער באקוועמליכקייט פון דער יוניאָן. די יוניאָן האָט גלייך אָנגעשטעלט גענוג ביזנעס־אגענטען,

וועלכע זאָלען קאָנטראָלירען אַלע 400 שעפּער און אָפּהיטען, אַז מען זאָל ארבייטען אונטער יוניאָן ארבייטס-באַדינגונגען.

די אינטערנעשאָנאַל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן האָט דאַן גלייך אריבערגעצויגען זיך אין א גרויסען אָפּיס, און ווען איך בין אין א פּאָר טעג ארום געקומען אהין, האָט מיר דער סעקרע-טער דזשאָן דייטש געזאָגט, אַז די מעמבערשיפּ פון דער אינטער-נעשאָנאַל איז שוין יעצט צוויי און צוואַנציג טויזענט.

איך האָב אין אָפּיס פון דער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן געטראָ-פען זייער דאַמאָלסדיגען פּרעזידענט, א. ראָזענבערג, מיט וועל-מען איך בין געווען באַקאַנט אין דער יוניאָן־באַוועגונג, זייט דעם יאָהר 1883. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז אָט איצט פאַנגען זיי אָן א גרויסען קאמפּיין צו אָרגאַניזירען די פופציג טויזענט קלאָוק-מאַכער.

„זאָל זיין מיט גליק!" — האָב איך איהם צוגעוואונשען פאַר'ן אוועקגעהן.

דער גרויסער סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין 1910 און די גרינדונג פון דער גרעסטער אידישער יוניאָן.

ווי שוין געזאָגט, האָט דער ערפאָלגרייכער סטרייק פון די לײדיס ווייסט מאַכער צוגעגעבען מוט דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גארמענט וואַרקערס יוניאָן אָנצופאַנגען אַן ענערגישען קאמפּיין צו אָרגאַניזירען די פופציג טויזענט קלאָוק מאַכער פון ניו יאָרק. די „אינטערנעשאָנאַל" (א. ל. ג. וו. י.) האָט שוין דאַן געהאָט 25 טויזענט מיטגלידער. די קלאָוקמאַכער יוניאָן וואָס האָט דאַן עקזיסטירט איז געווען זעהר שוואַך. און מיט דער הילף פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט זי זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט פון אָרגאַניזירען אַלע ארבייטער פון טרייד. דאָס איז געווען ניט קיין גרינגע אויפגאַבע. מען האָט עס שוין פריהער פּרובירט פילע מאָל אָבער אָהן ערפאָלג.

דער אמת איז, אַז זייט דעם יאָהר 1882, ווען די ערשטע גרויסע קלאָוקמאַכער יוניאָן, וואָס האָט געצעהלט זיבען טויזענד מעמבערס, איז זיך צופאַלען, האָט מען אין א משך פון 18 יאָהר די יוניאָן ניט

געקענט ווידער אויפבויען. עס פלעגט בלויז געלינגען, פון צייט צו צייט, צו אָרגאניזירען א פּאָר צעהנדליג שעפּער, וואו עס פלעגט אויסקומען צו סטרייקען. באלד האָט מען פארלאָרען אַ פּאָר סטרייקס און ווידער אָרגאניזירט אַ פּאָר נייע שעפּער מיט די זעלבע רעזולטאטען.

אין ענדע פון יאָהר 1909 איז דער צושטאנד פון קלאָוקס־טרייד אין ניו יאָרק געווען אַ שרעקליכער. יעדער אָפּרייטאָר האָט געמוזט האָבען אַן אייגענע מאשין, און אָפטמאָל האָט דער ארבייטער נאָך געדארפט מיטברענגען פון זיין היים אויך אַ ביינקעל אויף צו זיצען ביים מאשין. פון קלאָוקס אַליין האָבען די מעהרסטע ארבייטער ניט געקענט מאכען קיין לעבען. פילע קלאָוקמאכער זיינען אויך געווען דזשעניטאָרס אין די טענעמענט־הייזער, ווייל פון די קלאָגעדיגע פארדינסטען איז ניט געווען גענוג אויף צו צאָהלען רענט.

די פינישער און די פרעסער ביי קלאָוקס זיינען געווען געצוואונגען צו ווערען אינסייד־קאָנטראקטאָרס, איבערנעהמענדיג די גאנצע ארבייט אין שאפּ און פון זייער האנד באשעפטיגען אַ גאנצען טוץ אָדער מעהר ארויסהעלפערס, וועלכע האָבען באַקומען זעהר קלעגליכע שכירות. ביי די סקווירט־מאכערס האָט גאָר געהערשט אַ „סעקשאָן"־סיסטעם. יעדע קלייד איז געווען פארטיילט אין צעהן טיילען, און איין קאָנטראקטאָר פלעגט אַוועקזעצען צעהן אונערפאהרענע אַרבייטער צו שטעפען אַ שטיקעל אַרבייט. דיזע אַרבייטער האָבען קיין מאָל ניט געקענט זיך אויסלערנען צו מאכען אַ קליידעל. זייערע שכירות זיינען געווען נאָך קלעגליכערע.

אָט אונטער אַזעלכע אומשטענדען אין טרייד האָבען די דאמאָלסטיגע טעטיגע מיטגלידער פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן, וועלכע האָט אינגאנצען געהאט ניט מעהר ווי אַ פּאָר הונדערט מיטגלידער, גענומען זיך אָרגאניזירען אַלע פופציג טויזענד קלאָוקמאכער. די טוער פון דער יוניאָן האָבען צוערשט אויסגעארבייט אַ פּלאַן: צו שיקען פרייוויליגע קאָמיטעס צו אַלע שעפּער. דיזע פרייוויליגע קאָמיטעס פלעגען זיך צוזאמענקומען

יעדען פארנאכט אין א האַל אין דער 4טער סטריט, און פון דאָרט פלעגט זיי ס. פּאָליאַקאָף, — א טעטיגער יוניאָן־מאַן, — פאַנאַנדערשיקען צו די פארשידענע שעפּער. יעדע קאָמיטע איז באשטאנען פון צעהן־פופצעהן קלאָוק־ארבייטער, מענער און פרויען. דיזע קאָמיטעס פלעגען יעדען פארנאכט געהן צו אַן אַנדער פעקטאָרי־בילדינג, וואו מען האָט געארבייט קלאָוקס, און אזוי שנעל ווי די קלאָוק־מאכער פלעגען ארונטערקומען פון שאַפּ פלעגען די קאָמיטעס זיי ארומרינגלען און מיט זיי אזוי לאַנג טענה׳ן, ביז זיי פלעגען איינוויליגען צו געהן אין דער קאָמיטע צום מיטינג, וואו מען האָט זיי געמאכט פאר יוניאָן־לייט. די דאָזיגע מעטאָדע האָט זעהר גוט געארבייט. די ערשטע פּאָר טעג האָבען דיזע „קאָמיטעס“ שווער געארבייט, וויל די קלאָוק־מאכער האָבען ניט אזוי לייכט געוואָלט געהן אין דער 4טער סטריט, צו דער פארזאַמלונג. די ארבייטער פון אַלע קלאָוק־שעפּער האָבען זיך אָבער שנעל דערוואוסט, אז די יוניאָן געהט ארייננעהמען אַלע קלאָוק־מאכער אָהן אויסנאַהמע אין איהרע רייהען און דאָס האָט שטארק אַפּעלירט צו די ארבייטער.

די קלאָוק־מאכער איז שטארק געפעלען געוואָרען עולה רגל צו זיין אין דער 4טער סטריט, און א ביסעל שפּעטער האָט די יוניאָן שוין ניט געדארפט מעהר שיקען קיין קאָמיטעס צו די שעפּער. די קלאָוק־מאכער זיינען שוין אַליין געקומען יעדען טאָג מאַסענווייז אין דער 4טער סטריט צו ווערען יוניאָן־לייט און צוגרייטען זיך צום דזשענעראַל סטרייק. אַלעס וואָס די יוניאָן איז געווען געצוואונגען צו טאָן איז צו דינגען גענוג פאר־זאַמלונגס־האַלס אום צו געבען א געלעגענהייט די ארבייטער זיך איינצושרייבען אין דער יוניאָן.

די 4טע סטריט איז דאַן געווען באַלאַגערט פון קלאָוק־מאכער, און עס האָט גענומען בלויז איניגע וואָכען און דער גרעסטער טייל קלאָוקמאכער זיינען שוין געווען מיטגלידער פון דער יוניאָן.

די יוניאָן האָט דאַן ארויסגעגעבען אַן אייגענע וועכענטליכע צייטונג, די „נייע פּאָסט“, אין וועלכער מען האָט פיל געשריבען

וועגען דעם קומענדען דזשענעראל סטרייק. איך פלעגט דאָרט באריכטעט ווערען וועלכע שעפּער עס זיינען שוין אין דער יוניאָן און פון וועלכע שעפּער די ארבייטער זיינען נאָך ניט געקומען צו דער יוניאָן. דאָס האָט געארבייט וואונדערבאר. ביז ענדע פון מאי מאָנאַט האָט שוין די קלאָוק מאכער יוניאָן געהאַט די גרעסטע צאָהל ארבייטער פון טרייד אין דער יוניאָן.

מיט א קורצער צייט איידער די יוניאָן האָט גערארפט ארויס־רופען יענעם דזשענעראל־סטרייק בין איך געווען אנוועזענד ביי א פאַרזאַמלונג פון קלאָוקמאכער אין דער 2טער סט. צום מיטינג זיינען געקומען נאָר אַזעלכע קלאָוק־מאכער, וועלכע האָבען זיך פאַר די לעצטע 20 יאָהר צייט געהאַט פּאַרזינדיגט געגען דער קלאָוק־מאכער יוניאָן. ווער פון זיי עס האָט געסקעבט, ווער עס האָט ניט געפּאָלגט די יוניאָן און פילע פון זיי זיינען געווען שטראַפּירטע קלאָוק־מאכער, וואָס האָבען ניט אויסגעפאָלגט דעם באשלוס פון דער יוניאָן.

איך האָב נאָר געוואָלט וויסען, ווי אזוי די סעקרעטערע, וועלכע האָבען איינגעשריבען די נייע מיטגלידער, האָבען עס גע־וואוסט ווּעמען צוריקצואווייזען אין אַזאַ צייט ווען צעהנדליגע טויזענדער קלאָוק־מאכער זיינען אויף איינמאָל געוואָרען יוניאָן־לייט.

— נעווער מיינד. ביים איינשרייבען נייע מעמבערס האָבען מיר שטענדיג אַזעלכע קלאָוק־מאכער, וועלכע קענען אַלע יענע „פויגלען”, — האָט מיר געענטפערט דער סעקרעטער.

ארום ניין אזייגער האָט די קאָמיטע פון דער יוניאָן געעפענט אָט דעם פּיקאַנטען מיטינג. מען האָט גענומען רופען נעמען, און עס זיינען אריינגעקומען „פאַרשוינען”. יענע סצענען, וואָס איך האָב דאָן געזעהן, קען איך ניט פאַרגעסען. אָט קומט אריין אין צימער א געשטופּעלטער אידעל מיט א געלער באָרד און ער פאַלט גלייך די מיטגלידער פון דער קאָמיטע צו די פיס, בעטענ־דיג זיי רחמים אַז זיי זאָלען איהם מוחל זיין די עולות, וואָס ער איז באַגאַנגען געגען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. אזוי זיינען זיי,

די אַלע זינדיגע קלאָוקמאַכער, אַרײַנגעקומען אײַנער נאָכ'ן צווייטען, און מען האָט זיי גע'משפט, אָבער — מיט רחמנות.

דעם 10טען יוני 1910 האָט די אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אָפּגעהאַלטען אין באָסטאָן, מאַסס., אַ קאָנוועגשאָן, וואו עס איז אינדאָסירט געוואָרען דער דזשענעראַל סטרייק פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן. ביי דער קאָנוועגשאָן איז ערוועהלט געוואָרען אַ סטרייק־קאָמיטע פון 45 פּערזאָן, צו 5 פון יעדען פון די 9 לאָקאַלס. דיזע קאָמיטע האָט אויסגעאַרבייט די פאָדערונגען. די וויכטיגסטע פּונקטען זיינען געווען: 8 שטונדען אַ טאָג אַרבייט, אַנערקענונג פון דער יוניאָן, די אָפּשאַפונג פון אינסייד־קאָנטראַקטינג און פון שטיק־אַרבייט א. אז. וו. אין דער קאָמיטע צו באַשטימען דעם טאָג פון דעם סטרייק זיינען ערוועהלט געוואָרען: דזשאָהן א. דייטש, א. ראָזענבערג און ס. פּאָליאַקאָף.

דעם 28טען יוני איז פאָרגעקומען אַ ריזיגער מאַס־מיטינג פון קלאָוק־מאַכער אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען. דער ריזיגער האָל איז געווען געפּאַקט מיט קלאָוק־מאַכער און נאָך מעהר מענשען זיינען אַוועק צוריק, ווייל זיי האָבען ניט געקענט אַריינקומען. צווישען די רעדנער דאָן זיינען געווען אב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", און סעמיועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל.

אין אייניגע טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען אין פילע האָלס אַן אָפּשטימונג פון די קלאָוק־מאַכער צי מען זאָל אַרויס אין סטרייק אָדער ניט. נייַנצעהן טויזענד שטימען זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר אַ סטרייק, און בלויז אַרום זעקס הונדערט געגען אַ סטרייק.

דער דזשענעראַל סטרייק פון די קלאָוק־מאַכער איז ערקלעהרט געוואָרען דאָנערשטאָג, דעם 7טען יולי, 2 אוהר ביי־טאָג. עס האָט גענומען אַ וואָך צייט, און אַרבייטער פון די ליידיס גאַרמענט שעפּער זיינען יעדען טאָג אַרונטער אין סטרייק. אויסער די קלאָוק־ און סקוירט־מאַכער, וועלכע זיינען גלייך דעם ערשטען טאָג אַלע אַרונטער, האָבען אויך פאַרלאָזען

די שעפּער אַלע ריינקאָוט־מאַכער, איינינגע טויזענד אַלטעריישאָן־שניידער, וועלכע אַרבייטען אין די גרעסטע דעפּאַרטמענט־סטאָרס. אין גאַנצען זיינען דאַן אַרונטער אין סטרייק ביז אַ זיבעציג טויזענד ליידיס גאַרמענט אַרבייטער.

אזוי שנעל ווי אַלע קלאָוק־מאַכער זיינען אַרונטער אין סטרייק איז גלייך אויפגעשוואומען אַ שווערע פּראָבלעמע וועגען די אַרבייטסלאָזע קלאָוק־מאַכער, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שאָפּ, צו וועלכען זיי זאָלען האָבען באַלאַנגט. מען האָט דיזע אַרבייטער אַ נאָמען געגעבען „יתומים“ און די קלאָוק־מאַכער יוניאָן האָט געטרייעט דאָס בעסטע פאַר זיי עפּעס צו טאָן. זעהר אַ שווערע אויפגאַבע האָט די יוניאָן געהאַט מיט די טויזענ־דער איטאַליענער, וועלכע האָבען געאַרבייט אין טרייד און וועלכע האָבען וועניג געוואוסט וועגען אַ יוניאָן. ביי די איטאַליענער זיינען אויך געווען „יתומים“, וועלכע זיינען געווען „שווערע פאַ־סאַזשירען“ פאַר דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן. עס איז געווען צו באַוואונדערען די מערקווירדיגע דיסציפּלין, וואָס האָט געהערשט צווישען די קלאָוקמאַכער און אויך די סאָלידאַריטעט צווישען די אידישע און איטאַליענישע קלאָוק־מאַכער. איבערהויפּט האָט זיך אַרויסגעצייגט דער ברידערליכער גייסט פון די אַרבייטער ביים פּיקעטען די סטרייקענדע שעפּער.

אין צייט פון יענעם קלאָוק־מאַכער־סטרייק זיינען מיר אַמאָל געגאַנגען אַהיים פון אַ סטרייק־קאָמיטע־מיטינג, וואָס פלעגט פאָרקומען יעדער נאַכט נאָך 12 אַזייגער אין וויקטאָריאַ האָל, 27טע סטריט און בראָדוויי. מיר זיינען אַרויף אויף 5טע עוועניו אין קלאָוקס־דיסטריקט. דאָרט איז געווען שטיל און פינסטער, ווי אויף אַ בית־עולם. אַלעס וואָס מיר האָבען געזעהן אַרום זיך איז הויכע מויערען. אָבער אַט געהען מיר צו נעהנ־טער צו אַ בילדינג און מיר טרעפען דאָרט אַ פּאָר קלאָוק־מאַכער, וועלכע האָבען דאָרט אַ גאַנצע נאַכט געפּיקעט די בילדינג כדי עס זאָלען זיך אין מיטען נאַכט ניט קענען אַריינכאַפּען אַהין אַ פּאָר סקעבס. מיר זיינען געגאַנגען פון איין בילדינג צו דער צווייטער און איבעראַל האָבען מיר געטראָפען קלאָוק־אַרבייטער

פּיקעטען די בילדינגס. איינער פון דער סטרייק־קאָמיטע האָט אונז ערקלעהרט, אַז די פּיקעטס בייטען זיך אַלע דריי שטונדען, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט.

די פּאַרשיידענע רעפאָרמערס, די „סעטעלמענט וואָירקערס", האָבען אין צייט פון דעם קלאָוק־מאַכער סטרייק אויך ניט גע־רוהט. זיי האָבען גלייך געזוכט צוזאַמענצוברענגען אויף אַ קאָנ־פערענץ די רייכע קלאָוק־מאַנופעקטשורערס, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַן אַסאָסיאיישאָן, מיט דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן אום צו פאַרהאַנדלען וועגען אַ סעטעלמענט פון דעם סטרייק. אויף דער דריטער וואָך פון סטרייק האָט דר. הענרי מאָסקאָוויץ, אַ באַקאַנטער איסט סיידער רעפאָרמער און פּשרה־מאַכער זיך מטריח געווען און אַראָפּגעבראַכט אַהער פון באָסטאָן דעם יעצ־טיגען ריכטער פון יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט, לואיס ד. בראַנדייס, וועלכער איז דאַן געווען אַן איינפלוסרייכער לאָיער, כדי מיט זיין הילף צוזאַמענצוברענגען ביידע צדדים צו אַ סעטעל־מענט.

די קלאָוק־מאַכער יוניאָן האָט גלייך אויף דער צווייטער וואָך פון סטרייק געמאַכט אין וויקטאָריא האָטעל אַ ביוראָ פאַר סעטעלמענטס מיט קלאָוק־פאַבריקאַנטען. אָבער דאָס זיינען גע־ווען די קלענערע, אָרימערע פאַבריקאַנטען. די רייכע, די גרויסע פאַבריקאַנטען האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען און זיי פּלעגען אַרויסלאָזען טעגליכע סטייטמענטס אין דער ענגלישער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, אין וועלכע זיי האָבען געזוכט פאַר־צושטעלען, אַז דאָס האָבען יאַקבי „וואָקינג־דעלעגאַטען" אַרויס־גערופען אַ סטרייק פאַר זייער אייגענעם בענעפיט. די רייכע קלאָוק־מאַנופעקטשורערס האָבען גענומען פאָדערען פון קאָורט אינדזשאָנקשאָנס געגען דער יוניאָן און זיי האָבען זיי געקראָגען אויך, אָבער קיין קלאָוקס האָבען זיי ניט געקענט מאַכען מיט זייערע אינדזשאָנקשאָנס.

גענאָסע מאיר לאָנדאָן, וועלכער איז פון אימער אָן געווען דער לאָיער פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן, איז אין יענעם גרויסען

גענעראל־סטרייק פון די קלאָוק־מאַכער געווען פאקטיש דער אמת'ער פיהרער פון סטרייק.

די לאָיערס פוןביידע צדדים: גענאָסע מאיר לאָנדאָן, פון דער יוניאָן, און א געוויסער דזשוליוס העגרי קאָהען, דער לאָיער פון די רייכע קלאָוק־מאַנופעקטשורערס, האָבען אראנזשירט די ערשטע קאָנפערענץ צווישען ביידע צדדים. פון די ארבייטערס' צד זיינען געווען אלע פיהרער פון דער יוניאָן צוזאמען מיט גע־נאָסע שלעזינגער, וועלכער איז דאַן געווען דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס"; פון די קלאָוק־מאנופעקטשורערס זיינען געקומען די גרעסטע באלעבאַטים פון טרייד. אָבער נאָכגעבען האָבען די קלאָוק־באָסעס געוואָלט זעהר ווייניג. לואיס ד. בראַנדייס האָט דאַן צום ערשטען מאָל פאָרגעלעגט זיין „פרעפערענשיאל יוניאָן־שאָפּ", וואָס דאָס האָט געזאָלט באדייטען, אז ווען צו א באָס קומען צוויי ארבייטער בעטען א דזשאָב, זאָל דער באָס פריהער נעהמען דעם יוניאָן־מאַן צו דער ארבייט.

די פארטרעטער פון די קלאָוק־מאַכער איז עס ניט געפעלען געוואָרען, און פון דער ערשטער קאָנפערענץ איז גאָרניט ארויס־געקומען. די באָסעס האָבען ווידער גענומען אינדזשאַנקשאָנס און די פאָליציי האָט געטריבען, געשלאָגען און ארעסטירט די פיקעטס פון די סטרייקערס.

אויף דער 4טער וואָך פון סטרייק האָבען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, די „פאָרווערטס"־אסאָסיאיישאָן צוזא־מען מיט'ן ארבייטער רינג איינבארופען א קאָנפערענץ צו שאַפען שטיצע פאר'ן סטרייק. ב. שלעזינגער איז ערוועהלט געוואָרען אלס טרעזשורער, ש. בולגאַטש פון ארב. רינג אלס טשערמאַן און ב. וויינשטיין פון די געווערקשאפטען אלס סעקרעטער. דיזע באאַמטע האָבען פארעפענטליכט אַן אויפרוף פאר געלד־שטיצע, און עס האָט גענומען אָנקומען געלד פון גאנצען לאַנד.

די אלע עקזיסטירענדע יוניאָנס, סיי די אידישע, סיי די קריסטליכע, אלע האָבען געגעבען מיט א ברייטער האַנד. דער „פאָרווערטס" אליין האָט געעפענט דעם פאָנד מיט א ביטראג פון עטליכע טויזענד דאָלאר. מען האָט געזאמעלט געלד אין

יעדען לאָדזש. פון די ארבייטער רינג ברענטשעס איז שוין אָפּ־געגרעדט. אַ האַלבער אַרב. רינג איז דענסטמאָל באַשטאַנען פון קלאָוק־מאַכער. אויף יעדער שמחה אין די טענעמענט־הייזער האָט מען געזאַמעלט פאַר׳ן קלאָוק־מאַכער סטרייק, און אַלעס איז געגאַנגען דורך דעם „פאָרווערטס״, דורך די געווערקשאַפטען און דורך דעם אַרבייטער רינג.

די פשרה־מאַכערס האָבען אויך ניט גערוהט. זיי האָבען געזוכט שלום: סטייטש, אידישע אַרבייטער, אידישע באַלע־באַטים, צוויי הונדערט טויזענד אַרבייטער־נפשות סטרייקען געגען פופצעהן הונדערט באָסעס. מען האָט צו די סעטעלמענט־ביזנעס צוגעצויגען אויסער לאָיער בראַנדייס׳ן אויך דעם באַ־וואוסטען אידישען כלל־טוער לואיס מאַרשאַל. ביים צווייטען קאָנפערענץ האָבען די קלאָוק־באָסעס שוין נאָכגעגעבען 52 שטונ־דען אַ וואָך אַרבייט. די יוניאָן האָט געפאָדערט 48 שעה. די כלל־טוער האָבען צוגעגעבען, אַז די קלאָוק־פאַבריקאַנטען וועלען שוין אַנערקענען פּרייז־קאָמיטעס אין די שעפּער און אויב מען וועט זיך ניט קענען אייניגען זאָל עס אַרביטרירט ווערען. די פאַרטרעטער פון די סטרייקערס האָבען איינגעוויליגט עס פאָר־צולעגען פאַר אַלע סטרייקענדע קלאָוק־מאַכער צו אַן אָפּשטימונג, אויב די אַרבייטער זיינען צופרידען אָנצונעהמען די אַלע פונק־טען. און אויך דעם נייעם פונקט פון אַ „פּרעפערענשיאַל״ שאָפּ, וועלכען לאָיער בראַנדייס האָט אריינגעבראַכט.

די פיהרער פון סטרייק האָבען גערופען אַלע סטרייקער צו די פאַרזאַמלונגען אום פאַר זיי פאָרצולעגען דעם באַריכט וועגען סעטעלמענט און אויב זיי, די אַרבייטער, ווילען איהם אָננעהמען.

דאָס איז פאָרגעקומען דעם 27טען אויגוסט. אין אַלע האָלס, וואו די סטרייקענדע קלאָוק־מאַכער האָבען זיך פאַרזאַ־מעלט, האָט אויסגעזעהן ווי צו כל־נדרי, און מיט שטורם איז דער סעטעלמענט פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט קלאָוק־מאַכער צוריקגעוויזען געוואָרען. גלייך ווען דיזע פאַרזאַמלונגען האָבען זיך געשלאָסען האָבען אַלע קלאָוק־סטרייקערס אַוועקגעמאַרשירט צום „פאָרווערטס״ צו דעמאָנסטרירען פאַר זייער פּרעסע, אַז זיי

זיינען ענטשלאָסען צו קעמפען, ביז זיי וועלען קריגען מעהר מענשליכע קאָנדיציאָנען ביי זייער אַרבייט.

די רייכע קלאָוק־מאַנופעקטשורערס האָבען דאַן אויפ'ן צוויי־טען טאָג ארויסגעקראָגען פון קאָורט אַן אינדזשאַנקשאָן, וואָס האָט פארבאָטען דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן צו צאָהלען שטיצע די נויט־לײדענדע סטרייקערס. דאָס איז געטאָן געוואָרען אום די סטרייקערס איינצושרעקען. דער „פאָרווערטס" האָט גלייך ארויסגעלאָזט אַן עקסטרא, אַז פון יעצט אָן וועט דער „פאָר־ווערטס" אויסצאָהלען דעם סטרייק־בענעפיט צו די סטרייקערס.

דאָס האָט געבראַכט אַ דריטע קאָנפערענץ מיט די קלאָוק־באָסעס און ביי יענער דריטער קאָנפערענץ איז מיט דער הילף פון די צוויי כלל־טוער בראַנדייס און מאַרשאַל דער סטרייק גע־סעטעלט געוואָרען. די באָסעס האָבען נאָכגעגעבען 50 שעה אַ וואָך אַרבייט, פרייז־קאָמיטעס, גריוועגס־קאָמיטעס צו שליכטען אַלע סכסוכים, 10 געזעצליכע יום־טובים אַ יאָהר, א. אַז. וו.

דאַן איז געשלאָסען געוואָרען דער באַריהמטער „פּראָטאָ־קאָל" — אַזאַ מין קאָנטראַקט צווישען ביידע צדדים, וואָס האָט אויך ענטהאלטען בראַנדייסעס פונקט וועגען דעם „פּרעפערענ־שעל"־שאָפּ מיט אַ טשיף־קלוירק פון דער יוניאָן און אַ טשיף קלוירק פון דער קלאָוק־מאנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, וועלכע זאָלען אויסגלייכען אַלע סכסוכים צווישען די באָסעס און דער יוניאָן, און אויב זיי וועלען זיך ניט אייניגען, זאָל עס פאָרקומען פאַר אַ שידעס־געריכט. לאָיער בראַנדייס האָט דאַן אָנגענומען צו זיין דער פּאָרזיצענדער פון דעם שידעס־געריכט.

אזוי איז דאַן געסעטעלט געוואָרען דער גרויסער קלאָוק־מאכער־סטרייק פון די 50 טויזענד אַרבייטער אין ניו יאָרק. עס איז געווען פרייטאָג, דעם 2טען סעפּטעמבער, 1910.

די שמחה, וואָס עס האָט געהערשט יענעם אָוועגד אין יעדער אידישער אַרבייטער־הויז איז געווען גאָר אָהן אַ גרענעץ.

דאָס איז אייגענטליך געווען דער אמת'ער געבורטס־טאָג פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 50 טויזענד אַרבייטער. דער געווינס איז געווען ניט בלויז אַ געווינס פאַר

קלאָוקמאַכער, נאָר פּאָר די איבעריגע אידישע אַרבייטער פון אַלע פּאַכען אַרבייט. גלייך נאָך דעם זיג פון די קלאָוקמאַכער האָבען אין אַלע אידישע טריידס גענומען אויסוואַקסען יוניאָנס, ווי שוועמלאַך נאָך אַ רעגען, און פון דאַן אָן איז די אידישע טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין אַמעריקא געוואָרען שטאַרק און פעסט ווי אַ פעלז.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט אָנגעהאַלטען איינינגע יאָהר דעם „פּראָטאָקאָל". די טשיף קלוירקס אָבער האָט די יוניאָן אַלע מאָל געדאַרפט בייטען. אין יאָהר 1913 איז דר. יצחק אייזיק הורוויטש געוואָרען דער טשיף קלוירק פון דער יוניאָן אויף צו האַנדלען לויט'ן פּראָטאָקאָל מיט די קלאָוק־מאַנופעק־טשורערס. אין אַ האַלב יאָהר ארום ווי דר. הורוויטש איז אריין אין אַמט האָבען זיך אָנגעפאַנגען רייבונגען אין דער יוניאָן בנוגע זיין טאַקטיק אַלס טשיף־קלוירק. די באַאַמטע פון דער אינטער־נעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן האָבען גע'טענה'ט, אַז דר. הורוויטשעס פּלענער און פּאָליסים זיינען פון אַ טרייד־יוניאָניסטישען שטאַנדפּונקט ניט פּראַקטיש. פּאַר דר. הור־וויטשעס טאַקטיק האָט געהאַלטען לאָקאַל 1, אָפּרייטאָרס יוניאָן. די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל און פון דזשאָינט באָארד זיינען געווען געגען דר. הורוויטשעס פּלענער. דאָס האָט פּאַר־אורזאַכט אַ גרויסען טומעל אין דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן צווי־שען דער גרויסער מאַסע מיטגלידער.

עס האָט זיך דאַמאָלס אויך געהאַנדעלט וועגען אַ סכסוך מיט די קלאָוק־פאַבריקאַנטען וועגען דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי דר. הורוויטש האָט געהאַנדעלט געגען זיי, און עס איז געווען אַ געפאַהר, אַז אויב דר. הורוויטש זאָל ווייטער פאַרבלייבען אין דער יוניאָן, קען עס קומען צו אַ נייעם גענעראַל־סטרייק. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז יצחק אייזיק הורוויטש זאָל רעזיגנירען פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. גלייכצייטיג מיט איהם האָבען אויך רעזיגנירט אַנדערע באַאַמטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

צוליב דיזע שטרייטיגקייטען זיינען ביי דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל, אין קליוולענד, אין יאָהר 1914,

גלייך נאָך דער „הורוויטש־געשיכטע", די אַלטע פיהרער פון דער אינטערנעשאָנאַל געצוואונגען געוועזען צוריקציהען זיך פון זייערע עמטער. אויף זייער אָרט זיינען ערוועהלט גע־וואָרען: אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, ב. שלע־זינגער, און אַלס סעקרעטער־טרעזשורער, מאָריס זיגמאַן. דער לעצטער האָט אָבער גאָר אין גיכען רעזיגנירט פון זיין אַמט און אויף זיין פּלאַץ איז ערוועהלט געוואָרען אב. באַראָף. שלע־זינגער האָט פאַרנומען דעם אַמט אין פאַרלויף פון 9 יאָהר צייט. אונטער זיין אַדמיניסטראַציע האָט די אינטערנעשאָנאַל דורכ־געמאַכט פילע גרויסע קעמפפע אין אַלע וויכטיגסטע צענטרען פון דער לײַדיס גאַרמענט וואָירקערס אינדוסטריע, און די אינטער־נעשאָנאַל איז געוואָרען איינע פון די וויכטיגסטע און שטאַרקסטע יוניאָנס אין דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר. זי פאַר־מאָגט איצט גרויסע, שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס איבער'ן לאַנד מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון ארום 125 טויזענד.

דער גענעראַל־סטרייק פון די פאָריער ארבייטער אין 1912.

די ערשטע פאָר (פוטער)־ארבייטער יוניאָן פון דייטשע ארבייטער איז אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען נאָך אין יאָהר 1884. די אינדוסטריע איז אָבער דאַן נאָך געווען אזוי קליין, אַז אין איהר זיינען געווען באשעפטיגט בלויז עטליכע הונדערט ארבייטער. דער אַמעריקאַנער מיטעל־קלאַס האָט ניט געטראָגען קיין פוטער־וואַרג. פון ארבייטער איז שוין אָפּגערעדט. וואָס אנבאַלאַנגט די גאָר רייכע, פלעגט מען פאר זיי מאַכען פוטערנע מאַנטלען ביי די רייכע קאָסטאָמער־שניידער, אָדער מען פלעגט פאר זיי גאָר ברענגען פון אייראָפּא פאַרטיגע פוטערוואַרג.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען געגריג־דעט די ערשטע אידישע פאָריערס יוניאָן אין 1892טען יאָהר. דעמאָלט זיינען שוין געווען אַ טויזענד ארבייטער אין פאַך. די אַלע ארבייטער פון טרייד זיינען ארויס אין אַ גענעראַל־סטרייק פאר אַן 8־שטונדען ארבייטס־טאָג, און אזוי ווי עס איז געווען

א סך ארבייט, האט מען יענעם סטרייק אויך געוואונען. אבער צום נעקסטען סיזאן, ווען עס איז אנגעקומען א קריזיס אין לאנד, איז די פאריערס יוניאן אונטערגעגאנגען.

13 יאהר צייט האבען די אידישע פאריערס נאכדעם קיין יוניאן ניט געהאט. בלויז די דייטשע ערשט־קלאסיגע פוטער־צושניידער האבען אימער געהאט א יוניאן פון א פאר הונדערט ארבייטער. אין יאהר 1905, ווען דער פוטער־טרייד איז שוין געווען צימליך גרויס און ביים טרייד האבען געארבייט פילע פון די ניט־לאנג־אריבערגעקומענע פון רוסלאנד אידישע רעוואלוציא־נערע עמיגראנטען איז דאן געגרינדעט געווארען פון די פאר־אייניגטע אידישע געווערקשאפטען נאך א מאל א אידישע פאר־יערס יוניאן. די יוניאן האט צוויי יאהר געארבייט צו ארגא־ניזירען דעם פאך און זי איז אונטערגעגאנגען.

אין יאהר 1907 האט זיך ווידער געגרינדעט א יוניאן פון די אידישע פאריערס. עס איז ארויסגערופען געווארען נאך א מאל א סטרייק — אנדערע האבען עס גערופען א לאקאוט — און די ארבייטער האבען ווידער פארלארען.

ערשט נאכדעם ווי די קלאוק־מאכער האבען געוואונען דעם גרויסען גענעראל־סטרייק, האבען די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאפטען ווידער גערופען א מאס־מיטינג פאר די פאריערס און א יוניאן איז דאן געגרינדעט געווארען. דער פיהרער פון דער פאריערס יוניאן איז דאן געווען גענאסע איזידאר קאהן, וועלכער האט מיט דער הילף פון די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאפטען ערפאלגרייך ארגאניזירט דעם פאך. דעם 20טען יוני 1912 האט די יוניאן ארויסגערופען א דזשענעראל־סטרייק פון אלע ארבייטער פון טרייד. צו יענער צייט זיינען שוין געווען אין טרייד ניין טויזענד פאריערס, כמעט אלע אידישע ארביי־טער, מיט דער אויסנאהמע פון א ביסעל דייטשען. יעמאלט זיינען שוין אין פאך געווען 744 פאר־פאבריקאנטען. ניינציג פראצענט פון זיי זיינען אויך געווען אידען.

יענער דזשענעראל סטרייק פון די פאריערס האט אנגע־

האַלטען 12 וואָכען צייט. עס איז געווען אַ שווערער קאַמף. די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען מיט'ן "פאָרווערטס" האָבען ווידער געזאַמעלט שטיצע פאַר זיי. אַלע אידישע יוניאָנס האָבען דאַן מיט אַ פולער האַנד געשטיצט די סטרייקערס. איבערהויפּט האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן זיי פיל געהאָלפען. די געווערקשאַפטען האָבען אַראַנזשירט ספּעציעלע „טעג־דיים“ פאַר די סטרייקער. הונדערטער סטרייקערס זיינען אַרומגעגאַנגען מיט בלעכענע פושקעס און מען האָט געזאַמעלט געלד אין די גאַסען פאַר די סטרייקערס, ביז ענדליך, דעם 8טען סעפּטעמבער, 1912, האָבען צוויי פון די דאַן עקזיסטירענדע פאַר־פאַבריקאַנטען אַסאָסיאיישאָנס אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן, נאָכגעבענדיג 48 און 49 שטונדען אַ וואָך אַרבייט אָנשטאָט 54. בלויז צווייערליי פרייזען פון שכירות אַ יאָהר, אָנשטאָט דריי פרייזען. ביז דאַן האָבען די באַלעבאַטים געצאָהלט זייערע אַרבייטער דורכ'ן יאָהר דרייערליי שכירות: ווען עס איז געווען דער בּרען פון סיזאָן — גרעסערע ווייזשעס, ווען עס איז געווען וועניגער אַרבייט — קלענערע שכירות, און ווען עס איז געווען נאָר אַ ביסעל אַרבייט האָבען די אַרבייטער געקראָגען זעהר קליינע שכירות פאַר זייער אַרבייט. אין דעם דזשענעראַל סטרייק אין 1912 האָט די יוניאָן אויסגעפיהרט, אַז עס זאָלען זיין בלויז צווייערליי שכירות אַ יאָהר, אָנשטאָט דרייערליי, און שפּעטער האָט די פאָריערס־יוניאָן דורכגעפיהרט איין באַשטימטען פּרייז פאַר אַלע צייטען פון יאָהר. אין יאָהר 1913, ווען די ניו יאָרקער פאָריער־יוניאָן איז געוואָרען אַ שטאַרקע יוניאָן און עס האָבען זיך שוין אָרגאַניזירט פאָריער־יוניאָנס אויך אין די אַנדערע שטעדט איז געגרינדעט געוואָרען די פאָריערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן פון די אַלע לאָקאַלע יוניאָנס פון לאַנד.

די פאָריער־יוניאָן איז יעצט אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אין פאַרלויף פון די 12 יאָהר פון איהר עקזיסטענץ באַדייטענד פאַרבעסערט די לאַגע פון אַלע אַרבייטער פון דער אינדוסטריע.

די אידישע פײנטערס יוניאָן און די אָרגאַניזירונג פון די אַלע קלענערע אידישע יוניאָנס.

אין יאָהר 1913 זײנען שוין אין די פאַראײניגטע אידישע געווערקשאַפטען געווען פאַרטראָטען 104 אידישע לאָקאַלע יוניאָנס. פון זײ זײנען געווען א 30 פון פרויען־קלײדער־פאַך (לײדיס גאַרמענט טרײדס). דער אָפּיס פון די געווערקשאַפטען פלעגט שטענדיג זײן באַלאַגערט מיט פרויען און מענער, וועלכע פלעגען קומען בעטען מען זאָל זײ אָרגאַניזירען, ווײל זײערע פרײנד, וועלכע האָבען געאַרבײט אין די אָרגאַניזירטע טרײדס, האָבען שוין פאַרדינט גוטע שכירות און געאַרבײט קירצערע שטונדען.

אין יאָהר 1913 איז געלונגען צו אָרגאַניזירען די װהײט־גודס (פרויען־אונטערוועש) אַרבײטער, וועלכע האָבען דורכגעפיהרט אַן ערפאָלגרײכען גענעראַל־סטרײק. דיזע יוניאָן האָט דאַן געצעהלט בײ אַ זיבען טויזענד מיטגלידער, דאָס רוב פון זײ יונגע מײדלאַך.

אין זעלבען יאָהר זײנען אויך אָרגאַניזירט געוואָרען שטאַרקע יוניאָנס פון פאָלגענדע פאַכען: לעדער־אַרבײטער, טאַפּעצירער, שטריקערס, ליולקע־מאַכערס, לאָנדרי־ (וועשערײען) אַרבײטער, בלעכער, אײזען־אַרבײטער, קאַמאַשען־שטעפּערס, באַרבירער, בוטשערס־אַרבײטער, מאַטראַצען און בעד ספּרינג־אַרבײטער, שמאַטע־סאָרטירער, פּאַראַסאָלען אַרבײטער, אַלע טעאַטער אָנגעשטעלטע, רעסטאָראַנט װײטערס און אַ האַלבער טוץ יוניאָנס פון קלוירקס (פריקאַזטשיקעס) פון פאַרשײדענע געשעפטען.

איך האָב ניט די מעגליכקײט צו באַשרײבען די געשיכטע פון די אַלע אויסגערעכענטע קלענערע יוניאָנס, וואָס זײנען אין משך פון די יאָהרען 1909—1913 אָרגאַניזירט געוואָרען, אָבער וועגען אײן יוניאָן מוז איך זיך אָפּשטעלען אַ ביסעל לענגער. דאָס איז וועגען דער יוניאָן פון די אידישע פּײנטערס (מאַליאַרעס).

די אַלגעמיינע פּיינטערס יוניאָן איז איינע פון די עלטסטע אין אַמעריקא. דער „אינדעפּענדענט דייטשער פּיינטער־פּאַראיין" פון ניו יאָרק האָט דאָ ניט לאַנג געפּייערט זיין 50־יעהריגען געבורטסטאָג. אויסער דער אַלטער דייטשער יוניאָן האָט אין ניו יאָרק אין די 80יגער יאָהרען עקזיסטירט נאָך אַ פּיינטער־יוניאָן, וועלכע איז באשטאנען פון אַמעריקאַנער און איירישע ארבייטער. דיזע יוניאָן האָט באַלאַנגט צום אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר" און האָט זיך גערופען „די אמאַלגאמייטעד".

צו דער „אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר" האָט באַלאַנגט אַן אינטערנעשאָנאַל פּיינטערס יוניאָן, וועלכע האָט זיך גערופען „בראָדערהוד אָוו פּיינטערס און פּייפּער־הענגערס". די ניו יאָר־קער צוויי פּיינטערס יוניאָנס האָבען אָבער דאָן נאָך ניט באַ־לאַנגט צו דיזער „בראָדערהוד".

מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק האָבען די ניו יאָר־קער פּיינטער יוניאָנס, די דייטשע און די ענגלישע, זיך אָנגע־שלאָסען אָן זייער פאַרבאַנד, „די בראָדערהוד אָוו פּיינטערס".

די ערשטע אידישע פּיינטערס יוניאָן האָבען די פּאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געגרינדעט אין 1890 יאָהר. יענע יוניאָן האָט אָבער עקזיסטירט אַ קורצע צייט בלויז. אין יאָהר 1893 איז נאָך אמאָל אָרגאַניזירט געוואָרען אַ אידישע פּיינטער־יוניאָן. דיזע יוניאָן האָט שוין עקזיסטירט עטליכע יאָהר צייט.

אין די ערשטע אידישע פּיינטער־יוניאָנס זיינען געווען טעטיגע אַנאַרכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע פלעגען פאַרנעהמען פיל צייט ביי זייערע יוניאָן־מיטינגען מיט דעבאַטען וועגען אנארכיזם און סאָציאַליזם. דיזע אידישע פּיינטער־יוניאָן האָט אין 1896 געגרינדעט אַ פּאָליטישען „קאמפּיין־קלאָב" צו אר־בייטען פאַר די סאָציאַליסטישע קאנדידאַטען. שפּעטער זיינען יענע אידישע פּיינטער־ארבייטער אריינגעטראָטען אין די היגע לאָקאַלס פון דער בראָדערהוד, וועלכע האָט די אידישע פּיינטערס געגעבען אַן אייגענעם לאָקאַל, נומער 1011, וועלכער עקזיסטירט נאָך עד היום. צו יענער צייט האָבען די מיטגלידער פון לאָקאַל 1011

געארבייט אין די נייע געביידעס, וואָס מען האָט געבויט. אזוי ווי די בוי־אַרבייטער האָבען שטאַרקע יוניאָנס, האָבען זיי אויס־געפיהרט, אז ביי די נייע געביידעס זאָלען ארבייטען נאָר אזוינע פּיינטערס, וועלכע האָבען אַ יוניאָן־קאַרטע פון אַן אנערקענטער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן.

אין גרייטער ניו יאָרק זיינען שוין געווען אין 1910 אַ זיבען־אַכט טויזענד אידישע פּיינטער־אַרבייטער, וועלכע האָבען נים באלאַנגט צו דער „בראָדערהוד”. זיי האָבען דעריבער נים געקענט ארבייטען ביי די נייע הייזער, פלעגען זיי ארבייטען נאָר אין די וואוינונגען און געשעפטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אַלטע הייזער. די „בראָדערהוד אָוו פּיינטערס” לאָקאַלס האָבען זיך ווייניג אינטערעסירט מיט די פּיינטערס ביי דער „אַלטעריישאָן”־ארבייט.

די „אַלטעריישאָן” פּיינטער־אַרבייטער האָבען דעריבער אין יאָהר 1910 געגרינדעט אין האַרלעם אַן „אינדעפּענדענט אַלטע־ריישאָן פּיינטערס יוניאָן”.

דיזע נייע „אַלטעריישאָן”־יוניאָן האָט גלייך גענומען גרינ־דען ברענטשעס אָדער לאָקאַלס פון „אַלטעריישאָן”־פּיינטערס, אויף דער איסט־סייד, אין ברוקלין און בראָנזוויל און זאָגאר אין אנדערע שטעדט.

שפּעטער האָבען די „אַלטעריישאָן”־פּיינטערס יוניאָנס זיך געווענדעט צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען מען זאָל זיי אריינגעהמען אַלס מיטגלידער.

אזוי ווי אָבער אין יאָהר 1910 זיינען די מעהרסטע אידישע לאָקאַלע יוניאָנס שוין געווען פארבונדען מיט דער „אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר”, פלעגען ביי די מיטינגען פון די געווערק־שאַפטען פאָרקומען שטענדיג דעבאַטען, צי מען זאָל די „אַלטע־ריישאָן פּיינטערס” אריינגעהמען אין די געווערקשאַפטען. ענד־ליך האָבען די געווערקשאַפטען באשלאָסען זיי יע אריינצונעהמען, העלפען זיי אָרגאַניזירען אַלע ארבייטער פון פאַך און נאָכהער,

זעהן די אַלטערריישאַן יוניאָנס צו פּאראייניגען מיט דער „בראָדער־הוד אָוו פּיינטערס". דאָס איז אָבער געווען ניט אזא לייכטע זאַך.

די פיהרער פון יענער אַלטערריישאַן פּיינטערס יוניאָנס זיינען געווען די גענאָסען הערי לאַנג, מ. גאָפּט, פּ. צאוזמער, מ. גינז־בורג, א. אייווינס, מ. זילבערמאַן און אַנדערע.

אין 1912 האָבען די אַלטערריישאַן פּיינטערס יוניאָנס איינ־בארופען אין ניו יאָרק אַ קאָנווענשאַן, אויף וועלכער עס זיינען געווען פארטראָטען דעלעגאַטען פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, טאָ־ראָנטאָ, האָבאָקען און דזשוירזי סיטי. און אויף דעם פּאָרשלאַג פון די גענאָסען ה. לאַנג און מ. גאָפּט איז געענדערט געוואָרען דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע — פון „אַלטערריישאַן" אויף „אינטערנעשאָנאַל פּיינטערס און פּייפּער הענגערס יוניאָן". דער ערשטער דזשענעראַל־סעקרעטער פון דער פּיינטערס יוניאָן איז געווען גענאָסע לאַנג, און נאכהער, ווען ה. לאַנג האָט רעזיג־נירט, איז אויף זיין פּלאַץ ערוועהלט געוואָרען ד. דרויאַנאָוו.

אין אויגוסט 1913 האָט דיזע אינטערנעשאָנאַל יוניאָן דורכ־געפיהרט אַ גענעראַל־סטרייק, אין וועלכען עס האָבען זיך באַ־טייליגט 8,000 פּיינטערס. נאָך עטליכע וואָכען סטרייקען האָבען די ארבייטער געוואונען זייערע הויפּט־פאָדערונגען און עס איז געמאַכט געוואָרען אַ קאָלעקטיווער סעטעלמענט מיט די פּיינטער באָסעס אסאָסיאיישאָן.

אַ צווייטען ערפאָלגרייכען סטרייק האָבען די פּיינטערס דורכגעמאַכט אין סעפּטעמבער 1914.

דיזע אינטערנעשאָנאַל פּיינטערס און פּייפּער־הענגערס יוניאָן האָט געהאַט אין ניו יאָרק אַליין 5 לאָקאַלס, וועלכע האָבען געצעהלט ארום 8,000 מיטגלידער.

אין ענדע פון יאָהר 1914 האָט די אינטערנעשאָנאַל פּיינ־טערס יוניאָן געפיהרט פארהאַנדלונגען מיט די „בראָדערהוד" וועגען אַ פאראייניגונג און אין דעצעמבער 1914 איז פון ביידע יוניאָנס געוואָרען איין „בראָדערהוד".

עס איז כדאי צו באמערקען, אז די טעטיגע מיטגלידער פון דער אמאליגער „אינטערנעשאנאל“ זיינען יעצט די פיהרער פון די ניו יארקער „בראדערהוד“ לאקאלס און פון דעם ניו יארק דזשאינט קאונסיל אוו פיינטערס.

אלס רעזולטאט פון דער פאראייניגונג, איז אין ניו יארק איצט דער גאנצער פיינטער־פאך פאלשטענדיג ארגאניזירט. דאס איז הויפטזעכליך צו פארדאנקען די אידישע ארבייטער־באוועגונג.

די „רעוואלוציע“ פון די ניו יארקער שניידער ארבייטער אין יאהר 1913.

ווי איך האב שוין דערצעהלט אין די פריהערדיגע קאפיטלען, האט מען נאך מיט איבער 50 יאהר צוריק זיך אנגעשטרענגט צו ארגאניזירען די שניידער־ארבייטער. דאס האט זיך אין די פילע יאהרען קיינמאל ניט איינגעגעבען. דא און דארט פלעגט מען ארגאניזירען א שניידער־יוניאן. יעדען אנפאנג פון ברען־סיזאן פלעגט די שניידער־יוניאן רופען א „דזשענעראל סטרייק“, פלעגט סעטלען געוויסע שעפער, און נאכ'ן סיזאן פלעגט ווערען אויס יוניאן. ביים נייעם סיזאן פלעגט מען ווידער רופען א „גענעראל סטרייק“ מיט די זעלבע רעזולטאטען. איין גוטע זאך אבער האבען די אמאליגע שניידער־יוניאנס יע אויפגעטאן: נאך מיט יאהרען צוריק האט די שניידער־יוניאן איינגעפיהרט וואך־ארבייט אין געוויסע צווייגען פון פאך, אנשטאט ציל אדער שטיק־ארבייט. דאס איז אבער ניט געווען אין אלע ליינס ארבייט. ביי הויזען, וועסטען, קינדערהייזקעס און אנדערע ליינס האט מען די גאנצע צייט ווייטער געארבייט פון שטיק. דערפאר אבער זיינען די ארבייטער־שכירות אין אלע אפטיילונגען פון שניידער־פאך געווען קלאגעדיגע. די באהאנדלונג פון די שניידער אין די שעפער איז געווען כמעט אן אונמענשליכע. די שניידער־ארבייטער האבען שטענדיג געשריען, אז זיי קענען קיין לעבען ניט מאכען.

שלעכט איז געווען די לאגע פון די שניידער־ארבייטער, וואס האבען געארבייט אין די קליינע שעפער, אבער נאך פיל

ערגער איז געווען די לאַגע פון די אַרבייטער, וואָס האָבען גע־שקלאַפט אין די גרויסע קליידער־פאַבריקען, וואו עס זיינען געווען באַשעפטיגט פון פינף הונדערט ביז אַ טויזענד אַרבייטער אין איין שאַפּ. די שכירות זיינען געווען שרעקליך קליינע, היינט די געזעצען וואָס די מיליאָנערסקע פאַבריקאַנטען פלעגען אויף די ווענט פון זייערע שעפּער אויסקלעפּען זיינען פּשוט געווען ניט אויסצוהאַלטען.

די דעלעגאַטען פון די שניידער־לאָקאלס פלעגען ביי די פאַרזאַמלונגען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיך באַראַטען וועגען דער טרויעריגער לאַגע פון די שניידער־אַרביי־טער. ווען זיי האָבען געזעהן, אַז מען האָט דורכגעפיהרט אַזעלכע וואונדערבאַרע גענעראַל־סטרייקס אין דער ליידיס ווייסט, קלאָוק און אַנדערע אינדוסטריען, האָבען זיי גענומען פאָדערען, אַז מען זאָל זעהן עטוואָס טאָן אויף פאַר זיי.

די שניידער זיינען אויך ניט געווען צופרידען מיט זייער אינטערנעשאָנאַל, די „יונייטער גאַרמענט וואָירקערס“ (י. ג. וו.), וועלכע האָט, לויט זייער מיינונג, ניט געוואָלט מאַכען קיינע ערנסטע אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירען די שניידער־אינדוסטריע. די ניו יאָרקער שניידער־אַרבייטער האָבען אָבער ניט גערוהט. זיי האָבען נאָך אין יאהר 1907, מיט דער הילף פון די פאַר־איייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, ארויסגערופען גרויסע שאַפּ־סטרייקס. די ניו יאָרקער לאָקאַל יוניאָן, די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס“, האָט דאַן אַרונטערגענומען אין סטרייק אַ גרויסע צאָהל שעפּער. צווישען זיי האָבען זיך געפונען אייניגע לייבעל־שעפּער, וואָס האָבען געהאַט געסעטעלט פריהער מיט די „יוניי־טעד גאַרמענט וואָירקערס“ און האָבען געהאַט אַגרימענטס, און דערפאַר ווייל די שניידער־אַרבייטער האָבען ארונטערגענומען אין סטרייק די פאַר געסעטעלטע יוניאָן־לייבעל שעפּער האָט מען די אַלע טויזענדער סטרייקענדע שניידער אין מיטען קאַמף ארויס־געוואָרפען פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס“. דאָך איז יענער סטרייק אין אָנפאַנג געוואונען געוואָרען אין פילע שעפּער, אָבער צוליב דער שטערונג פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָיר־

קערס" האָבען שפּעטער די אַרבייטער אַלעס צוריק פאַרלאָרען. די „פּאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען" זיינען אין יענעם קאַמף געשטאַנען מיט די שניידער ביז'ן סוף.

די אָרגאַניזאַציע פון די ניו יאָרקער שניידער איז דאַן גע־שטאַנען אויסער די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס", דאָך האָט זי עקזיסטירט און געקעמפט.

די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" האָבען דאַן געגרינדעט אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן געגען יענער „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס". נאָך פילע רייבונגען צווישען די ביידע שניידער־יוניאָנס, האָבען זיי זיך אין 1908 ווידער פאַראייניגט אונטער די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס".

אין אָקטאָבער 1910 האָט אין ניו יאָרק ווידער אויסגע־בראָכען אַ גענעראַל־סטרייק פון שניידער מיט די פאָדערונגען פון 53 שטונדען אַ וואָך ארבייט. עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט ווידער געסעטעלט מיט 300 שעפּער. באַלד אָבער איז פון דעם זיג קיין זכר ניט געבליבען. די אורזאַכע פון דעם איז געווען, וואָס די שניידער זיינען ניט געווען גוט אָרגאַניזירט.

ענדע 1910 און אין אָנפאַנג 1911 האָבען אין שיקאַגאָ גע־סטרייקט ארום 40 טויזענד שניידער־ארבייטער. אין יענעם סטרייק האָבען זיך די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" גאַנץ ווייניג געמישט. יענער סטרייק איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון דער שיקאַגאָער טרייד־יוניאָן באַוועגונג מיט דער הילף פון די „רעפאָרמערס" און דער „וואָומענס טרייד יוניאָן ליג". די ניו יאָרקער שניידער־ארבייטער האָבען די שיקאַגאָער שניידער דאַן ווייניג געקענט העלפען, ווייל זיי אליין זיינען ניט געווען גוט אָרגאַניזירט. פון יענעם שיקאַגאָער שניידער־סטרייק האָט זיך בלויז אָפּגעשטעלט איין געסעטעלטע שניידער־פאַבריק, די באַ־ריהמטע פירמע „הארט, שאַפנער און מארקס", וועלכע האָט באַ־שעפטיגט פינף טויזענד ארבייטער. אין יענעם סטרייק איז עס סידני הילמאַן, דער יעצטיגער פרעזידענט פון דער „אמאַלגאַ־מייטעד קלאָדהינג וואָירקערס יוניאָן", באַקאַנט געוואָרען צווישען גרויסען עולם.

די ניו יאָרקער שניידער־ארבייטער האָבען אָבער ניט גע־רוהט און זיי האָבען אין מאָנאט מאַי פון יאָהר 1911 איינבא־רופען א קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיא, וואו עס זיינען געווען פארטראָטען א גרויסע צאָהל לאָקאַלס פון לאַנד. דאָרטען איז באשלאָסען געוואָרען צו גרינדען א שניידער־קאונסיל איבער'ן גאַנצען לאַנד און אין קענעדע. נאָך פילע היציגע דעבאטען, איז אויף יענער קאָנווענשאָן באשלאָסען געוואָרען, אז די שניי־דער־יוניאָנס זאָלען ניט רוהען ביז זיי וועלען ניט אָרגאניזירען די ארבייטער פון דער גאַנצער אינדוסטריע אין אַלע צענטערס פון לאַנד. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע אויפצופאָדערען זייער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקא", אז זי זאָל גלייך אָנשטעלען געווגג פעהיגע אָרגאַניזאַטאָרס צו פאַראייניגען אַלע שניידער־ארבייטער און זיי פאַרברייטען פאַר דעם קומענדען גרויסען קאַמף.

מען מעג זאָגען, אז דיזער פילאַדעלפיער קאָנפערענץ, וועל־כער האָט דאַן געגרינדעט דעם שניידער־„קאָונסיל", האָט געגעבען דעם ערשטען ריכטיגען שטויס צו פאַרווירקליכען דעם ציל, צו וועלכען די שניידער־ארבייטער האָבען אין פאַרלויף פון פופציג יאָהר צייט געשטרעבט, נעמליך — צו אָרגאַניזירען די צעהנדליגע טויזענדער שניידער־ארבייטער.

די קאָמיטע, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אויף יענער קאָנ־פערענץ, האָט גלייך אָפּגעהאַלטען א זיצונג און באשלאָסען צו פאָדערען ביי די גענעראַל באָאמטע פון די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס", אז זיי זאָלען באשטימען געוויסע מאַקס פיין אַלס הויפּט־אָרגאַנייזער פון די ניו יאָרקער שניידער. דער דזשענע־ראַל סעקרעטער פון דער „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס", ב. לאַרדזשער, האָט גלייך איינגעווילגט צו באַשטימען א הויפּט־אָרגאַנייזער פאַר די שניידער, אָבער ווען מיר האָבען איהם גע־זאָגט אז מיר ווילען האָבען מאַקס פיינ'ען פאַר דער ארבייט, האָט ער אין אָנפאַנג גאַר ניט געוואָלט הערען פון דעם, ווייל פיין איז געווען צו „רעוואָלוציאָנער" פאַר זיי, אָבער נאָכדעם האָבען מיר זיך געאייניגט אויף דעם, אז עס זאָלען זיין צוויי

הויפּט־אָרגאַניזירער פון דעם קעמפּיין הגדול, מאַקס פּיין און ב. שווייצער (איינער פון די עלטסטע אָרגאַניזירער פון די שניי־דער און פון פאַרבאַנד פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס"). דיזע צוויי הויפּט־אָרגאַניזירער האָבען געדאַרפט צוציהען די אַלע נויטיגע קרעפטען אום אָנצופיהרען דעם גאַנצען קעמפּיין.

עס האָט גענומען איבער אַ יאָהר צייט, ביז עס איז גע־לונגען די הויפּט־אָרגאַניזירערס, מאַקס פּיין און ב. שווייצער, מיט דער הילף פון זייערע איבעריגע אָרגאַניזירערס (פרייווילליגע און באַצאָהלטע) אריינצוקריגען אין דער יוניאָן די שניידער־ארביי־טער פון די גאָר גרויסע און פון אַלע קלענערע שעפּער. אין נאָוועמבער 1912 זיינען שוין איבער 50 פּראָצענט פון די ניו יאָרקער שניידער פון אַלע פאַכען פון דער אינדוסטריע געווען אין דער יוניאָן. מען האָט טאָג און נאַכט געהאַלטען שאָפּ־מיטינגען. די באַגייסטערונג צווישען די ארבייטער פאַר אַ דזשע־נעראַל סטרייק איז געווען זעהר גרויס. ווען אַלעס איז שוין געווען גוט צוגעגרייט, האָט די יוניאָן געאָרדערט אַן אָפּשטימונג איבער אַ גענעראַל־סטרייק, און 99 פּראָצענט פון די שניידער האָבען געשטימט פאַר אַ גענעראַל־סטרייק.

יענעם אָבענד האָט אַ גרויסע מאַסע שניידער זיך פאַר־זאַמעלט אויף ראַטגערס־סקווער אויסצוהערען דעם באריכט פון די שטימען־צעהלער. ווען די צעהלער האָבען באַקאַנט געמאַכט פאַר דעם טויזענד־קעפּיגען עולם, אַז די גרויסע מעהרהייט סטריי־קער זיינען פאַר אַ סטרייק, האָט די גרויסע מאַסע שניידער, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם סקווער און דעם העטטער פּאַרק, אויפגעכאַפּט מיט באַגייסטערונג דעם געשריי: „סטרייק! סטרייק!" און דער געשריי האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנ־צער איסט סייד פון ניו יאָרק. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגע סצענע.

אין אַ וואָך ארום איז ערקלעהרט געוואָרען דער „גענעראַל־סטרייק הגדול". אזוי האָט מען איהם גערופען. דאָס האָט פּאַסירט דעם 30טען דעצעמבער 1912.

עס איז געווען דאַן אַ רעגענדיגער טאָג. די ערוועהלטע הונדערטע קאָמיטעס האָבען זיך צולאָזען איבער דער גרויסער שטאָדט ניו יאָרק און געטיילט די רויטע פּראָקלאַמאַציעס. דער רוף צום סטרייק האָט געפונען אַ וואַרימען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די איבער הונדערט טויזענד שניידער־ארבייטער פון גרייטער ניו יאָרק. אַלע אידישע, איטאַליענישע, פּוילישע און אַנדערע, פרויען און מענער, שניידער־ארבייטער האָבען ווי איין מענש פאַרלאָזען די שעפּער און האָבען אָוועקגעמאַרשירט אין די פאַרזאַמלונגס־פּלעצער, וועלכע די שניידער־יוניאָן האָט געדונגען פאַר זיי. נאַטירליך האָט מען אַזאַ גרויסע מאַסע שעפּער ניט געקענט גרייכען אין איין טאָג. אָבער די גרעסטע צאָהל שניידער־ארבייטער זיינען דאַן ארונטער אין די ערשטע צוויי טעג. אין פאַרלויף פון דער וואָך זיינען אַלע שניידער־שעפּער פון ניו יאָרק אויסגעלעדיגט געוואָרען.

דער „פאָרווערטס“ האָט זיך דאַן פאַרוואַנדעלט אין אַ צייטונג בלויז פאַר די שניידער־סטרייקער.

די אַדמיניסטראַציע פון סטרייק איז פאַרטיילט געוואָרען ווי פאָלגט: פּיקעט קאָמיטע, אינפאָרמאַציאָנס קאָמיטע, שטיצע זאַמלונג קאָמיטע און רעדנער־קאָמיטע. מען האָט איבערגעגעבען צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אז זיי זאָלען ערוועהלען די דאָזיגע קאָמיטעס.

די סעטעלמענט־קאָמיטע, די סטרייק בענעפיט־קאָמיטע און די דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרען פון די שניידער יוניאָנס גופא, צוזאַמען מיט די הויפּט־באַאַמטע פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס“.

די סימפּאַטיע פון גרויסען פּובליקום איז געווען דורכאויס אויף דער זייט פון די סטרייקענדע שניידער.

די נויט צווישען די אָרימע סטרייקערס איז געווען גרויס. אויף דער צווייטער וואָך פון סטרייק האָט מען אין די פאַרזאַמלונגס־פּלעצער ערשט באַקאַנט זיך מיט דער אמת'ער לאַגע פון דער גרויסער מאַסע שניידער־ארבייטער. ערשט דאָרט האָט מען דערזעהן וואָס פאַר אַן אָרימקייט עס האָט געהערשט צווישען די

אַרבייטער, וואָס האָבען באַקליידט כמעט אַ האַלב אַמעריקאַ. פילע פון די סטרייקערס האָבען אויף דער צווייטער וואָך פון סטרייק שוין ניט געהאַט וואָס צו עסען. דערצו האָבען פילע סטרייקער נאָך געקראָגען „מוף־צעטלאָך“ פון די לענדלאָרדס, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָהלען דירה־געלט.

די געווערקשאַפטען מיט די איסט סייד דיסטריקטען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבען זיך גלייך אָרגאַניזירט אין קאָמיטעס, צו וועלכע מען האָט אויך צוגעצויגען אַלע אַנדערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס און פאַרשיידענע סעטעלמענט־וואָיר־קערס. מען האָט גלייך געעפענט פרייע קיכען פאַר די סטרייקער.

אַלע אָפּטיילונגען פון דער באַוועגונג — די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, דער אַרבייטער רינג און דער „פאָרווערטס“ — האָבען פאַרעפענטליכט אַן אויפרוף דורכ'ן „פאָרווערטס“ צו אַלע אָרגאַניזאַציעס צו געבען שטיצע פאַר דעם שניידער־סטרייק. אַלס אָנפאַנג האָט דער „פאָרווערטס“ דער ערשטער בייגעטראָגען פאַר דעם שניידער־פאָנד טויזענדער דאָלאַרס. דאַן איז געקומען די קלאָוק מאַכער יוניאָן, די ליידיס וויסט מאַכער יוניאָן, די פאָריערס יוניאָן און אַלע אַנדערע קלענערע יוניאָנס און אַלע האָבען געהאָלפען די שניידער מיט צעהנדליגע טויזענדער דאָלאַרס. אויף אַלע שמחות, בעלער און אונ־טערהאַלטונגען — איבעראַל האָט מען געזאַמעלט געלד פאַר דעם שניידער־סטרייק.

די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס“ האָבען פאַנאַנדערגע־שיקט אַן אויפרוף צו אַלע „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר“ יוניאָנס און אויך זיי האָבען זיך זעהר פריינדליך אָפּגערופען מיט שטיצע.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען אויך גע־עפענט צוויי גרויסע גראָסערי־סטאָרס, וואו מען האָט געטיילט צו די סטרייקער לעבענס־מיטלען: מעהל, ברויט, צוקער, בעבלאָך און אַנדערע עסענוואַרג־פּראָדוקטען. די אידישע בעקער־יוניאָנס האָבען צוגעשטעלט יעדען טאָג צעהנדליגע וועגען מיט טויזענדער

לאָבענס ברויט פאַר די הילפס־גראַסערים און פאַר די פרייע קיכען.

די געווערקשאַפטען האָבען אין קלינטאָן האָל אויך געעפענט א ביוראָ, וואו מען האָט געטיילט קליידער פאַר די סטרייקער, פאַר פרויען, מענער און קינדער

די געזאַמעלטע געלדער האָבען די געווערקשאַפטען ניט אויס־געטיילט. זיי האָבען בלויז געזאַמעלט דאָס געלד און עס קווי־טירט דורכ'ן „פאָרווערטס", און דאַן עס איבערגעגעבען צו די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס", וועלכע האָבען געטיילט דעם סטרייק־בענעפיט.

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען דעם גרויסען באַזאַר, וועלכען די געווערקשאַפטען האָבען אָנגעפיהרט אין „פאָרווערטס"־בילדינג, צו וועלכען מען האָט אונז אריינגעשיקט פון אַל־דאָס־גוטס. די געווערקשאַפטען האָבען אויפ'ן באַזאַר געעפענט א דעפּאַרטמענט סטאָר פון וואָס איהר ווילט נאָר אַליין. מען האָט אַלעם אויספארקויפט צום גרויסען עולם און דאָס געלד איז איבערגעגעבען געוואָרען צום סטרייק־פאָנד.

ביי יענעם באַריהמטען באַזאַר האָב איך זיך ווידער גע־טראָפען מיט דעניעל דעליאָנ'ען. ער איז אַהין געקומען מיט זיינע „ס. ל. פ."־חברים ב. ריינשטיין, דר. האמער מיט זיין פרוי, י. שלאָסבערג און נאָך אנדערע. די טוער פון יענעם שניי־דער־סטרייק זיינען אפּנים, לויט גענאָסע דעליאָן'ס מיינונג, ניט געווען קיין „פייקערס", נאָר אמת'ע „קלאַסען־באַוואוסטע" טוער פון דער קעמפענדער ארבייטער־באַוועגונג.

דער קאַמף פון די שניידער איז געווען א ביטערער. די קלענערע שניידער־באָסעס האָבען געסעטעלט מיט דער יוניאָן, אָבער דאָס האָט קיין באדייטונג ניט געהאַט, ווייל די רייכע מאַנופעקטשורערס זיינען געווען פאַר'עקשנ'ט און ניט געוואָלט סעטלען. די קליידער־פאַבריקאַנטען זיינען דאַן געווען אָרגאַ־ניזירט אין דרייערליי אַסאָסיאיישאָנס. די פארפאָלגונגען מצד דער פּאָליציי, די ברוטאַלע האנדלונגען פון די געדונגענע שטאַר־

קע „גארדס“. וועלכע האָבען געשלאָגען די סטרייקענדע שניידער, האָבען נאָך שווערער געמאַכט די לאַגע.

נאָך צעהן וואָכען סטרייקען האָט דער פּרעזידענט פון די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס“, טאָם ריקערט, ניט אָנפרעגענדיג די סטרייקערס, געמאַכט אַ „סעטעלמענט“ מיט דער אַסאָסיאיישאָן פון די גרויסע קליידער־מאַנופעקטשורערס פאַר 54 שטונדען אַ וואָך ארבייט און אַ העכערונג פון 1 דאָלאַר אַ וואָך פאַר יעדען שניידער־ארבייטער. (די פאָדערונגען פון די שניידער זיינען געווען 48 שעה אַ וואָך ארבייט, אַ העכערונג אויף די שכירות פון 5 ביז 10 דאָלאַר אַ וואָך און אַנדערע יוניאָן־קאָנדיציאָנען).

דיזע האַנדלונג פון די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס“ האָט ארויסגערופען אַ גוואַלדיגע ענטריסטונג צווישען די סטרייקערס. זיי האָבען דעם באפעהל פון פּרעזידענט פון זייער אינטערנעשאָנאַל ניט געפאָלגט און האָבען פאָרטגעזעצט דעם קאַמף נאָך מיט מעהר ענערגיע.

צו יענער צייט האָט די יוניאָן פון די סטרייקענדע שניידער שוין געהאַט געסעטעלט מיט הונדערטע מאַנופעקטשורערס און קאָנטראַקטאָרס פאַר 50 שטונדען אַ וואָך ארבייט.

דער סטרייק האָט נאָך אָנגעהאַלטען דריי וואָכען צייט און איז ענדליך געסעטעלט געוואָרען מיט דער גרעסטער באָסעס־אַסאָסיאיישאָן פאַר 53 שעה אַ וואָך ארבייט דעם ערשטען יאָהר און 52 שטונדען אַ וואָך דעם צווייטען יאָהר. דער הויפּט־סעטלער פון יענעם סטרייק איז ווידער אַמאָל געווען גענאָסע מאיר לאָנדאָן, וועלכער איז באַאויפטראַגט געוואָרען פאַר דעם פון דער גאַנצער אידישער ארבייטער־באַוועגונג.

מיט די קלענערע באָסעס־אַסאָסיאיישאָנס, וועלכע האָבען באשעפטיגט ארבייטער אין די אינסייד־שעפּער און ביי קאָנטראַקטאָרס (אַ פופציג פּראָצענט פון אַלע סטרייקערס) איז דער סעטעלמענט געמאַכט געוואָרען אויף 50 שטונדען אַ וואָך ארבייט מיט אַ גרויסער העכערונג אין שכירות.

דעם 8טען מערץ, 1913, איז דער גרויסער גענעראַל־סטרייק פון די שניידער־ארבייטער ערקלעהרט געוואָרען פאַר געענדיגט מיט אַ גרויסען זיג.

די לאָקאַלע שניידער־יוניאָנס זיינען נאָך דעם סטרייק גע־וואָרען גרויס און מעכטיג. עס איז גראַד דאַן געווען אַ סך ארבייט אין די שעפּער און די וועכענטליכע שכירות פון יעדען ארבייטער האָבען גענומען שטייגען פון טאָג צו טאָג.

די ניו יאָרקער שניידער־יוניאָנס זיינען געווען פארבונדען מיט זייער אינטערנעשאָנאַל, די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס", ביז זייער קאָנווענשאָן פון אָקטאָבער, 1914, וועלכע איז פאָר־געקומען אין נעשוויל, טענעסי. צו דיזער קאָנווענשאָן פון די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס אָוו אמעריקא" האָבען די גענע־ראַל באַאַמטע ניט געוואָלט צולאָזען 105 שניידער־דעלעגאַטען פון ניו יאָרק און פון נאָך איינִיגע גרויסע שטעדט, דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט געווען גוטשטעהענד אין זייערע דיוס.

אַלע דעלעגאַטען צו דער נעשווילער קאָנווענשאָן, וועלכע מען האָט ניט צוגעלאָזען, צוזאַמען מיט די וואָס האָבען זיך אליין צוריקגעצויגען, האָבען אָפּגעהאַלטען פאַר זיך אַ קאָנווענשאָן אין נעשוויל און האָבען זיך ערקלעהרט אַלס די ריכטיגע „יונייטעד גארמענט וואָירקערס".

דיזע קאָנווענשאָן האָט איינגעלאַדען סידני הילמאַנ'ען, וועל־כער איז דאַן געווען דער טשיף־קלוירק פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ער זאָל אָננעהמען אַלס פּרעזידענט פון די שניידער, און י. שלאָסבערג'ן אַלס סעקרעטער־טרעזשורער. שלאָסבערג, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט דער ס. ל. פּ. כמעט ביז איהר ענדע, איז אריינגעקומען אַלס סעקרעטער פון דעם ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער שניידער־יוניאָן גלייך נאָך דעם סעטעל־מענט פון דעם גענעראַל־סטרייק אין 1913.

גענאָסע מאַקס פּיין, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די גרויסע מאַסען שניידער און האָט אָנגעפיהרט דעם קאַמף, האָט נאָכ'ן

סטרייק ניט געוואָלט אָננעהמען קיין אמט אין דער שניידער־יוניאָן.

קומענדיג אין ניו יאָרק, האָבען די דעלעגאַטען פון נעש־ווילער קאָנווענשאָן אָפּגעהאַלטען דעם 26טען דעצעמבער 1914 אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן אין וועבסטער האָל, צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פון דער „דזשורנימען טיילאָרס יוניאָן" (די עלטסטע קאָסטאָמער־שניידער יוניאָן פון אַמעריקא) אוןביידע האָבען דאָן געגרינדעט די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אַמע־ריקא". די „דזשורנימען" שניידער־יוניאָן האָט שפּעטער, צוליב דעם פּראָטעסט פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", אָן וועלכער זי איז געווען אָנגעשלאָסען, זיך צוריקגעצויגען פון דער „אַמאַלגאַמייטעד".

די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", וועלכע אנער־קענט ניט קיינע אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס, האָט זיך נאַטירליך גע־שטעלט אויף דער זייט פון דער אַלטער „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" און געגען דער נייער „אַמאַלגאַמייטעד", וועלכע זי אָנערקענט ניט עד היום הזה. דער דעמאָלסטיגער סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען, גענאָסע א. י. שיפּליאַקאָף, איז ספּעציעל געפאָהרען צו דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועלכע איז פאָרגעקומען אין סאַן פראַנציסקאָ, קאַל., אום צו פאַרטיידיגען די האַנדלונג פון די ניט־צוגעלאָזטע שניי־דער־יוניאָנס צו דער קאָנווענשאָן פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס". די פעדערײשאָן האָט אָבער איהר שטעלונג ניט געוואָלט ענדערען.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען זיך אין דעם קאַמף, וועלכען די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" פיהרט אָן געגען די „אַמאַלגאַמייטעד", געשטעלט אויף דער זייט פון דער „אַמאַלגאַמייטעד". די א. פ. אָוו ל. האָט דער־פאַר געזוכט צוריקצוציהען אַלע זייערע יוניאָנס פון די אידישע געווערקשאַפטען, כדי צו צווינגען צו האַלטען די „גאַרמענט וואָיר־קערס" אין די געווערקשאַפטען. דער סכסוך איז אָבער געשליכ־

טעט געוואָרען דורך אַ קאָמפּראָמיס, אַז די געווערקשאפטען זאָלען ניט האָבען קיין פאַרטרעטער ניט פון די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס" און ניט פון די „אמאלגאמייטעד".

דיזער אָפּמאך פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר איז שוין געשלאָסען געוואָרען מיט די איצטיגע באאמטע פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען: מאַקס פּײן, סעקרעטער; מ. פײנסטאָון, אסיסטענט סעקרעטער; ר. גוסקין, פּרעזידענט און מ. אײבראַמסאָן, וויס־פּרעזידענט.

.25

אַ קורצער סך הכּל.

דיַ געשיכטע פון פערציג יאָהר אידישער אַרבייטער־באַוועגונג גיט גענוג מאַטעריאַל אונטערצוציהען אַ סך הכּל פון דעם, וואָס עס איז פאַר דער צייט אויפגעטאָן געוואָרען פאַר דעם אידישען אימיגראַנט אין אַמעריקאַ.

אונזער יעצטיגער דור קען קוים האָבען אַ באַגריף פון דעם וואָס דער אימיגראַנט פון 40 יאָהר צוריק האָט געמוזט אויס־טראָגען אויף זיינע אָרימע פּלייצעס, אום ווי עס איז דורכצור־לעבען. שווער און ביטער איז דאָס לעבען פון דעם איצ־טיגען אַרבייטער. אָבער אַז איהר פאַרגלייכט איהם מיט דעם לעבען פון דעם אידישען אַרבייטער מיט 40 יאָהר צוריק, איז זיין איצטיגער לעבען פּשוט אַ גן־עדן. ווער אַשטייגער האָט מיט 40 יאָהר צוריק געוואוסט פון פאַרדינען מעהר, ווי אויף דעם סאַמע טרוקענעם שטיקעל ברויט? ווער האָט גאָר געקענט טרוימען פון אירגענד וועלכען העכערען גענוס, אויסער פון דאָס סאַמע נויטיגסטע? די שרעקליכע אַרבייטס־צושטענדע אין שאַפּ, די אונגעהייערע לאַנגע אַרבייטס־שטונדען האָבען טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע געטריבען אין אַ פריהצייטיגען קבר, און די, וועלכע האָבען איבערגעלעבט די אַלע יסורים און פּיין, זיינען געוועזן ווירקליך מענשען־ריזען, ווייל אַ געוועהנליכער מענש מיט געוועהנליכע כּחות האָט עס לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטען. דאָס איז געוועזן אַ גיהנום אויף דער ערד אין דעם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט, און אָט דאַן זיינען עס געקומען עטליכע ענטוזיאַסטען, און זיי אַליין האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פון קאַמף געגען די דאָזיגע שקלאַפעריי פון מענש דורך מענש. און עס האָט אויס־געזעהן אַזוי אומגלויבליך, אַז אָט די עטליכע יונגע באַגייסטערטע מענשען זאָלען קענען אויפנעהמען דעם קאַמף מיט אירגענד

וועלכע אויסזיכטען אויף ערפאָלג. זיי האָבען זיך אָבער ניט אָפּ־געשטעלט פאַר קיינע שוועריגקייטען, פאַר קיינע פארפאָלגונגען. די אַלע גרויסע שוועריגקייטען האָבען זיי נאָך מעהר באַגייס־טערט, און — זיי האָבען אויסגעפיהרט. פארשוואונדען איז דער סוועט־שאַפּ. דער ארבייטער, וואָס האָט ניט געטאָרט קיין קאָפּ אויפהויבען אין שאַפּ, איז איצט אַ מענש פול מיט זעלבסט־אַכטונג; אויב ער האָט נאָך ניט די פולע קאָנטראָל אין שאַפּ, איז ער אָבער יעדענפאַלס ניט קיין שקלאַף. באַגעהט געגען איהם דער באַלעבאָס אַן עולה, האָט ער אַ מעכטיגע יוניאָן, וואָס זאָל איהם באַשיצען, און, ווען נויטיג, קעמפּפען פאַר איהם. ער ארבייט. אָבער ווי אַ מענש, ניט מעהר ווי 44 אָדער 40 שטונדען אַ וואָך, ניט 70, 80, ווי אמאָל. ער לעבט מעהר אָדער ווייניגער ווי אַ מענש דאַרף לעבען. ער געהט ניט אַנגעטאָן אין שמאַטעס, ער וואוינט ניט ערגעץ אין אַ פינסטערען קעלער; ער קען זיך פון צייט צו צייט ערלויבען אביסעל פארוויילונג; ער האָט די מעגליכקייט צו געבען זיינע קינדער בילדונג.

אין די 80יגער יאָהרען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אמאָל אַ גרויסע אידישע אימיגראַציע פון רוסלאַנד, זיינען די היגע ענגלישע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען מיט אמאָל געוואָרען ארבייטער־פריינדליך און האָבען גענומען שרייבען וועגען די נייע אידישע אימיגראַנטען, אַז די דאָזיגע אימיגראַנטען מיט זייער ארט לעבען וועלען אראָפּדריקען דעם „סטענדארד אָוו ליווינג" (לעבענס־שטייגער) פון דעם אמעריקאנער ארבייטער, ווייל זיי שטעלען זיך צופרידען מיט קליינע שכירות.

היינט־צו־טאָג בייזערען זיך דיזע ענגלישע צייטונגען אויף די אידישע ארבייטער דערפאַר, וואָס זיי פאָדערען אַלץ בעסערע און בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען.

פאַר דיזען אויפטו אַליין קומט גרויס אנערקענונג צו דער קליינער צאָהל אידישע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען מיט 40 יאָהר צוריק געלעגט דעם ערשטען פונדאַמענט פאַר אַן ארבייטער־באַוועגונג צווישען די אידישע אימיגראַנטען. אין אַ משך פון 40 יאָהר זיינען אין אמעריקא אין דיזער באַוועגונג געוועזען טעטיג

טויזענדע מענשען, וועלכע האָבען אװעקגעגעבען זײער מיה, צײט און אָנשטרענגונג צו העלפען אויפבויען די סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָן באװעגונג.

סיי די יעניגע, װעמעס נעמען איך האָב דערמאָנט, סיי די, װעל־כע איך האָב פאַרגעסען צו דערמאָנען, קומט די פולע אנערקענונג פאַר דער ריזיגער ארבייט, וואָס זיי האָבען געטאָן אין א משך פון יאָהרען אויפצובויען די היינטיגע מעכטיגע אידישע ארבייטער־באַ־װעגונג. די גרעסטע אנערקענונג קומט אָבער די צעהנדליגע טויזענ־דער איינפאַכע שאָפּ־ארבייטער, װעמען עס איז אויסגעקומען אויס־צושטעהן פארשיידענע צרות, ווי הונגער, קעלט, קראנקהייט א. ז. וו. אין די גרויסע קעמפע, וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט אין די 40 יאָהר. אָט די אַלע ארבייטער־קעמפער, די אנטייל־נעהמער אין די אַלע באוועגונגען, די איינפאַכע סאָלדאַטען וואָס שאַפען די געשיכטע — זיי געהען שטענדיג אוועק אין דער פאַר־געסענהייט און זייערע נעמען פארבלייבען ניט אין דער געשיכטע.

די גרויסע צאָהל אידישע ארבייטער־מאסען, וועלכע האָבען זיך דורך דער צייט באטייליגט אין די פילע קעמפע, האָבען אַליין ווייניג וואָס פּראָפיטירט פון אַלע זייערע זיגען. זיי האָבען געוואונען פארבעסערונגען פאַר דעם שפּעטערדיגען דור, פאַר די ארבייטער, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי.

די אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציעס, וועלכע זיינען אויסגערעכענט אין דעם בוך, ווי די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען, די אידישע טרייד יוניאָנס, דער ארבייטער רינג, זיינען געווען די ערשטע קולטור־טרעגער צווישען די אידישע מאַסען. זיי האָבען באַשאַפען די אידישע פּרעסע אין אמעריקא, און דערפאַר טאַקע איז זייער פּרעסע, הויפּטזעכליך דער „פאָר־ווערטס", די בעסטע און ערפאָלגרייכסטע ארבייטער־פּרעסע אין דער וועלט. וואָס דער „פאָרווערטס" האָט ביז יעצט אויפגעטאָן פאַר דער ארבייטער־באוועגונג און וואָס ער טוט יעצט אויף איז באַקאַנט יעדען איינעם ניט נאָר אין אמעריקא, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

די ערשטע מאָמענטאַנע פארבעסערונגען, וואָס די אידישע

אַרבייטער אין אַמעריקא האָבען געקראָגען, זיינען געקומען זיים עס זיינען געשאפען געוואָרען די גרויסע אידישע יוניאָנס מיט גרויסע צאָהלען ארבייטער פון פאַרשיידענע פאַכען.

דעם ערשטען, גרויסען ערפאָלג האָבען די אידישע ארבייטער געהאַט אין יאָהר 1909. דער דזשענעראַל סטרייק פון די ליידיס וויסט מאַכער פון יאָהר 1909 האָט פאַרקירצט די אַרבייטס־שטונדען אויף 52 שטונדען אַ וואָך. פון דאַן אַן זיינען די אַרבייטס־שטונדען אַלץ מעהר פאַרקירצט געוואָרען, און ביי היינטיגען טאָג אַרבייטען די וויסט־ און דרעס־מאַכערינס בלויז 40 שטונדען אַ וואָך.

קוקענדיג אויף די ליידיס וויסט־מאַכערינס, האָבען אויך פאַרבעסערט זייער לאַגע כמעט אַלע אידישע אַרבייטער פון אַלע אינדוסטריען, ספּעציעל די אַרבייטער ביי קלאָוקס, מענער־שניידעריי, פוטער־וואַרג אַרבייטער, קאַפּען־מאַכער, מילינערי־אַרבייטער, העמדער־נייהער, לעדער־אַרבייטער, האַלזטיכער־מאַכער, שריפטזעצער, בוכבינדער, פּיינטערס, סעלצער־מאַכער, בוטשער־אַרבייטער און די אַרבייטער פון אַלע איבעריגע צווייגען פון די פאַרשיידענע אינדוסטריען.

די אַלע אויסגערעכענטע אַרבייטער האָבען ביי היינטיגען טאָג גרויסע און מעכטיגע טרייד־יוניאָנס, וועלכע האָבען פאַר זייערע מעמבערס אויסגעקעמפט קורצע אַרבייטס־שטונדען. אין איינינגע טריידס אַרבייט מען איצט ניט מעהר ווי 44 און זאָגאַר 40 שטונדען אַ וואָך. די אידישע שריפטזעצער אַרבייטען בלויז 36 שטונדען אַ וואָך.

צו די ניו יאָרקער אידישע יוניאָנס באַלאַנגען יעצט אַ צוויי הונדערט טויזענד אידישע אַרבייטער, אויסער די עטליכע צעהנדליג טויזענד אַרבייטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

אין אַנדערע שטעדט פון אַמעריקא זיינען אויך פאַראַן אידישע אַרבייטער־יוניאָנס פון די נאָדעל־טריידס, וואו עס באַלאַנגען אַריבער פופציג טויזענד אידישע אַרבייטער. דיזע אַלע אידישע יוניאָנס צוזאַמען שטעלען צונויף גרויסע אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס, וועלכע שפּילען יעצט אַ גרויסע ראָלע אין דער

אמעריקאנער טרייד־יוניאָן באוועגונג. אזוי, צום ביישפּיל, איז די אינטערנעשאָנאל ליידיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן די פערטע פון די גרעסטע נאציאָנאלע יוניאָנס אין דער „אמעריקען פעדריי־שאָן אָוו לייבאָר". דיזע אידישע טרייד־יוניאָנס האָבען באוויזען אויך צו פאראייניגען אלע איטאליענישע, פּוילישע און אנדערע ניט־אידישע ארבייטער, וואָס ארבייטען צוזאמען מיט די אידישע ארבייטער אין די זעלבע אינדוסטריען און באלאנגען מיט זיי צוזאמען אין איין יוניאָן. די „אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָיר־קערס יוניאָן אָוו אמעריקא", די אָרגאניזאציע פון די מענער־שניי־דער, וועלכע איז ניט אָנגעשלאָסען אָן דער א. פ. אָוו ל., צעהלט אויך איבער הונדערט טויזענד מיטגלידער, מענער און פרויען פון אלערליי נאציאָנאליטעטען.

דער איינפלוס פון דיזע אינטערנעשאָנאל יוניאָנס איז זעהר גרויס. זיי זיינען שוין מעהר ניט די אמאליגע „אָרימע אידישע יוניאָנס". קיינער שעהמט זיך שוין איצט ניט מעהר מיט זיי. יעדער איינער אנערקענט זיי. מען זוכט זייער שטיצע, זייער הילף.

איניגע אידישע יוניאָנס האָבען אייגענע גרויסע באנקען אין ניו יאָרק און אין שיקאגאָ מיט קאפּיטאלען פון א מיליאָן און פון צוויי מיליאָן דאָלאר, ווי אויך גרויסע קאפּיטאלען פאר זייערע פאַרטיידיגונגס־פאָנדען. פילע אידישע יוניאָנס האָבען אייגענע הייזער, וואו זיי האָבען זייערע יוניאָן־אָפיסעס (קאָנ־טאָרען). די אידישע ארבייטער־יוניאָנס זיינען ביי היינטיגען טאָג פעסט־איינגעפונדעוועטע אָרגאניזאציעס, מיט וועלכע מען רעכענט זיך איבעראל זעהר שטארק.

דער ארבייטער רינג, אַן אָרגאניזאציע פאר זעלבסט־הילף, וועלכער צעהלט 83 טויזענד מיטגלידער, טוט אויך וואונ־דערבארע קולטור־ארבייט און שטיצט אלע נויטיגע און ניצליכע אונטערנעהמונגען סיי אידישע און סיי ניט־אידישע.

דער שטארקער איינפלוס פון די מעכטיגע ארבייטער־אָרגאַ־ניזאציעס פון אלע טרייד־יוניאָנס אין ניו יאָרק האָט געבראכט

דערצו, דאָס די רעגירונג פון ניו יאָרק סטייט האָט געפּאַסט אַ גרויסע צאָהל שוץ־געזעצע פאַר אַלע ארבייטער פון סטייט און אַ היבשע צאָהל וויכטיגע געזעצען אויף צו באַשיצען ספּעציעל פרויען און קינדער־ארבייט. איינער פון דיזע געזעצען איז, אַז קינדער ביז 16 יאָהר טאָרען ניט ארבייטען אין די שעפּער, נאָר זיי דאַרפען געהן אין די סקוהלס צו קריגען די נויטיגע בילדונג. דיזער געזעץ, קען מען זאָגען, איז דער גרעסטער אויפטו, וואָס די אָרגאַניזירטע ארבייטער האָבען געוואונען. פאַר אַזאַ געזעץ האָבען געקעמפט אַלע יוניאָנס פון סטייט, אריינגערעכענט אויך די אידישע יוניאָנס.

ווען איך בין מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק געקומען אין אַמעריקאַ האָב איך, ארבייטענדיג אין די פאַבריקען, דאָרט געטראָפען שקלאַפען קינדער פון 9 יאָהר אַלט. אין פילע אַנדערע שטאַאטען פון לאַנד טרעפט מען נאָך יונגע קינדער ארבייטענדיג אין די פאַבריקען. אָבער אין ניו יאָרק סטייט, וואו עס זיינען פאַראַן מעכטיגע טרייד־יוניאָנס און וואו די יוניאָנס פון די אידישע ארבייטער שפּילען אַזאַ וויכטיגע ראָלע, איז דאָס שוין איצט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ווי געזאָגט, זיינען די וויידזשעס פון די ארבייטער אין פאַרגלייך מיט די וויידזשעס פון פאַר 40 יאָהרען געשטיגען אויף 6—7 מאָל מעהר. און די אַלע פאַרבעסערונגען, וואָס ארבייטער האָבען געקראָגען, זיינען נאָר אַ דאַנק דער מאַכט פון זייערע אָרגאַניזאַציעס.

די אידישע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק זיינען געוועזען די ערשטע, וואָס האָבען ערוועהלט אַ סאָציאַליסטישען קאָנגרעסמאַן אין 9טען דיסטריקט. דאָס איז געוועזען מאיר לאָנדאָן, וועלכער האָט 6 יאָהר צייט פאַרטראָטען אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס די אידישע אימיגראַנטען־איינוואוינער פון דעם ניו יאָרקער אידישען ארבייטער־קווארטאַל.

אין יאָהר 1917 האָבען די ניו יאָרקער סאָציאַליסטען ערוועהלט אין אַלע געגענדען פון גרייטער ניו יאָרק, וואו עס וואוינען

די גרעסטע צאָהל אידישע אַרבייטער, 7 אַלדערמען (מיטגלידער פון דער ניו יאָרקער שטאָדט־פאַרוואַלטונג): העלד, ליע, בעקער־מאַן, וואַדעק, וואולף, בראונשטיין און קאַלמאַן; 11 אַסעמבלי־לייט: קאַרלין, ראָזענבערג, וואַלדמאַן, קלעסענס, אָרר, גיטלאָו, וועהייטהאָרן און שיפּליאַקאָף; אויך אַ ריכטער — גענאָסע דזשייקאָב פּענקין.

דער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון גרייטער ניו יאָרק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, גענאָסע מאָרים הילקוויט, האָט אין זעלבען יאָהר, 1917, געקראָגען אַזאַ גרויסע צאָהל שטימען, אַז ער איז געווען דער צווייטער, נאָך דעם ערוועהלטען דעמאָ־קראַטישען קאַנדידאַט פאַר מעיאָר.

ליידער האָט די וועלט־מלחמה ארויסגערופען אַ רעאַקציע אין אַמעריקא און די וואָלקענס פון דער רעאַקציע האָבען פאַרדונקעלט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון לאַנד.

דערצו זיינען גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה געקומען די זאַגענאַנטע „לינקע“, די קאָמוניסטען, און האָבען געשפּאָלטען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אין אָנפאַנג, גלייך נאָך דער שפּאַלטונג, האָט זיך געקענט דוכטען, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקא איז אינגאַנצען צובראָכען. איז אָבער פאַר־איבער נאָר צוויי יאָהר צייט און דער פּאָליטישער הימעל האָט זיך ווידער גענומען אויסלייטערען. די קאָמוניסטען זיינען געבליבען אַ קליין קלייזעל, וועלכע פאַרלירט מיט יעדען טאָג איהר איינפלוס, ווערענד די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קומט ביסלאַכווייז ווידער צו זיך פון די שווערע קלעפּ, וואָס זי האָט באַקומען פון איין זייט פון די מלחמה־„פּאַטריאָטען“ און פון דער צווייטער זייט פון די אָנ־הענגער פון רוסישען באָלשעוויזם. אַלע סמנים ציינען אָן אויף דעם, אַז סוף כל סוף וועט אויך אין אַמעריקא געלינגען צו אָר־גאַניזירען אַ מעכטיגע לייבאָר־פּאַרטיי, לויט׳ן זעלבען מוסטער ווי די ענגלישע אַרבייטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט באַוויזען איבער־צונעהמען די רעגירונג פון דער גרויסער בריטישער אימפּעריע.

די ערשטע אידישע אימיגראַנטען, וואָס זיינען אַהער גע־

קומען אין די 80יגער יאָהרען, די יעניגע פון זיי, וואָס האָבען זוכה געווען צו זעהן די יעצטיגע מעכטיגע אידישע ארבייטער־באוועגונג, מעגען געוויס שטאָלצירען מיט די רעזולטאַטען פון זייער גרויסער ארבייט, וואָס זיי האָבען אָנגעפאַנגען דאָ אין אַמעריקא מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק.

ע נ ד ע.

אינהאַלט־פאַרצייכנים:

פֿאַרוואָרט פון אב. קאהאן — — — — — — — — — — — 7

פֿאַרוואָרט פון פּאַרפאסער — — — — — — — — — — — 9

1. — פון אָדעס קיין אַמעריקא אין 1882טען יאָהר — — — 11

דער פּאָגראָם אין אָדעס אין יאָהר 1881. — אידען פאַנגען אַן מאַסענ־ווייז צו עמיגרירען פון דאָרט קיין אַמעריקא. — דער אָדעסער „עם עולם" און זייערע פּלענער צו גרינדען אין אַמעריקא קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס. — איך פאַהר אין אַמעריקא. — די רייזע פון בראָד און פון דאָרט קיין ניו יאָרק.

2. — אין „קעסטעל־גאַרדען" און אין ניו יאָרק — — — — 25

„קעסטעל־גאַרדען" — די ערשטע קוואַרטיר פון די אידישע אימיגראַנ־טען. — די ערשטע נאַכט אין ניו יאָרק. — ווי אַזוי ניו יאָרק האָט אויס־געקוקט מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק. — איך קריג אַ „דזשאָב" אין אַ סיגאַר פאַבריק און פאַנג אַן צו „שאַרען גאָלד".

3. — דער 1טער סימפּאַטי־סטרייק פון אידישע אימיגראַנטען 30

דייטשער סקעב־אַגענט פאַרנאַרט די גרינע אידישע אימיגראַנטען אויף אַ שיף צו פאַרנעמען די פּלעצער פון סטרייקענדע דאָק־אַרבייטער. — איינינע קריגען קלעפּ פון די פּיקעטס און ווייסען ניט פאַרוואָס. — אויפן דריטען טאָג דערוויסען זיי זיך, אַז דאָ קומט פאָר אַ „סטאַטשקע" און זיי וואַרפען די אַרבייט. — די „גרינע סטרייקער" מאַרשירען צו־זאַמען מיט די איירישע סטרייקער איבער די גאַסען פון ניו יאָרק.

4. — דער אָנפאַנג פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג 37

די ערשטע באַקאַנטשאַפט פון די אידישע ראַדיקאַלע אימיגראַנטען מיט די היגע דייטשע סאָציאַליסטען. — סערגעי שעוויטש און אַלעקסאַנדער יאָנאָס. — מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט איז שאַפּ מיט אב. קאהאנ'ען און גאָמפּערס'ן. — די ערשטע פאַרזאַמלונגען פון אידישע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק. — רוסיש און אידיש. — אב. קאהאן האַלט די ערשטע סאָציאַליסטישע לעקטשור אויף אידיש.

5. — דער „אידישער אַרבייטער פאַראיין" אין ניו יאָרק (1888—1882) — — — — — — — — — — 49

ווי אַזוי דער „אידישער אַרבייטער פאַראיין" איז געגרינדעט געוואָרען. — די רוסישע און אונגאַרישע אידען. — די ערשטע אַגיטאַציע פאַר יוניאָנס צווישען די אידישע אַרבייטער. — די ערשטע ראַדיקאַלע אידישע צייטונג אין ניו יאָרק, וועלכע איז געווען האַלב ציוניסטיש און האַלב סאָצאַליסטיש.

6. — די אכט־שטונדען באוועגונג און דער 1טער מאי 1886 אין ניו יארק — — — — — — — — — — — — — 54

דער גרויסער ארגאניזאציאנס־קאמפיין פון די ניו יארקער יוניאנס. — די באוועגונג פאר׳ן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג כאפט ארום די ארבייטער פון אלע טריידס. — דער גענעראל־סטרייק און די וואונדערבארע דעמאנסטראציע אויף יוניאן סקווער. — ארבייטער פון בילדינג־טרייד געווינען אלע זייערע פאדערונגען.

7. — די הינריכטונג פון די שיקאגא׳ער אנארכיסטען אין יאהר 1887 — — — — — — — — — — — — 59

די גרויסע באוועגונג אין שיקאגא פאר׳ן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג. — דער ריזיגער ארבייטער־מיטינג דעם 3טען מאי, 1886. — די פראוואקאציע פון דער פאליציי. — די היימארקעט־דעמאנסטראציע און דער באמבען־אטענטאט. — דער פראצעס און די הינריכטונג פון די זיבען ארבייטער־פיהרער.

8. — די ענטשטעהונג פון די ערשטע דריי אידישע יוניאנס 65

די געשיכטע פון דער שוירטמאכער יוניאן. — די שוירטמאכער, די פאבריקאנטען און די קאנטראקטארס אין די אמאליגע יאהרען. — ווי אזוי די ערשטע יוניאן איז געגרינדעט געווארען. — די אמאליגע שריפטזעצער יוניאן. — ווי אזוי די כאריסטען האבען דורך א צופאל געגרינדעט א יוניאן.

9. — די אויפלעזונג פון „אידישען ארבייטער פאראיין" און די גרינדונג פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען 75

אנארכיסטען און סאציאל־דעמאקראטען. — דער אידישער ברענטש 8 ס. ל. פ. און די גרופע „פיאנירען דער פרייהייט". — די ערשטע גרינדונגס־קאנפערענץ פון די „געווערקשאפטען". — די דייטשע סאציאליסטען און די אידישע יוניאנס.

10. — דער גרויסער ארגאניזאציאנס־קאמפיין פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און די ענטשטעהונג פון די ערשטע גרויסע יוניאנס פון אידישע ארבייטער 83

דער אנפאנג פון דעם אידישען טעאטער אין אמעריקא און די גרינדונג פון דער אידישער אקטיארען־יוניאן. — ווי אזוי די אידישע בעקער־יוניאנס זיינען געגרינדעט געווארען. — די אנטשטעהונג פון דער קאפען־מאכער יוניאן. — די געשיכטע פון די שניידער־יוניאנס אין ניו יארק.

11. — דער ערשטער וואהל־קאמפיין פון די ניו יארקער אידישע סאציאליסטען אין יאהר 1888 — — — — — — — — 103

די ערשטע שפאלטונג אין דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי (ס. ל. פ.). — א סאציאליסטישער פרעזידענשעל־קאמפיין אהן א קאנדידאט פאר פרעזידענט. — דער ערשטער סאציאליסטישער אפען־עיר מיטינג אויף דער איסט־סייד. — ווי אזוי די פרומע אידען האבען געקוקט אויף די סאציאליסטען און די „אויפנאהמע", וואס מיר האבען געקראגען פון די קאפיטאליסטישע פאליטישענס.

12. — דער קאמף צווישען די אנארכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען און דער אָנפאַנג פון דער אידישער אַרבייטער־פּרעסע — — — — — — — — — — — — — 111

„לינקע" און „רעכטע" אין די אַמאָליגע יאָהרען. — די טענות פון די אנאַרכיסטען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האַלטען אַפּ די „סאָציאַלע רעוואָלוציע". — די „פּאַרטייאישע" און די „פּאַרעווע לאַקשען". — דער פאַרזוך צו גרינדען אַ בשותפות'דיגע אַרבייטער־צייטונג פון אַנאַרכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען — די באַוועגונג אין באָסטאָן און אין פיאַדעלפיאַ.

13. — די גרינדונג פון דער „אַרבייטער צייטונג" אין מערץ, 1890 — — — — — — — — — — — — — — 124

ווי אַזוי מיר האָבען געשאַפען די ערשטע קהל'שע אידישע אַרבייטער־צייטונג אין אַמעריקאַ. — אַב. קאַהאַן און יאָזעף באַראָנדעס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די שעפּער פאַרקויפען טיקעטס פאַר די אונטער־נעמונגען פון דער „אַרבייטער־צייטונג". — פיליפּ קראַנץ, דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער־צייטונג". — די היסטאָרישע נאַכט, ווען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג איז אַרויס פון דרוק.

14. — די צוויי גרויסע סטרייקס פון אידישע אַרבייטער אין יאָהר 1890 — — — — — — — — — — — — — 134

דער סטרייק פון די 900 ניע־פּענטס־מאַכער און דער ערשטער גענעראַל־סטרייק פון די קלאָוקמאַכער. — ווי אַזוי די ערשטע קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען. — יאָזעף באַראָנדעס און די קלאָוקמאַכער. — באַראָנדעס'עס אַרעסט און זיין פּראָצעס.

15. — די אידישע אַרבייטער באַוועגונג און דער אָנפאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ — — — — 149

די ערשטע אַרבייטער־פּאָעטען מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַדט און יוסף באָוושאָווער. — זייער ווירקונג אויף דער אַרבייטער מאַסע. — ווי יעקב גאָרדין איז געוואָרען אַ אידישער דראַמאַטורג. — ז. ליבין און ל. קאָברין.

16. — דער ערשטער לייבאָר לייסעאום און די ערשטע „גענאָ־סענשאַפטליכע קיבעצאַרניע" אין ניו יאָרק — — — — 162

די ראָלע, וואָס די קאַפּע־סאַלונס האָבען געשפּילט אין דער באַוועגונג. — דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער קאַפּע־סאַלון און די גרינדונג פון דעם ערשטען לייבאָר לייסעאום אין יאָהר 1892.

17. — דעניעל דעליאָן און די אידישע יוניאָנס — — — — 167

דער אָנפאַנג פון דעניעל דעליאָנ'ס קאַריערע אין דער אַרבייטער באַוועגונג. — די „נייטס אָוו לייבאָר" און די „אַמעריקאַן פעדערייש‌אַן אָוו לייבאָר". — דער ערשטער פאַרזוך צו גרינדען סאָציאַליסטישע אָפּאָזי־ציאָנס־יוניאָנס אין אַמעריקאַ. — דער קאַמף צווישען דעליאָנ'ען און די דייטשע גענאָסען. — די „פּיפּל" און די פאָלקס־צייטונג". — דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס" און זיין קאַמף געגען די דאָמאָלסטדיגע יוניאָנס.

18.— די טעטיגקייט פון די אידישע סאָציאַליסטען פון יאָהר 1890 ביז 1896 — — — — — — — — — — — — 186

די גרינדונג פון דער ערשטער טעגליכער סאָציאַליסטישער צייטונג „דאָס אבענד־בלאַט”. — ב. פייגענבוים און מ. באַראַנאָוו. — די מיינונגס־פאַרשיידענהייטען אין דער פאַרטיי. — ווינטשעווסקי'ס „אמת” און זיין ערשטער ארויסטריט געגען דעליאָנ'ס טאַקטיק. — די גרינדונג פון דער „צוקונפט”. — די ערשטע סימנים פון דער צוקונפטיגער שפּאַלטונג אין דער פאַרטיי.

19.— דער היסטאָרישער סאָציאַליסטישער קאַמפּיין אויף דער איסט־סייד אין יאָהר 1896 — — — — — — — — 195

די אמאָליגע פּאָליטישע קאַמפּיינס אויף דער איסט־סייד. — די צוויי „טשאַרלי'ס”, וואָס האָבען יאָהרען לאַנג באַהערשט די איסט־סייד. — דעליאָנ'ס קאַמפּיין אין 16טען אסעמבלי דיסטריקט, וואָס האָט אויפּגערודערט גאַנץ ניו יאָרק. — דער ערשטער גרויסער ערפאָלג פון די ניו יאָרקער סאָציאַליסטען אין די פּאָליטישע וואַהלען.

20.— די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּאַרטיי און די גרינדונג פון „פאָרווערטס” — — — — 201

די אָפּאָזיציע פון דער „ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אסאָסיאיישאָן” רייסט זיך אָפּ פון דער ס. ל. פּ. און גרינדעט דעם „פאָרווערטס”. — א. ליעסין ווערט איינער פון די הויפּט מיטארבייטער פון „פאָרווערטס”. — די צווייטע שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. און דער אוועקגעהן פון די „קענגערוס”. — יודזשין וו. דעבס און זיין „סאָשעל־דעמאָקראַטיק פּאַרטי”. — די פאַראייניגונג צווישען די אָפּגעשפּאָלטענע טיילען פון דער ס. ל. פּ. מיט „דעבס'עס פּאַרטיי”. — שיקאַגאָ און ניו יאָרק.

21.— ווי אזוי דער ארבייטער רינג איז געגרינדעט געוואָרען 213

די אמאָליגע קאָנסערוואַטיווע אידישע „לאָדזשעז” מיט זייערע משוגע'נע צערעמאָניעס. — די אורזאַכען, וואָס האָבען געפיהרט צו דער גרינדונג פון דעם ערשטען ברענטש פון ארבייטער רינג. — ווער זיינען געווען זיינע ערשטע גרינדער ? — ווי אזוי פון דעם איין ברענטש איז אויס־געוואַקסען דער מעכטיגער אידישער ארבייטער אָרדען.

22.— די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון 1900 ביז 1907 — 217

די „סאָשעליסט ליטערארי סאָסייטי” און איהר טעטיגקייט צווישען דער היגער געבאָרענער יוגענד. — באַראָנדעס'עס קאַמפּיין אין יאָהר 1904 און הילקוויט'ס — אין יאָהר 1906. — דער „ערשטער אגיטאַציאָנס־דיסטריקט” פון דער איסט־סייד. — דער גלח אוירוויז, וואָס איז, א דאַנק די אידישע סאָציאַליסטען, געוואָרען א סאָציאַליסט.

23.— די „איי־דאַבליו־דאַבליו” (א. וו. וו.) באַוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער — — — — — — — — — — 223

24.— די נייע עפּאָכע אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג (פון יאָהר 1909 ביז 1913) — — — — — — — — 232

די בעקער־יוניאָנס גיבען דעם ערשטען סיגנאַל צו אַלע אידישע ארביי־טער, אַז מען זאָל זיך אַנפאַנגען אָרגאַניזירען. — דער היסטאָרישער סטרייק פון די 20 טויזענט ליידיס ווייסטמאַכער אין יאָהר 1909. — דער אויפשטאַנד פון די 50 טויזענט קלאָוקמאַכער אין יאָהר 1910 און די גרינדונג פון דער גרעסטער אידישער יוניאָן. — דער פאַריער סטרייק אין יאָהר 1912. — די אידישע פּיינטערס יוניאָן. — די אָרגאַניזירונג פון די קלענערע יוניאָנס. — די שניידער „רעוואָלוציע” אין יאָהר 1913 און די גרינדונג פון דער „אמאַלגאַמייטעד”.

25.— אַ קורצער סך־הכל — — — — — — — — — — — 274

פאַרלאַג „וועקער״

אין אָפיס פון „פאָרבאַנד״, 175 איסט בראָדוויי, קאָן מען באַקומען די פאָלגענדע אויסגאַבען :

פון מאַרקס ביז לענין

פון מאָרים הילקוויט — — — — פרייז 25 סענט

די געשיכטע פון דער אַמעריקאנער ארבייטער באַוועגונג.

פון דזשיימס אָ'ניעל — — — — — — — — פרייז 10 סענט

אַ האַלב יאָר הונדערט רוסישע רעוואָלוציע

פון לעוו דייטש — — — — — — — — פרייז 25 סענט

דער עיקר פון מאַרקסיזם

פון עדוארד בערנשטיין — — — — פרייז 10 סענט

צוויי בענד געזאַמעלטע לידער פון י. ארלער

פרייז $2.25

קען מען דאווענען סאָציאליזם ביחידות

פון ב. פייגענבוים — — — — — — — $7 פער טויזענד

אן אָפענער בריף צו אָלגינ'ען

פון דוד אַיינהאָרן — — — — — — — $7 פער טויזענד

די לינקע פּראָלעטאַריער אין ארבייטער רינג

פון ל. ראָטמאַן — — — — — — — — $7 פער טויזענד

די אויבען אויסגערעכענטע ביכער קענען די לעזער פון „וועקער״, באַקומען אלס א פּרעמיום צו א יעהרליכער סובסקריפּשאָן.